STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08095

LEBN UN TRAKHTN

J. Kahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב כהן
(בן אהרן)

לעבן און טראַכטן

עסייען

פאַרלאַג בידערמאַן

184 צווייטע עוועניו, ניו־יאָרק

תשי"ז — 1957

געווידמעט
דעם 10־טן יובל פון מדינת ישראל

J. KAHAN

"LEBN UN TRACHTN"

(Essays)

Copyright 1957, by

J. KAHAN

1517 Jesup Ave., Bronx 52, N. Y.

Printed in U. S. A.

אינהאַלט

I

לעבן

דער ערב־געשען אינעם מענטשלעכן לעבן 1
גלויבן און אומגלויבן 8
דאָס אַנטפּלעקטע און דאָס פאַרהוילענע 15
פאַנטאַזיע, טרוים אוןווירקלעכקייט 19
אינהאַלט און פאָרעם 25
ליכט 35
קונסט, פרייע קונסט און יידישע קונסט 39

II

פאָלק און זיין

רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער יידישקייט 43
דאָס נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אין אונדזער אויפפאַסונג...... 61
קולטור־היסטאָרישע טעותים 65
באַוווסטזיין און נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין 70
וואָס איז און דאַרף זיין דער ציוניזם? 73
פון קאָנסטרוקטיוון ציוניזם, צו אַ נאַציאָנאַלן קאָנסטרוק־
טיוויזם 82
איבערטריבענער קאָנסערוואַטיזם 87
ימים טובים 92
גייסט און מאַטעריע 96
דאָס עדות־זאָגן פון די סאָוויעטישע וויסנשאַפטלער 99

III

שרייבער און ווערק

י. ל. פרץ און שלום עליכם 103
דער פאַרגעסענער נאָמבערג 109
א. ש. הערשבערג 113
פסח קאַפּלאַן 120
באַריישאַ און סעגאַלאָוויטש 128
י. אָפּאַטאָשו, „דער לעצטער אויפשטאַנד" 134
ה. בערגערס „אַ שטאָט אין פוילן" 140
רבי מאיר און ברוריה 146
שלום אַש ווי אַ יידישער שרייבער .... 151־160

קריטישע אָפּשאַצונגען און מיינונגען איבער יעקב כהנ׳ס ביכער

רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן, „דאָס נייע לעבן״, ביאַליסטאָק, 1930.

„וואַרשעווער היינט״, וואַרשע, 1930.

שפּיזמאַן, „דער נייער וועג״, וואַרשע, 1932.

משה גראָסמאַן, „אונדזער וואָרט״, פּאַריז, 25־טער יוני, 1949.

שטיינבערג, „אונדזער שטימע״, פּאַריז, 19־טער יוני, 1949.

„קולטור־ידיעות״, פּאַריז, יוני־יולי, 1949.

ל. דאמאנקעוויטש, „אונדזער וואָרט״, פּאַריז (229), 1950.

מאַרק שוויד, „קולטור און דערציונג״, ניו־יאָרק, 1950.

פרידמאַן, „ציוניסטישע שטימע״, פּאַריז, 15־טער מערץ, 1951.

נ. ר. טור סיני, (פּראָפעסאר טאָרטשינער פון ירושלימער אוניווערסיטעט).

זעליג בראָדעצקי, (פּראָפעסאר פון ירושלימער אוניווערסיטעט).

יעקב גלאַטשטיין, „קעמפער״, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1951.

ש. טענענבוים, „קעמפער״, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1951.

יוסף מילנער, „ציוניסטישע שטימע״, פּאַריז 1/1, 1954.

דער לעבעדיקער, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקט 16, 1955.

דער ערב־געשען אינעם מענטשלעכן לעבן

וואָס איז אַזוינס דאָס מענטשלעכע לעבן, ווי אַזוי איז דאָס לעבן אויפגעקומען און צוליב וואָס פאַר אַ צוועק? דאָס קענען מיר נישט וויסן. הגם מען פרוווט עס טיילווייז דערקלערן, וועלן מיר דאָס קלאָר קיינמאָל נישט באַגרייפן.

מחמת דאָס דערגיין צו דער גרונט־סיבה פונעם לעבן, איז דאָס זעלבע ווי צו דערגרונטעווען זיך צו דער סיבה פונעם גאַנצן זיין; צו דער סיבה כל הסיבות, פון וועמען דאָס לעבן איז נאָר אַ טייל.

און דאָס איז פאַר אונדז מענטשן־קינדער אַן אומ־מעגלעכקייט. וואָרעם אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן דעם, זיינען בלויזע השערות, פאַרשידענע געדאַנקען־שפעקולאַ־ציעס.

ס'איז דערפאַר, ווייל דער מענטשלעכער מוח ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, ווי ווייט ער זאָל נישט גרייכן אין זיין אַבסטראַקטן דענקען און פרווון זיך פריי מאַכן פון די אייגענע פענטעס, — וועט ער דאָס נישט באַוויזן צו טאָן. ווייל דאָס דענקען איז אין אים, ווי ער אַליין, דער מענטש, איז אינעם דענקען, — איז דער אופן און דאָס פונקציאָנירן פון זיין געדאַנק, דורך און דורך סוביעקטיוו. דער מענטש דענקט און פילט זיך...

זיינע געדאַנקען זיינען נישט נאָר באַגרענעצט צוליב די שטערונגען פון אינערלעכן און אויסערלעכן אַרום, — נאָר זיי זיינען אויך ווי רינגען איינגעשלאָסן אין דער אייגענער קייט פון זיך. פאַרמאַכט און פאַרהאַקט אין דער

תפיסה פון דער אייגענער לאָגישער באַגרענעצטדיקייט.

דער אין דויער און אָרט באַגרענעצטער מענטש, איז נישט נאָר וואָס ער איז נישט בכוח אויפצונעמען די אומ־ענדלעכקייט פון צייט און אָרט, נאָר ער איז זיך אויך נישט בכוח ערגעץ ווו אָפּצושטעלן אין זיין דענקען.

מחמת פון וואָס פאַר אַן אָנהייב דער מענטש זאָל נישט אָנהייבן זיין באַגרינדונג וועגן לעבן, וועט נאָך אַלץ פאַר אים שטייען דער רעטעניש פון אַ פריער, פון אַ נאָך פריערדיקן בראשית, פון דעם וואָס ס׳איז געווען פאַר דעם. אַזוי ביז אין דער אומענדלעכקייט אַריין.

און דער מענטש איז אויך נישט קיין בלויזע אַבסטראַקציע, ער קען נישט אייביק שווימען אין אַן אומ־ענדלעכן ים פון אַבסטראַקטן דענקען און זיך אַליין אַבסטראַירן.

נאָר ער מוז זיך לויט זיין מענטשלעכע טבע, אפילו אין זיין געדאַנק אָפּשטעלן. צוקומען צו אַ באַשטימטן פונקט און רעזולטאַט, ווי דער שווימער קען נישט אייביק שווימען, נאָר מוז צוקומען צו אַ געוויסן פונקט, צו אַ ברעג.

*

אויב אָבער מיר קענען נישט באַנעמען דעם בראשית און אויפקום־צוועק פונעם לעבן, פּרווון מיר אָבער דערפאַר באַנעמען דאָס שוין פאַרטיקע לעבן. דאָס לעבן אין זיין פאַראַנענקייט.

דאָס לעבן אין אונדז און אויסער אונדז אַזוי ווי ס׳איז, ווי מיר זעען עס און באַנעמען דורך אונדזערע חושים און געדאַנקען, זאָל זיין אפילו באַגרענעצטע געדאַנקען. הגם מיר זיינען מודה, אַז אויך דאָס געלונגט אונדז נישט אויף אַ גאָר פּערפעקטן אופן.

אָבער אויף וואָס פאַר אַ נישט־איז אופן מיר זאָלן דאָס שוין פאַראַנענע לעבן אויפנעמען, קענען מיר עס פאָרט נישט אָפּוועגדן. מיר קענען עס נישט פאַרלייקענען אינעם

עצם. — דאָס לעבן ווי אַן עקזיסטענץ, גייט אָן און געדייעט אין אונדז און אויסער אונדז.

און נישט נאָר וואָס דאָס מענטשלעכע לעבן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דורך אונדזער גאַנצן זיין, נאָר עס שטורעמט אַרויס פון זיך אַ מעכטיקן לעבנס־ווילן און לעבנס־דראַנג, פון וועמענס קוזשניע עס ווערט אויסגעשמידט און באַשאַפן די שאַרפסטע אינסטרומענטן פאַרן דאַזיקן לעבן.

די דאַזיקע לעבנס־עלעמענטן וואָס ווערן אויסגע־כישופט פונעם לעבנס־ווילן, הגם זיי זיינען פאַר אונדז פאַרבאָרגן, מיר זעען זיי נישט, באַגרייפן מיר אָבער ווי דאָס לעבן זייער פאַראַנען זיין אין אונדז. זיי רודערן אונדז אויף דורך זייערע אויסווירקונגען אויף אונדז. נאָך מער: דורך זייערע דאַזיקע ווירקונגען, פילן מיר ערשט דאָס לעבן, לעבן מיר איבער און לעבן אויס דאָס סאַמע לעבן.

און זיי זיינען נישט נאָר אַן אונטערשטיצונג פאַרן לעבן, נאָר טאַקע זיי אַליין די דאַזיקע עלעמענטן, זיינען דער אמתער דערקען־צייכן פונעם לעבן.

*

איינער פון די דאַזיקע לעבענס־עלעמענטן וואָס האַלט אונטער דאָס מענטשלעכע לעבן און דורך וועמען אויך דאָס לעבן ווערט אויפגערודערט, אַנטפּלעקט און דערקענט, איז דער ערב פון געשען. — די צייט־דיסטאַנץ, איידער די זאַך אָדער די געגאַרטע דערשיינונג קומט פאַר אינעם לעבן.

דער דאַזיקער ערב פון דער פריידיקער פאַרקומעניש צו וועלכער דער מענטש גרייט זיך און שטרעבט, איז אויסגעפולט דורך און דורך מיט רייץ, פאַנטאַזיע און נשמהדיקער שפּאַנונג.

מחמת דער מענטש געפינט זיך דאַן אין אַ צושטאַנד פון זעלבסט־היפּנאָז און זיס־אויפרעגענדיקער דערוואַרטונג.

און אויב עס איז פאַראַן עפּעס אַזוינס ווי גליק אינעם לעבן, איז דער דאַזיקער ערב־געשען, די דאַזיקע רייצנדיקע

דערוואַרטונג און פאַרשיכורנדיקע גיריקייט צו באַגעגענען און אויפנעמען די סאַמע פריידיקע אָנקומעניש, דער רעלאַטיוו גליקלעכסטער מאָמענט אינעם מענטשלעכן לעבן. און וואָס נענטער צום געשען, אַלץ אינטענסיווער טרעט אַרויס דאָס דאָזיקע געפיל.

די ערב־איבערלעבונג און דער באַוואוסטזיין פונעם פריידיקן געשען, דאָס שטרעבן און גליסטן צו זיין אָנקום איז אָפּטמאָל שטאַרקער און רייצנדיקער ווי דאָס געשען אַליין. באַזונדער דעמאָלט, ווען די פאַרקומעניש, דער יום־טוב אינעם לעבן צו וועלכן מען גרייט זיך, איז שוין אַן איבערגעחזרטער.

און וואָס מער אַ יום־טוב, אַ פרייד אינעם לעבן ווערט איבערגעחזרט, אַלץ שוואַכער איז די איבערלעבונג פון זיין געשען, און דאָס זעלבע פאַרשטייט זיך אויך, די איבערלעבונג פון זיין ערב־אָנקום.

אָבער שטענדיק איז דער דויער און די אינטענסיווקייט פונעם ערב־איבערלעבן, גרעסער ווי די קורצע איבערלעבונג פונעם סאַמע געשען אַליין.

*

פונוואַנעט נעמט זיך דאָס און וואָס איז די סיבה פון דער ערב־געשען־ווירקונג אינעם מענטשלעכן לעבן? ס'איז קודם די דינאַמיק פונעם לעבן אַליין. די נאַטור פונעם לעבן, איז אָנצוגיין מיטן לעבן עס פאָרזעצן, — נישט בלייבן שטייען אויף אַן אָרט.

מחמת פאַסיווקייט און פאַרגליווערטקייט אינעם מענטשלעכן לעבן, איז טויט. די נאַטור האָט צום מיינסטן פיינט פאַסיווקייט און אומבאַוועגלעכקייט. דאָס איז איר קעגנזאַץ.

און דאָס דאָזיקע איז נוגע נישט בלויז אינעם קערפּערלעכן לעבן, נאָר אויך אינעם גייסטיקן לעבן פונעם מענטש. אויך דעם מענטשנס גייסט, אַפילו זיין בלויזער טעאָרע־

טישער באַוווסטזיין, מוז זיך אַקטיוויזירן, ווייטער אָנגיין. אַ מענטש קען גאָר אַ לענגערע צייט נישט אויפהערן צו טראַכטן. אַפילו אינעם שלאָף, מוז דער מענטשלעכער באַוווסטזיין אויף אַ געווייסן אופן זיין טעטיק.

שטויסט דעריבער דער דאַזיקער לעבענס־אַנטרייב וואָס איז דער גרונט־כוח פונעם מענטשלעכן לעבן, וואָס מער דעם ווילן צו מעשים. אונטער אַלע אומשטענדן זיך צו אַקטיוויזירן און פאַרזעצן.

דער דאָזיקער באַהערשנדיקער כוח פונעם לעבן, דער דאָזיקער „שר של חיים"; מוז בכן אין זיין נאַטור זיין זייער דערפינדעריש. און ער באַשאַפט דורך פאַרשידענע מיטלען און קאָמבינאַציעס, די פיינסטע אינסטרומענטן פאַר דעם דאָזיקן צוועק זיינעם.

און איינס פון זיינע דאָזיקע וויכטיקסטע אינסטרומענטן איז צו רייצן און האַלטן אין שפּאַנונג דעם מענטשלעכן גייסט, ווי דעם פירער און קאָנטראָלירער זיינעם.

דעם מענטשנס גייסט, ווי גאָר זיין באַוווסטזיין, מוז זיך געפינען אונטער אַ שטענדיקער טעמפּעראַטור פון וואַכזאַמקייט און געשפּאַנטקייט, וואָס זאָל ווי זאַלץ און געווירץ באַטעמען און באַווירצן זיין לעבן.

דער מענטש מוז אָן אויפהער זיין אין אַ צושטאַנד פון פּערמאַנענטע רעגונגען און רייצונגען, כדי אויפצוהאַלטן און פאַרלענגערן די ליניע פון זיין לעבן. און דער דויער פון די דאָזיקע רעגונגען, איז טאַקע דער דויער פונעם מענטשלעכן לעבן.

דעם מענטשנס גייסטיק־עמאָציאָנעלער מעכאַניזם איז אַזוי געבויט און איינגעשטעלט, ער זאָל פּערמאַנענט זיך אַליין אַרויסרופן און שטרעבן צום ווייטערדיקן, צום אָנ־קומענדיקן; צום אייביק־אַנלויפנדיקן.

די גאַנצע ענערגיע צווישן פרייטיקן ערב־געשען און געשען ווערט בכן פאַרוועגדעט, אויף אין געדאַנק אַרויס־

צורופן באַשיינען און דערהייבן און ביז צו דער גרעסטער פאַנטאַזיע און אין די שענסטע פאַרבן אויסצומאָלן, דעם געגאַרטן אָנקום.

עס ווערט געריצט און געצינדן זיין כוח-הדמיון ביז צו דער העכסטער מדרגה. און דאָס אַלץ אים, דעם מענטשן, זים צו מאַכן דאָס לעבן און אים מיט דער הילף פון פאַנטאַזיע און האָפענונג, אים אַריינגאַרן און אַריינטרייבן אין דער צוקונפט. און אין דער אמתן לעבט דער מענטש מער מיט דער צוקונפט, מיטן מאָרגן, ווי מיט דער קעגנ־וואַרט, מיטן היינט.

מחמת דעם מענטשנס קעגנוואַרט איז אייגנטלעך נישט מער ווי דער אייביק רינענדיקער פלוס, וואָס רינט נאָך פון זיין געבוירן כסדר אַריין אין דער צוקונפט. און יעדע מענטשנס איבערגעלעבטע רגע איז דאָס אַש פון זיין פאַרברענטן לעבן, אויפן מזבח פון ווייטערדיקן אומענדלעכן אָנקום, פונעם אייביק־אַנלויפענדיקן מאָרגן.

די ליניע פונעם מענטשנס לעבן, איז אַזוי־אַרום די ליניע וואָס ציט זיך פון זיין פאַרגאַנגענהייט אין דער צוקונפט. ווייל זיין גאַנצע יניקה שעפּט דער מענטש פונעם נעכטן אויף אַריינצולעבן אינעם מאָרגן. און די קעגנוואַרט ווי דער היינט, איז נישט מער ווי אַן אויסגעטראַכטער דמיון כדי צו סיסטעמאַטיזירן און קלאַסיפיצירן אונדזער לעבן און די צייט. ווייל אויב די פיר און צוואַנציק שעה פון מעת-לעת, איז רעלאַטיוו היינט און מאָרגן, איז עס אָבער אין דער ווירקלעכקייט פערמאַנענטע אַנלויפנדיקע צייט אָדער דויער, וואָס שטראָמט פון נעכטן צום אייביק־לויפנדיקן מאָרגן.

*

ליגט בכן שוין אין די טיפסטע „שיכטן" פון דער נאַטור פונעם מענטשלעכן לעבן, דער אייביקער אָנטרייב צום מאָרגן, צום לעתיד-לבוא. דאָס ברעקעלע היינט מוז בכן

ווי א טראָפּן צעריבן און פאַרווישט ווערן אינעם אייביקן אַנלויפנדיקן ים פון אַנקום.

און לעבענס־אַנטרייב איז אין זיין סאַמע תוך, אַנטרייב צום ווערן, צום באַנייטן ווערנדיקן לעבן.

און דאָס איז: צום אייביק־פליסנדיקן שטראָם פונעם ווערנ־דיקן געשען.

איז דעריבער דער ערב־געשען, רייצנדיקער, אויפ־רודערנדיקער און פאַרכאַפּענדיקער ווי דער געשען אַליין, ווי די קורצע איבערלעבונג פונעם סאַמע געשען, וואָס דאָס איז ווידער נישט מער ווי אַ פּרוזדור צו אַ נייעם ערב־אַנהייב, כדי אויפסניי געשפּאַנט אַריינצושטרעבן און אריינ־צוּוויקלען זיך אין דער אייביקער ראָד פון אַנלויף און לעבנס־אַנקום, ביזן סוף פונעם מענטשנס טעג.

גלויבן און אומגלויבן

אינעם לעבן פונעם מענטש, זיינען פאַראַן אַזעלכע אייביקע עלעמענטן, וואָס בילדן דעם יסוד פאַר זיין לעבנס-כוח און שמידן אוים זיין ווילן צו לעבן.

די דאָזיקע עלעמענטן באַגייסטערן דעם מענטש און דערהייבן אים צו אומגעזעענע הייכן. ווי אויף אָדלער-פליגל טראָגן זיי אים אַדורך דורך אַלע זיינע לעבנס-שטורעמס, — האַלטענדיק אים אין דער נעץ פונעם אייגענעם לעבנס-שימער...

זיי זיינען אַזוי אור-יסודותדיק און דויערנדיק, ווי דאָס לעבן אַליין. מיטן לעבן קומען זיי אויף און מיטן זעלבן לעבן פאַרשווינדן זיי, „כאילו לא היו” (ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען).

און ווי אַ טייל פונעם לעבן, זיינען זיי אויך באַשטימט זיך אַליין — ווי דאָס גאַנצע לעבן, צו באַדינען. דאָס זיינען די סאַמע גרונט-כוחות פונעם לעבן, פונעם לעבנס-אַנטרייב; פונעם סאַמע ווילן צו לעבן.

*

איינס פון אַט די לעבנס-עלעמענטן, איז דער גלויבן. דער מענטש מוז שטענדיק גלויבן אין עפּעס. ער איז פון זיין נאַטור אַ גלויבענדיקע באַשעפעניש. ער קען גאָר אין אלגעמיין נישט אויפהערן צו גלויבן אַזוי-לאַנג ווי ער לעבט, ווי ער קען נישט אויפהערן צו אָטעמען.

מחמת גלויבן, איז ווי האָפענונג זיין לעבנס-כוח, זיין סאַמע גרונט-כוח. ס'איז די נויטיקסטע פונקציע פון זיין

לעבן, דער סאַמע וואָרצל פון זיין נשמה און גאַנצער עק־זיסטענץ.

*

דער מענטש קען אַמאָל אמת זיך אַנטוישן אין אַ טייל פון זיין גלויבן, אים בייטן אויף אַן אַנדערן, ווען עס גייט אין מענטשלעכע אידעאַלן אָדער אין גייסטיקע דערשיינונ־גען, ווי למשל: אין גאָט, נשמה אומשטערבלעכקייט, השגחה פרטית, א.א.וו. ער קען אָבער נישט בלייבן אָן קיין גלויבן בכלל, ער מוז אין עפּעס גלויבן. זאָל זיין אין זיך, אינעם אייגענעם לעבן; אָדער אין אַן אַנדער אויסער זיך גלויבן.

און ס׳איז קיין אומגלויבן, קיין אַבסאָלוטע פאַרליי־קענונג; גאָרנישט בנמצא. וואָרעם וואָס איז דען אַן אַפּי־קורס? ער גלויבט נישט אין אַלץ וואָס אַ צווייטער גלויבט, ער גלויבט אָבער דערפאַר אין דעם, אין וואָס אַ צווייטער גלויבט נישט...

אָבער אין איין זאַך גלויבן אַלע, אַלע מענטשן פון אַלע ראַסן און קאָלירן, ווילדע צו נישט־ווילדע, געלערנטע צו אומגעלערנטע. זיי אַלע גלויבן פעסט אינעם לעבן, אינעם אייגענעם לעבן.

מחמת אָן דעם, אָן דעם גלויבן אין זיך אַליין, אינעם אייגענעם לעבן; איז בכלל נישט דענקבאַר קיין עקזיסטענץ.

און ווי דער פאַרצווייפלטער מענטש זאָל נישט אַרומ־גיין מיט פאַרבראָכענע הענט און שרייען: דאָס לעבן איז גאָרנישט ווערט, איז עס מער נישט ווי „מן השפה ולחוץ". ס׳איז מער נישט ווי אַזאַ פּסיכישער צושטאַנד, אין וועלכן דער מענטש געפינט זיך דאַן.

ווייל אין דער אמתן וויל דער מענטש טראָץ זיין יאוש גאָרנישט אויפהערן צו לעבן. אין די טיפענישן פון זיין „איך" און אין די פאַרבאָרגנסטע „שיכטן" פון זיין לעבנסאַנטרייב, הערט זיין גלויבן אינעם אייגענעם לעבן גאָרנישט אויף.

און אַזוי לאַנג ווי עס דויערט זיין לעבן, מוז זיין דאָזיקער גלויבן זיין פעסט פאַראַנקערט ביים ברעג פונעם אייגענעם לעבן...

וואָרעם וואָלט דער מענטש באמת אויפגעהערט צו גלויבן אין זיך, וואָלט ער לחלוטין קיין איין טריט, קיין איין שפּאַן נישט געקענט מאַכן. ער וואָלט געווען ביי אַלע זיינע פיזישע כוחות געליימט. ווען אפילו גייסטיק געליימט.

ער וואָלט למשל, אויפהייבענדיק זיך אין דער פרי פון שלאָף, נישט נאָר זיך נישט געגומען צו זיין באַשעפטי־קונג, נאָר ער וואָלט גלייך לכתחילה פון בעט זיך נישט גערירט. צו וואָס? אויב ער גלויבט לחלוטין נישט אין זיינע כוחות, אין זיינע שטרעבונגען און אין זיינע מעשים. און דאָס לעבן וואָלט דאַן פאַר אים געוואָרן פוסט און איבריק.

*

און ס׳איז זיכער, אַז דער גלויבן, איז דעם מענטשנס שטאַרקסטער עלעמענט, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגע־שיילט און אַנטוויקלט די איבריקע לעבנס־עלעמענטן ווי דעם גלויבנס בייהילפיקע אינסטרומענטן. דאָס זיינען די אייביקע נישט־בייטנדיקע עלעמענטן פון האָפענונג, פאַנ־טאַזיע, טרוים און שטרעבן.

און גלויבן איז נישט נאָר דעם מענטשנס שטאַרקסטער עלעמענט, נאָר ער איז אויך גאָר זיין ערשטער עלעמענט. מהמת בראשית איז געווען דער גלויבן.

ווייל ווי נאָר דער ערשטער מענטש האָט זיך אַליין געגומען פילן, — באַנעמען אויף אַ געווויסן אופן זיין איי־גענעם „איך"; האָט ער גלייך דערפילט דעם גלויבן אין זיך, דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות.

און ערשט פונעם גלויבן אין זיך, האָט ער ווען ער האָט זיך שוין מער באַקענט מיטן אַרום, — אָנגעהויבן אין זיין שרעק און אומבאַהאָלפנקייט — זוכן אַוועלכן ס׳איז

גלויבן אין אַ וועזן אויסער זיך, אין אַ גאָט, כדי אין זיין דאָזיקן גלויבן צו געפינען אַ פיזישן און גייסטיקן אָנשפּאַר.

דער גלויבן אין גאָט, אין אַ פירער און דערלייזער, איז פאַרן ערשטן מענטש אייגענטלעך געווען, ווי ער איז אויך פאַרן היינטיקן גלויביקן, נישט מער ווי אַ באַקרעפטי־קונג און דערמוטיקונג פון זיין אייגענעם גלויבן אין זיך, אינעם אייגענעם „איך".

און ס'איז גאָרנישט וואָס דער גלויבן פונעם פרימיטיוון מענטש, איז אין אים אויפגעקומען ווי אַן אומבאַוווסטזיניקע דערשיינונג, ווי אַן אינסטינקטיווער פון זיך אַליין פּראָצעס.

ווייל דווקא דאָס דאָזיקע באַשטעטיקט די קראַפט פו־נעם גאָט־גלויבן, ווי אַ כוח וואָס קומט פונעם לעבן אַליין און וואָס נורטעוועט אין טיפענישן פונעם מענטשלעכן סוביעקט, ציענדיק זיין יניקה פונעם ערשטן מענטשלעכן גלויבן אין זיך אַליין.

מחמת כדי צו באַנעמען אויף אַוועלכן ס'איז אופן גאָט, האָט דער מענטש קודם כל זיך אַליין אויף אַוועלכן ס'איז אופן געמוזט דערקענען. דאָס מיינט: פונעם ערשטן גלויבן אין אייגענעם „איך", אין זיך אַליין; גייט דער מענטש אַריבער אויפן גלויבן אינעם גאָט אויסער זיך, אינעם וועלט־גאָט.

אַוודאי איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין דער מדרגה פונעם גלויבן אין זיך, צי אין אַ גאָט אויסער זיך, אָדער אין אַ וועלכן ס'איז נאַציאָנאַלן צי סאָציאַלן אידעאַל, ווי ס'איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין דער מדרגה פונעם אויפ־נאָם, דערקענונג און טעמפּעראַמענט פון איין מענטש צום צווייטן.

אָבער דער תוך און די סיבה פונעם עצם גלויבן ווי דאָס איבערגיין פון איין גלויבן צום אַנדערן, איז איינער און דער זעלבער ביי אַלע.

און ס'איז נישט ריכטיק אַז אפילו אינעם גלויבן אויסער זיך, קען דער מענטש בכלל אויפהערן צו גלויבן, שוין נישט רעדנדיק וועגן אויפהערן צו גלויבן אין זיך אַליין, וואָס איז גאָר אַן אוממעגלעכקייט, ווי מיר האָבן אויבן באַוויזן.

דאָס זעט אונדז נאָר אַזוי אויס. עס דאַכט זיך אונדז נאָר, אַז דער מענטש האָט לחלוטין אויפגעהערט צו גלויבן. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס נישט אַזוי.

ווייל דאָס איז בלויז אַ שיינבאַרער אמת. אַ פּאַרפי־רעניש פונעם מענטשנס פאָרמעלער לאָגיק, וואָס ווערט דורכן לעבן אַליין אָפּגעפרעגט. און דאָס לעבן אַליין, איז איבערציינגנדיקער ווי די פאָרמעלע לאָגיק.

לאָמיר דאָס אילוסטרירן מיט אַ קאָנקרעטן ביישפּיל: ווען אַ פריידענקער למשל הערט אויף צו גלויבן אין גאָט, מיינט עס נאָך נישט, אַז ער האָט בכלל אויפגעהערט צו גלויבן אין אַ העכערע אויסערן מענטש פאַראַנענע אָרדענונג.

— דאָס הייסט, ער איז בכלל געבליבן אָן אַ גלויבן.

ער גלויבט נאָר נישט אין אַ פּערזענלעכן גאָט, אָדער אין אַזעלכן, וועמען מען שרייבט צו אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן. אָבער אין עפּעס אַן אַנדער כוח מחוץ דעם מענטש, גלויבט ער יאָ.

צי דאָס הייסט ביי אים נאַטור, וועלט־אָרדענונג; אָדער האַרמאָניע; איז עס נאָר אַ ווערטער שפּיל, אַן אונטערשייד בלויז אין נאָמענקלאַטור. אָבער אינעם סאַמע עצם, אין תוך פון דער זאַך; גלויבט ער דאָך פאָרט אין אַן עפּעס וואָס איז אויסער אים.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז אויך דער וואָס מיינט אַז ער גלויבט בכלל נישט אין קיין שום איבערמענטשלעכן כוח, נאָר איז בלויז איבערצייגט אין די געזעצן פון דער נאַטור און איר אַנטוויקלונג, גלויבט ער דאָך אויך אייגנטלעך אין עפּעס, איז דאָך דאָס אַליין אויך אַ גלויבן, הגם ער רופט עס עוואָלוציע, נאַטירלעכע ענדערונג און אַנטוויקלונג.

און ווער קען אונדז גאַראַנטירן אַז דאָס וואָס דער פריידענקער רופט אַן איבערצייגונג, איז טאַקע אַן אמתע איבערצייגונג, אַ רעזולטאַט פון דער ריינער לאָגיק און נישט די ווירקונג פונעם גלויבן, וואָס איז וואָרצלענדיקער און במילא לעבנס-אמתער ווי די פאָרמעלע לאָגיק וואָס קען גרינג אָפּגעפרעגט ווערן ווייל זי איז אין תוך מער נישט ווי אַ שיינבאַרער אמת ?

און אויב מיר זאָלן אָננעמען אַז ס'איז פאַראַן אַן אַבסאָלוטע פאַרלייקענונג, אַפילו אינעם גלויבן פון זאַכן און דערשיינונגען מחוץ פונעם מענטש, ווי קומט עס וואָס דער מענטש איז זיך אַליין סותר, ווי למשל : ווען אַ פריי־דענקערישער קינסטלער, אָדער אַן אַנדער שעפערישער מענטש, וואָס גלויבט לחלוטין נישט אין גאָט און אין גייסטיקער אומשטערבלעכקייט, קעמפט פונדעסטוועגן און ראַנגלט זיך אַ גאַנץ לעבן פאַר זיין אייגן ביסל אומשטער־בלעכקייט ?

און דאָס נישט נאָר דער גייסטיק-שעפערישער מענטש, נאָר אויך יעדער פשוטער פריידענקער וואָס פאַרלייקנט אַלץ, באַמיט זיך פונדעסטוועגן איבערצולאָזן נאָך זיך עפּעס אַ זכר, צי דאָס איז דורך אַ פּאָליטישער, פילאַנטראָפּישער; אָדער קולטורעלער טעטיקייט.

דאָס זעלבע האָט יעדער פריידענקער זיין חלק אויף אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אופן — אין אַלע איבריקע גלויבנס-דערשיינונגען וואָס האָבן צו טאָן אַפילו מיטן אַלגעמיינעם גלויבן, —— וואָס איז מחוץ פונעם גלויבן אינעם אייגענעם לעבן.

*

בכן קומט אויס, אַז אויך דער פריידענקער, ווי יעדער מענטש בכלל, איז אויף אַ געוויסן אופן גלויביק, אַפילו אינעם אַלגעמיינעם גלויבן. און דעם מענטשנס צעקריגט

ווערן מיטן גלויבן, קומט נישט פאַר אויף אַן אבסאָלוטן אופן.

פונקט ווי אין דער נאַטור ווי עס קומט פאַר אַ בייטן זיך פון די צושטאַנדן, אַן איבערגאַנג פון איין עלעמענט אינעם צווייטן, — אַזוי אויך קומט פאַר אין דער מענטשלעכער פסיכיק אַן איבערגאַנג פון איין גייסט צושטאַנד אינעם צווייטן, פון איין אופן גלויבן אויפן צווייטן.

אָבער גאָר אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון איר גרונט־עלעמענט, פונעם גלויבן, ווערט נישט די מענטשלעכע פסיכיק. גאָר אָן אַ גלויבן, קען דער מענטש נישט זיין, ווי ער קען נישט זיין אָן אַ הארץ, אָן אַ מוח.

און ווען דער מענטש אַנטוישט זיך אין זיין גלויבן אויף אַ געוויסן געביט, ווערט באַלד די מענטשלעכע פסיכיק געדעקט מיט גלויבן אויף אַן אַנדער געביט. אַזוי ביזן סוף פון זיינע טעג.

און אַפילו דאַן ווען דעם מענטש אַליין זעט אויס אַז ער גלויבט לחלוטין נישט, איז עס נאָר אַזאַ מין אויגן־פאַר־בלענדעניש, אַזאַ אויסדאַכטעניש; טראָץ דעם וואָס דאָס קומט פאַר אין מיטן טאָג. ער ווערט דאַן פאַרפירט פון זיין פאָרמעלער לאָגיק וואָס איז נישט שטענדיק קיין באַגלויב־טער עדות, וואָס דאַרף אַמאָל אַליין קאָנטראָלירט ווערן...

*

בכן דער עלעמענט פונעם גלויבן, איז דער שטאַרקס־טער אינסטרומענט פאַרן מענטשלעכן זיין. — ס'איז גאָר אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן דאָס מענטשלעכע לעבן, אָן דעם דאָזיקן עלעמענט. ס'איז דאָס ווירקזאַמסטע געצייג מיט וועלכעם דער לעבנס־אַנטרייב באַנוצט זיך.

און כאָטש מיר קענען נישט די דאָזיקע פסיכישע אָדער איבער־עמפירישע דערשיינונג, מיט אַ מאַטעמאַטישע פינק־טלעכקייט פעסטשטעלן, ווייסן מיר אָבער אַז זי איז בנמצא און איז אַ טייל פונעם מענטשנס ווירקלעכקייט.

דאָס אַנטפּלעקטע און דאָס פאַרהוילענע

וואָס איז נגלה, דאָס אַנטפּלעקטע; דאָס איז פאַר אונדז קלאָר. דאָס זיינען זאַכן און דערשיינונגען וואָס זיינען פאַר אונדז אָפן נישט פאַרשטעלט, אָדער אַזוינס, וואָס זעט אונדז אוים באַגרייפלעך און פאַרשטענדלעך.

מיר זאָגן עס זעט אונדז אוים, ווייל אין תוך, איז אויך דאָס אָפענע, דאָס נישט פאַרשטעלטע; פאַר אונדז גאָרנישט אַזוי אָפן, ווי מיר ווען דאָס וויטער זען. נאָר אויבנאויפיק, „למראית העין", איז עס אַנטפּלעקט.

*

וואָסזשע איז דאָס פאַרהוילענע, דאָס נישט־אַנטפּלעק־טע ?

מיטן פאַרהוילענעם מיינען מיר, יעדע פיזישע אָדער גייסטיקע דערשיינונג וואָס איז פאַר אונדז פאַרבאָרגן, ווען מענס עצם און תוך מיר באַגרייפן נישט און עס בלייבט פאַר אונדז אַ סוד.

עס פרעגט זיך אָבער, צי איז דער סוד אַ זאַך פאַר זיך, אָדער אויב נישט אינגאַנצן פאַר זיך, — צי עקזיסטירט ער אין שותפות מיט אַן אַנדער זאַך, אָדער איז ער בלויז אַ באַגריף וואָס פאַרמאָגט בכלל נישט קיין עקזיסטענץ, נאָר וואָס באַצייכנט בלויז אַ צושטאַנד פון אַ דערשיינונג ?

עס איז זיכער, אַז דער סוד וואָס דאַרף באַצייכענען דאָס פאַרהוילענע, איז נישט נאָר וואָס ער איז נישט מער ווי אַ נאָמען, אַ סימן פאַר אַ געוויסן צושטאַנד; — נאָר דער סאַמע צושטאַנד אַליין, דאָס פאַרהוילענע, עקזיסטירט גאָרנישט, איז מער נישט ווי אַ פיקציע.

ווייל אין דער אמתן, אַן און פֿאַר זיך, איז גאָרנישט פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי סוד, אָדער פֿאַרהוילעניש. גאָרנישט איז אינעם זיין, — אין דער אַל-ווירקלעכקייט; פֿאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס איז נסתר, פֿאַרבאָרגן. אַלץ וואָס איז נאָר פֿאַראַן, וואָס איז בנמצא; איז שוין במילא פֿאַר זיך אַליין אַנטפּלעקט, איז נגלה.

נגלה און נסתר ווי קעגנזעצלעכע דערשיינונגען, איז בלויז אַ מענטשלעכע קאַטעגאָריע, — אַ מענטשלעכע אויס-טראַכטעניש.

די מענטשלעכע באַרגענעצטדיקייט, דאָס נישט קענען אַריינדרינגען אין די זאַכן און דערשיינונגען, באַשאַפֿט דעם באַגריף פֿונעם סוד, פֿון נסתר.

דאָס איז בלויז דעם מענטשנס אַ סוביעקטיווע קלאַסי-פֿיקאַציע, זיינע אַן איינטיילונג צווישן דעם וואָס ער באַנעמט און דעם וואָס ער באַנעמט נישט.

נסתר, איז ביי אים דער קעגנזאַץ פֿון זיין באַגרייפֿן וואָס ער רופֿט עס אַן נגלה, דאָס אַנטפּלעקטע.

ווי פֿינצטערניש איז דער קעגנזאַץ און דאָס פֿעלן פֿון ליכט, אַזוי איז ביים מענטשן דער סוד, דער קעגנזאַץ און דאָס פֿעלן פֿון ווויסן.

און דער גאַנצער טיפֿער סוד, דאָס כלומרשטע טיף באַהאַלטענע; וואָס ווייעט אַן אויף אונדז אַזאַ שרעק, איז אין תוך גאָרנישט טיף און באַהאַלטן, נאָר איז פֿאַר זיך אַליין — איינפֿאַך און אַנטפּלעקט.

און ס'איז בכלל נישט בנמצא קיין סוד. נאָר מיר די אומוויסענדיקע, טוען אָן אויף אַלץ וואָס איז אונדז נישט קלאָר, די קרוין פֿון סודותדיקייט און טיפֿקייט. מיר מעסטן די זאַכן און דערשיינונגען מיט דער קאָרליק-מאָס פֿון אונ-דזער קליינקייט און באַגרענעצטדיקייט.

ווי די טיפֿקייט פֿון ברונעם איז פֿאַר זיך אַליין נישט טיף, נאָר ער איז בלויז אויף אַזוי פֿיל טיף אין פֿאַרגלייך

צו דער אויבערפלאַך אויף וועלכן דער מענטש שטייט, — אַזוי איז אויך די טיפקייט פונעם סוד נאָר אויף אַזוי פיל טיף, בלויז אין פאַרגלייך צו דעם מענטשנס באַגרענעצטן באַנעם . . .

*

דאָס מיינט ווידער נישט, אַז אַלץ איז פאַר אונדז אַזוי איינפאַך, אַז מיר קענען שוין זיין אין דער לאַגע צו באַנעמען און דעשיפרירן אַלע דערשיינונגען פונעם לעבן און זיין, — ניין! דאָס נישט. וואָרעם וואָלט דאָס אַזוי געווען, וואָלטן מיר געוואָרן ווי גאָט.

פאַרקערט גאָר. אַפילו דאָס אַנפּלעקטע, דאָס סאַמע אָפענע; באַגרייפן מיר נישט. אויך דאָס וואָס זעט אונדז אויבנאויפיק אויס אַזוי נאַטירלעך און קלאָר פאַרשטייען מיר נישט.

און אַפילו דאָס וואָס מיר באַנעמען שוין יאָ, באַנעמען מיר בלויז די אויסערלעכע זייט פון דער דערשיינונג. און אָפטמאָל אויך דערפון, נישט מער ווי אַ טייל. שוין נישט רעדנדיק צו דערגרונטעווען זיך צו אירע אינערלעכע פּראָ־צעסן און מאָטיוון.

נאָר מיר באַטראַכטן די פון אונדז באַהאַנדלטע ענינים, נישט לויט אונדזער ענגן סוביעקטיוון באַנעם, בלויז דורך דער פּריזמע פון אייגענעם „איך", — נאָר ווי דערשיינונגען וואָס וואָלטן עקזיסטירט מחוץ פון אונדז, מחוץ פון אונדזער פּערזענלעכן אינטערעס.

מיר ווילן זיי מעסטן מיט דער מאָס פון ריינסטער אָביעקטיוויטעט. און מיט דער דאָזיקער מאָס געמאָסטן, זאָגן מיר: אַז ס'איז אין דער אמתן נישט פאַראַן קיין באַזונדערע דערשיינונגען פון נגלה און נסתר.

זיי זענען ביידע — בלויז נעמען פון כלומרשטע צו־שטאַנדן וואָס מיר אַליין האָבן אויסגעטראַכט, כדי צו קלאַסיפיצירן און אָרדנען אונדזער לעבן.

און זיי זיינען מחוץ אונדז, מחוץ פון אונדזער סוב־יעקטיוון באַנעם, — מער נישט ווי בלויזע גייסטיקע באַג־ריפן־פיקציעס, הגם וויכטיקע פאַר אונדזער געאָרדנטן מענטשלעכן אַרט דענקען...

ווייל פאַראַן איז נאָר, איין איינציקער אַרומנעמענ־דיקער זיין, — וואָס נעמט אַלץ און אַלעמען אַריין אין זיך...

פאַנטאַזיע, טרוים אוןווירקלעכקייט

וואָס איז אַזוינס פאַנטאַזיע? אַן אויסגעטראַכטע זאַך אָדער דערשיינונג וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט נישט פאָרגעקומען, אָדער וואָס איז טיילווייז יאָ פאָרגעקומען, נאָר איז פאַנטאַסטיש איבערטריבן.

פונוואַנעט נעמט זי זיך די פאַנטאַזיע און פון וועמען באַקומט זי איר כוח? איר כוח באַקומט זי קודם כל ווי אַליין אינעם לעבן, פון דער אייגענער און אַלגעמיינער ווירקלעכקייט וואָס רינגלט דעם מענטשן אַרום.

זי ווערט אויך דערנערט, פון דער אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג וואָס געפינט זיך אינעם זכרון-קאַמער פונעם מענטש. מחמת אָן דער פּערזענלעכער און אַרומיקער דערפאַרונג, אָן דער גאַנצער אַרומנעמענדיקער ווירקלעכקייט, איז נישט בנמצא קיין פאַנטאַזיע.

און דער אונטערשייד צווישן פאַנטאַזיע און אמת, פון אַן אויסגעטראַכטער מעשה ביז אַן אמתער, איז אין דעם: וואָס בעת דער אמת, די פאַקטישע פאָרקומעניש; איז אַרויסגענומען פון זכרון-קאַמער „כמו שהיא" (אַזוי ווי ס'איז), גענומען פונעם אמתן געשען און איבערגעגעבן מיט אַלע פרטים און סדר פון דער פאָרקומעניש, — ווערט די פון פאַנטאַזיע גענומענע מעשה, די אינגאַנצן אויסגעטראַכטע; נישט גענומען נישט פון פּערזענלעכן — און אויך נישט פונעם אַלגעמיינעם פאַקטישן געשען, נאָר זי איז אויסגעפאַנטאַזירט בלויז דורך דער פאָרשטעלונג, גענומען פונעם ריינעם כוח הדמיון.

און דאָס זעלבע איז אויך מיט דער איבערטריבענער מעשה וואָס איז נאָר טיילווייז אמתדיק. ווייל דאָס איבריקע

וואָס איז גענומען פון דער פאַנטאַזיע, איז אַ פּראָדוקט פון דער ריינער פאָרשטעלונג.

*

הגם אין געגעבענעם פאַל איז די פאַנטאַזיע נישט אמתדיק, קען אָבער די פאַנטאַסטישע פאָרלויפעניש יאָ פאָרקומען. ווייל זי איז אַ פּאָטענציאַנעלער אמת פונעם לעבן, איז זי במילא אין דער מעגלעכקייט פונעם געשען.

אויף אַ פאָריסטישן אופן וואָלטן מיר געזאָגט: פאַנ־טאַזיע, איז דאָס נישט־רעאַלע פונעם מעגלעכן. טרוים אָבער, דאָס וואָס מיר רופן אָן טרוים; איז גאָר פון אַן אַנדער קאַטעגאָריע. טרוים נעמען מיר אָן, איז אינגאַנצן בבחינת אוממעגלעכקייט.

דער טרוים איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז אינגאַנצן נישט רעאַל. וואָס ליגט אויף יענער זייט פון מעגלעכקייט און מענטשנס אמת. אויב פאַנטאַזיע איז דאָס נישט רעאַלע פונעם מעגלעכן, איז דער טרוים, דאָס נישט רעאַלע פונעם אוממעגלעכן.

אָבער אויך דער טרוים איז על פי לאָגישער הכרח טראָץ זיין אוממעגלעכקייט פונעם געשען, אינעם גרענעץ פונעם זיין. מחמת, ווענן דעם וואָס איז בכלל מחוץ פון דער ספערע פונעם זיין, קען מען אויך נישט טראַכטן און פאָרשטלן זיך. פון גאָרנישט, פון דעם, וואָס איז בכלל נישט בנמצא, קען אויך נישט געטרוימט ווערן.

און אַז עס ווערט פון עפּעס יאָ געטררוימט, מוז דער דאָזיקער עפּעס ערגעץ ווו זיך געפינען, אפילו ווען מחוץ פון די ראַמען פון מענטשנס מעגלעכקייט.

צום ביישפיל: ווען איינער טרוימט צו זיין באותו הרגע אויף דער לבנה, איז עס נישט רעאַל און ס'איז אוממעגלעך. און אַוודאי איז אוממעגלעך מיט די בלויזע פיס איר צו דערגרייכן.

אָבער דער סאַמע געדאַנק אַליין, איז אין דער גרענעץ

פונעם זיין. מחמת אינעם זיין, איז די לבנה אַ יש. זי איז ווי אַ שטערן אָדער אויסגעלאָשענער פּלאַנעט בנמצא. און אויך די פונקציע פונעם גיין איז ביים מענטשן פאַראַן.

נמצא, אַז דער דאָזיקער טרוים ווי פאַנטאַסטיש ער זאָל אונדז נישט אויסזען, איז פאַרט געגומען פון אַ געוויסער דערפאַרונג וואָס איז פאַראַן אין אונדז, הגם נישט פון דער דערפאַרונג פון אַ גאַנצע אומצעטיילטע דערשיינונג, אָדער געשעניש.

*

דאָס אייגענע איז מיטן חלום. הגם דער טרוים איז נישט אינגאַנצן דאָס זעלבע ווי דער חלום, טראָץ דעם וואָס זיי קענען האָבן געמיינזאַמע שטריכן.

ווייל חלומען, חלומט מען נאָר פון דעם, וואָס דער זכרון האָט שוין אויף אַ געוויסן אופן פּרעזערווירט און וואָס איז באַהאַלטן אינעם שאַך-קאַמער פון אונטער-באַוווסטזיין.

די זעאונגען און די בילדער פונעם חלום קומען אונדז נאָר פאָר אויף אַ נישט קיין געאָרדנטן אופן. די צייט-דימענסיעס און דער לויף פון די געשענישן, קומען דאָ אַרויס צעמישט און צעפּלאָנטערט. ווייל ס׳איז נישט פאַראַן דאָ קיין מוקדם ומאוחר בצייט.

דערפאַר זעען אונדז אויס אַ טייל חלומות נאַריש, פאַנטאַסטיש און נישט-רעאַל. מיר חלומען ווי אין אַ קרומען שפּיגל. — און צוליב דעם אויך וואָס מיר חלומען אין נישט קיין וואַכן-צושטאַנד, מיר פאַרגעסן אָפט די פּרטים און מיר זעען נישט קלאָר די פאַרבן און קאָלירן, פאַרפּלאָנטערן מיר אַליין נאָך מער דעם חלום.

אָבער פון גאָרנישט, פון אַין; קען מען נישט חלומען. מוזן בכן אַ טייל פּרטים וואָס קומען פאָר אין חלום, זיין רעאַל און גענומען פון דער דערפאַרונג.

זיי זיינען אָפט מאָל נאָר נישט רעאַל, אינעם סדר פון זייער געשען-צוזאַמענשטעל ווי אַן איינהייטלעכע גאַנצע

זאַך. — קומט אונדז דעריבער אוים דער חלום אומפאַר־שטענדלעך, הגם מיר זעען אַמאָל אויך אַ גאַנץ געאָרדנט בילד וואָס טרעפט אַפילו אַריין אין דער צוקונפט, עס ווערט מקוים.

כדי קלאָרער צו מאַכן דאָס אויבנגעזאָגטע, וועלן מיר זיך באַנוצן מיט נאָך איניקע ביישפּילן. ווען איינעם חלומט זיך אַז ער גייט אין גאַס, נאָר פּלוצים שווימט ער גאָר מיט אַ שיף אויפן ים, זעט אונדז אמת אוים דאָס דאָזיקע בילד אינגאַנצן געגומען צוליבן פּלוצימדיקן כהרף עינדיקן איבער־גאַנג פון שטאָט צום ים, פאַנטאַסטיש און נישט רעאַל.

אָבער די באַזונדערע טיילן פונעם בילד, יעדער טייל פאַר זיך, איז יאָ מעגלעך און איז אויך רעאַל. מחמת, אי דאָס גיין אין שטאָט איז מעגלעך, אי דאָס פאָרן אויפן ים.

אָדער אַן אַנדער ביישפּיל פון אַ סימבאָלישן חלום. עס חלומט זיך אונדז: מיר גייען ערגעץ, נאָר פּלוצים הייבן מיר זיך אויף פון דער ערד און הייבן גאָר אָן צו פליען.

הגם דאָ, קען דאָס דאָזיקע בילד סימבאָליש אויסגע־טייטשט ווערן ווי אַ בשורה פון אַ גייסטיקן שטייגן, איז אָבער די עצם עובדה פון אונדזער פליען, פליען מיט דער בלויזער הילף פון אייגענעם קערפּער; נישט רעאַל און אוממעגלעך.

אָבער אויך דער דאָזיקער חלום איז גענומען פון דער דערפאַרונג. מחמת אי די פונקציע פונעם גיין, ווי פונעם פליען אין אַלגעמיין, — געפינען זיך אין דער דערפאַרונג פונעם זיין. און הגם מיט דער הילף פון איי־גענעם קערפּער פליט נישט דער מענטש, פליט אָבער דער פויגל און דער עראָפּלאַן.

און דאָס וואָס דאָס בילד ווי אַ גאַנצקייט שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט, איז עס טאַקע דערפאַר אַ חלום וועמענס עובדה באַשטייט אין דעם, וואָס ער פאַר־ווישט די גרענעצן און מישט צונויף געשעענישן פאַקטיש

פאַרגעקומענע מיט נישט קיין פאַרגעקומענע. פאַקטישע אמתן, מיט נישט קיין פאַקטישע, נאָר פּאָטענציאָנעלע...
— אָבער זיי זיינען גענומען פון דער דערפאַרונג, פון דער אַלגעמיינער ווירקלעכקייט.

*

ווייל דער אַלגעמיינער זיין איז מער ווי דאָס מענטש־לעכע לעבן וואָס איז נאָר אַ באַגרענעצטער טייל פון אים, איז דעריבער אויך די אַלגעמיינע ווירקלעכקייט, מער ווי דעם מענטשס ווירקלעכקייט וואָס איז נאָר ווי אַ גאָרנישטי־קער טייל פונעם אַל־זיין.

ווייזט אויס, אַז אַלץ וואָס קומט אויף אין אונדז, אין אונדזער גאַנצן פּסיכישן לעבן; אַפילו דאָס סאַמע פאַנטאַס־טישע און אומרעאַלסטע איז ערגעץ ווו אַ ווירקלעכער יש וואָס ווערט דורך אונדז אויף אַ קלאָרן צי אומקלאָרן אופן געזעען, אָדער בלויז געאַנט.

דאָס זיינען ידיעות פון דער וועלט פון אָן־סופיקער ווירקלעכקייט, וואָס רינגלט אונדז אויף אַ געוויסן אופן אַרום. און פאַרן אַלגעמיינעם זיין, פאַרן זיין אַן און פאַר זיך; איז גאָרנישט פאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס איז פאַרהוילן, וואָס איז נסתר.

אַלץ איז אינעם דאָזיקן זיין אָפענע ווירקלעכקייט. — נגלה און נסתר, דער באַגריף פון אַנטפּלעקטן און פאַרבאָר־גענעם; איז אַ מענטשלעכע קאַטעגאָריע, אַ בלויזער מענטש־לעכער אמת.

אַזוי אויך איז אין דער אונדז אַרומרינגלדיקער וויר־קלכקייט, גאָרנישט פאַראַן קיין אָרט פאַר פאַנטאַזיע און טרוים. הגם אונדז אַליין זעט נישט איין מאָל אויס די אַרומיקע ווירקלעכקייט ווי אונדזער אייגן לעבן, ווי די גרעסטע פאַנטאַזיע.

דאָס איז דערפאַר, ווייל אין תוך גענומען, איז אַפילו

פאַר אונדז אַליין דאָס וואָס מיר רופן אָן ווירקלעכקייט, נאָך נישט קלאָר, הוילער סוד.

ווי ס'איז אויך פאַר אונדז הוילער סוד, אונדזער אייגן לעבן, וועלכעס מיר באַגרייפן נאָך אַליין נישט.

אונדזער גאַנץ לעבן ווערט אויסגעפילט מיט מעשים, וועמענס פאַרוואָסן און זין — מיר הייבן נישט אָן צו וויסן. און טראָץ דעם, וואָס מיר קענען זיך באַנוצן מיט אַ גרויסן טייל פון די זאַכן און דערשיינונגען וואָס רינגלען אונדז אַרום, באַגרייפן מיר אָבער לחלוטין נישט זייער אינערלעכן זין און פראָצעס.

*

דער משיחישער טרוים אין זיין יידישער פאָרשטעלונג, איז דער שענסטער געדאַנק צו וואָס נאָר די פאַנטאַזיע פון אַ פאָלק האָט זיך געקענט דערטראַכטן. ער איז כולו מענטש־לעך אין בן־אדמס שטרעבן און נאָך מער געוואַגט אין זיין גלוסטן, משנה צו זיין גאָר דעם סדר בראשית.

ער איז דער איידלסטער און ווערטפולסטער גלויבן וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט פון דער רעאַלער מעגלעכקייט.

נאָר אויב אָבער אין דער נאַטור אַליין איז נישט בנמצא קיין פאַנטאַזיע און טרוים, נאָר אַלץ איז אין איר גאָלע ווירקלעכקייט און דאָס וואָס מיר רופן אָן פאַנטאַזיע און טרוים זיינען בלויזע מענטשלעכע קאַטעגאָריעס — און אויך דער טרוים, דאָס נישט רעאַלע פונעם אוממעגלעכן; איז אין דער גרענעץ פונעם זיין, — וועט אפשר דער באחרית־הימימדיקער מענטשלעכסטער טרוים מיט זיין גאַנ־צן וווּנדערלעכן נסים ונפלאותדיקן געשען אויך אַמאָל ווערן אַ ווירקלעכקייט ? . . .

אינהאַלט און פאָרעם

וואָס איז קודמער, עיקרדיקער, אינהאַלט צי פאָרעם? כדי אויף דעם צו ענטפערן, מוזן מיר קודם כל זיי ביידע אַנאַליזירן.

מיר מוזן וויסן דעם כאַראַקטער און עצם פונעם אינהאַלט, ווי פון דער פאָרעם.

בעסער געזאָגט: כדי צו רעדן און משפטן איבער דער בכורה'דיקייט פון איינעם איבערן אַנדערן, מוזן מיר זיי ביידע גוט באַטראַכטן און פאַרשטייען.

מיר מוזן פאָרשן יעדן איינעם פאַר זיך ווי אַ באַזונדערע דערשיינונג, ווי אויך אין זיין שייכות און געבונדנקייט מיטן אַנדערן.

וואָסזשע פאַרשטייען מיר אונטער זיי ביידע און קודם כל וואָס פאַרשטייען מיר אונטער אינהאַלט?

*

אונטער אינהאַלט פאַרשטייען מיר געוויינטלעך דעם תוך פון יעדער זאַך אָדער דערשיינונג, סיי אינעם מאַטעריעלן און סיי אינעם גייסטיקן לעבן. ד.ה. דעם סאַמע מהות פון דער זאַך, איר אינערלעכן קערן.

דאָס זעלבע פאַרשטייען מיר אונטער פאָרעם, דאָס אויסנווייניקסטע פון דער זאַך אָדער דערשיינונג, הן אין מאַטעריעלן און הן אין גייסטיקן זין, איר אויסערלעכן עצם.

אָבער דאָ שטעלן זיך באַלד פאַר אונדז פאָלגענדע פראַגן: ערשטנס, איז נישט אינהאַלט גלייכצייטיק אויך פאָרעם, טראָגט נישט דער אינהאַלט אין זיך אין דעם

אייגענעם אינגעווייד, אויך זיין פֿאָרעם, זיין גרונט־פֿאָרעם; מיט וועמען ער קומט גלייך אויף?

און צווייטנס, אויב שוין יאָ באַזונדער, אויב ס׳איז פֿאַראַן אַזאַ באַזונדערקייט ווי אינהאַלט און פֿאָרעם, צי איז טאַקע דער דאָזיקער אינהאַלט אַן אַבסאָלוטער „יש בפני עצמו”, ד.ה. ער איז לחלוטין גאָרנישט געבונדן מיט זיין אייגענער פֿאָרעם?

כדי אויף דעם צו ענטפֿערן, לאָמיר זיך איינפֿאַך צוקוקן צו אַ טראָפּן טינט. יעדער מאָך מיט דער פֿעדער וואָס אַ מענטש טוט, אַפֿילו אומגערן, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ בכוונהדיקן שרייבן, וואָס איז אַ פֿאָרוים געמאַכטע פֿאָ־רעם, — פֿילט אָן דאָס פּאַפּיר מיט אַ טינט־אינהאַלט צוגלייך מיט אַ באַשטימטער פֿאָרעם.

די פֿאָרעם קען אמת זיין אַ פֿאַרשידענע. אַ גלייכע צי אַ קרומע, אַ קרייזאַרטיקע אָדער אַ ווינקלדיקע, אָבער אַ באַשטימטע פֿאָרעם איז זי.

דאָס זעלבע האָט יעדעס זאַמדעלע, שטויבעלע אָדער קערנדל ווי קליין עס זאָל נישט זיין, אַ באַשטימטע פֿאָרעם, וואָס איז צוזאַמענבאַהאָפֿטן מיטן אינהאַלט.

*

בכן זעען מיר, אויב פֿאָרעם אין דער נאַטור מיינט: דאָס פּנים און אויסזען פֿון די זאַכן און דערשיינונגען, זייער אויסערלעכער עצם; דאַן קומט אוים פֿאַרמאָגט יעדער אינהאַלט, יעדער נאַטור־עלעמענט; זיין צוזאַמענבאַהאַפֿטענע פֿאָרעם.

אויך די דינסטע נאַטור דערשיינונגען האָבן אַזוי־אַרום זייער פֿאָרעם וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדזערע אויגן אין קאָלירטע ליניעס פֿון לענג און ברייט, גלייכע צי געש־לענגלטע אָדער קרייזאַרטיקע, וואָס איז נישט אָפּטיילבאַר פֿון זייער אינהאַלט.

אַזוי־אַרום קומט אויס, אַז די פאָרעם אין דער נאַטור, וואָס אין דעם פאַל מיינט עס דאָס חיצוניות פון דער זאַך אָדער דערשיינונג, איז גאָרנישט אָפּגעטיילט פונעם אינהאַלט, נאָר איז מיט אים געבונדן ווי איין גאַנצקייט, ווי איין אחד.

און אויב מיר שטויסן זיך פאָרט אָן אינעם לעבן אין אַ באַזונדער פאָרעם, איז עס נישט אין דעם פאַל ווי מיר ווילן דאָס אָנרופן די גרונט־פאָרעם וואָס איז צוזאַמענגעוואַקסן מיטן אינהאַלט, נאָר דאָס איז גאָר אַ צווייטע פאָרעם וואָס נעמט ווי אַ שאָלעכץ אַרום דעם קערן־אינהאַלט.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל דעם ווייץ: דער ווייץ באַשטייט פון אַ קערן־אינהאַלט וואָס איז בלויז מעל, זייענדיק גלייכצייטיק אויך זיין פאָרעם אָדער אויסגעפאָרמקייט, און אַ באַזונדערע שאָלעכץ־פאָרעם וואָס נעמט אַרום דעם קערן און וואָס איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט אים.

אויסער דעם, פאַרמאָגט נאָך דער ווייץ אַנדערע שאָלעכצן־פאָרמען, ווי למשל: די שטרוי־זאַנגען וועלכע מיר רעכענען באַלד נישט אַריין אין די צווייטע פאָרמען, — מחמת זיי זיינען נישט אַזוי צוזאַמענגעבאַהאַפטן מיטן ווייץ, ווי זיין צווייטע פאָרעם, די שאָלעכטס־פאָרעם, וואָס ווערט ביים מאָלן דעם ווייץ אַרונטערגענומען אין דער פאָרעם פון קלאַיען.

פרעגט זיך, איז די קלאַיען־שאָלעכץ וואָס נעמט אַרום דעם ווייץ ווי די אויגן־דעקלעך די אויגן, דעם ווייץ'ס ערשטע פאָרעם, זיין גרונט־פאָרעם?

זיכער נישט. מחמת די גרונט־פאָרעם ברייינגט אין דער אמתן אַרויס דעם אינהאַלט אַליין. אין דעם פאַל די מעל.

וואָרעם אין די מעל, ווי יעדע אַנדערע מאַטעריע, ברייינגט אַרויס דורך איר אייגענער מאַסע איר אייגענע פאָרעם. לאָמיר דאָס ווי אויבן אָנרופן איר גרונט־פאָרעם.

זי די מאַסע, אָדער דער שטאָף, פאָרעמט זיך אַליין

און גיט זיך געשטאַלט און אויסזען דורך לענג און ברייט גרעב און קאַליר, אָדער מיט דער הילף פון אַן אַנדער ליניע־אַרטיקן צי קרייז־אַרטיקן אופן.

און די שאַלעכצן וואָס נעמען אַרום אַט די קערן־אינהאַלטן און זיינען באַשטימט צו שיצן זיי, זיינען אין דער ווירקלעכקייט נישט די אמתע פאָרמען, צי גרונט־פאָרמען; נאָר גאָר די אַנדערע פאָרמען.

זיי זיינען ווי די קינסטלעכע פאָרמען וואָס דער מענטש־מייסטער באַשאַפט, ווען ער אַרבעט איבער אָדער פאַרעמט איבער אויף אַ מעכאַנישן צי קינסטלעכן אופן די נאַטירלעכע גרונט־פאָרמען, וואָס זיינען אין דער אמתן נישט ווייניקער ווי די סאַמע אינהאַלטן אַליין, אויף אַנדערע פאָרמען, אויף דריטע אָדער מער פאָרמען, ווי דער טעפּער אָדער סקולפּטאָר קנייט ווי טייג איבער זיין ליים מאכענדיק דערפון וועלכע נאָר פאָרמען ער וויל אַליין.

דערפון איז פאַר אונדז קלאָר: אַז די סאַמע גרונט־פאָרעם, אָדער ערשטע פאָרעם; ווי מיר זאָלן איר נישט רופן, איז ווי אַ באַזונדער יש גאָרנישט בנמצא.

ווייל זי איז היינו הך ווי אינהאַלט. דאָס מיינט, אינ־האַלט און גרונט־פאָרעם, איז איינס און דאָס זעלבע. און די דאָזיקע גרונט־פאָרעם איז אַזוי אומפאַרענדערלעך און דויערנדיק, ווי דער אינהאַלט אַליין.

און במילא איז אויך קלאָר: אַז „אין מוקדם ומאוחר".

— לגבי דעם אינהאַלט און זיין גרונט־פאָרעם, איז גאָרנישט שייך צו פרעגן וועלכעס פון זיי איז פריער אויפגעקומען, אינהאַלט צי פאָרעם? מחמת זיי זיינען ביידע גלייך אויפ־געקומען און קומען אויף.

נאָר אויב מיר פרעגן יאָ וואָס ס'איז וויכטיקער, אינ־האַלט צי פאָרעם, מיינען מיר נישט די גרונט־פאָרעם וואָס איז גאָרנישט בנמצא ווי אַ באַזונדערער יש, וואָס איז היינו הך ווי אינהאַלט, נאָר מיר מיינען די אַנדערע נישט גרונט־

פאָרמען אָדער פאָרמען וואָס מיר אַליין בני בשר ודם ברענגען אויף אַ וועלכן ס'איז אופן אַרויס.

און מיר ברענגען גענוג פאָרמען אַליין אַרויס, אפשר נישט אויף אַזאַ אָריגינעלן אופן, אָבער אָפטמאָל אויף אַ גאַנץ אייגענאַרטיקן אופן.

און דאָס איז סיי אין מאַטעריעלן און סיי אין גייסטיקן לעבן. אָבער אונדז גייט דאָ נישט אין מאַטעריעלע ווערטן, נאָר אין גייסטיקע. וואָסזשע שטעלט מיט זיך פאָר אינעם גייסטיקן לעבן אינהאַלט און פאָרעם?

אויב ביי מאַטעריעלע ווערטן וואָס זיינען בלויז חיצו־ניות, דערקענען מיר די פאָרעם וואָס ווערט דורכן אינהאַלט געפאָרעמט, לויט מאָס און פאַרב, ד.ה. גלייכע, צי פאַרשידע־נע אַנדערע פאָרעם־אַרטיקע ליניעס און קאָלירן, זיינען ביי גייסטיקע ווערטן וואָס זיינען לויטער פנימיות, די דאָזיקע סימנים פאַר אונדז נישט פאַראַן.

מחמת אַלע דערשיינונגען וואָס האָבן צו טאָן מיט די אינערלעכע גייסטיקע פּראָצעסן פונעם מענטש און דער געזעלשאַפט, זיינען פאַר אונדזערע אויגן ווי אַ זאַך אונטער אַ פאַראַוואַן פאַרשטעלט און פאַרהוילן.

פונדעסטוועגן פרווון מיר הגם מיט שוועריקייט, דער־קענען די דאָזיקע פּראָצעסן דורך זייערע אויסווירקונגען אויף אונדז.

די דאָזיקע אויסווירקונגען וואָס אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז אויף אַ מער ממשותדיקן אופן, זיינען די עדות פון זייער פאַראַנען זיין אין אונדז.

און דער דערקענונג־פּראָצעס קומט דאָ פאָר אויף אַן אַנדערן אופן ווי ביי מאַטעריעלע ווערטן.

וואָרעם אויב ביי מאַטעריעלע זאַכן וואָס זיינען חיצו־ניתדיקע דערשיינונגען דערקענען מיר די פאָרעם דורכן אינהאַלט אליין, ד.ה. דורך דעם שטאָף וואָס ברענגט אַט די גרונט־פאָרעם מיט זיך אַליין אַרויס, ווייל מאָסע און

פאָרעם איז איינס, דערקענען מיר דעם גייסטיקן אינהאַלט וואָס איז לויטער פּנימיות און איז אַן און פאַר זיך פאַרהוילן און פאַרבאָרגן, דורך זיינע אויסווירקונגען אויף אונדז וואָס זיינען אין דעם פאַל זיינע פאָרמען (זיינע אויסדרוק-פאָרמען).

מיר דערקענען דעם גייסטיקן אינהאַלט דורך זיין פאָרעם. למשל: ווען איך שרייב אויף אויף אַ פּאַפּיר, אַ געוויסן געדאַנק וואָס האָט נאָר וואָס אויפגעבליצט אין מיין מוח, איז עס דער קלאָרסטער באַווייז פון מיין דערקענען אים, ווי אויך אויף וואָס פאַר אַן אופן ער האָט מיר באַ-ווירקט.

ד.ה. דורכן געהעריקן פאָרמולירן מיין געדאַנק אינעם וואָרט אָדער שריפט, דורכן אַרויסברענגען אים אין אַ געוויסער פאָרעם; באַשטעטיק איך דערמיט אַליין מיין געוואָר-ווערן וועגן אים ,וואָס מיינט אויך, אַז איך האָב פריער וועגן דעם דאָזיקן געדאַנק געטראַכט.

און דאָס דענקען, דער געדאַנק אין זיין סאַמע עצם, איז דער אינהאַלט, זיין גייסטיקער אינהאַלט.

*

נאָר דער געדאַנק ווערט דאָ קאָנטראָלירט, אַזוי צו זאָגן קלאָר געזען, — נישט דורך זיין גרונט-פאָרעם וואָס איז אין דעם פאַל די געדאַנקען-פאָרשטעלונג אָדער דאָס גייסטיקע בילד וואָס איז אָפטמאָל פאַר אונדז אַליין נישט זייער קלאָר, נאָר ערשט דורך די אַנדערע פאָרמען, ווי למשל: דורכן געהעריקן פאָרמולירטן אַרויסרעדן אָדער אויפשרייבן אים אויף פּאַפּיר, צי דורך אַן אַנדערע גע-דאַנקען-אילוסטראַציע.

און אויך דאָ ביי גייסטיקע ווערטן, קומט אויף דער אינהאַלט וואָס איז געדאַנק, גלייכצייטיק מיט זיין גרונט-פאָרעם וואָס איז גייסטיקע פאָרשטעלונג אָדער בילד, און

וואָס איז אויך ווי דער סאַמע געדאַנק נישט ווייניקער גייסטיקער אינהאַלט.

מחמת ס׳איז בכלל אוממעגלעך צו דענקען אָן זיך פאָרצושטעלן דאָס דאַזיקע דענקען אויף אַ באַגריפלעכן אָדער בילדלעכן אופן.

און די דאַזיקע פאָרשטעלונג פונעם געטראַכטן געדאַנק, איז די ערשטע פאָרעם פונעם דענקען, זיין גרונט-פאָרעם.

און פונקט אַזוי ווי ביי מאַטעריעלע ווערטן איז דער אינהאַלט געבונדן מיט זיין פאָרעם, מיט זיין גרונט-פאָרעם וואָס קומט אויף צוזאַמען מיטן אינהאַלט אָדער ווערט דורך אים אַרויסגעבראַכט, אַזוי אויך ביי גייסטיקע דערשיינונגען, איז דער אינהאַלט געבונדן מיט זיין גרונט-פאָרעם, מיט זיין ערשטער פאָרעם; וואָס איז ווי מיר האָבן אויבן געזען, די פאָרשטעלונג פונעם געדאַנק וואָס איז געבונדן מיטן סאַמע עצם פון געדאַנק.

בכן קומט אויס, אַז אויך ביי גייסטיקע זאַכן און דערשיינונגען, עקזיסטירט דער זעלבער געזעץ: אַז אינהאַלט און גרונט-פאָרעם איז איינס און דאָס זעלבע. געדאַנק און זיין פאָרשטעלונג — איז איינס.

און אויך דאָ מיינען מיר נישט ווען מיר פרעגן וואָס ס׳איז וויכטיקער אינהאַלט צי פאָרעם, די גרונט-פאָרעם וואָס איז גאָרנישט בנמצא ווי אַ באַזונדערער יש, נאָר מיר מיינען די אַנדערע גייסטיקע פאָרמען, וואָס ווערן דורך אונדז אויף אַ וועלכן ס׳איז אופן אַרויסגעבראַכט.

ערשט ביי די דאַזיקע אַלע אַנדערע אופנים פון אַרויס-ברענגען דעם געדאַנק אָדער די אידעע, ווי למשל: דורכן וואָרט און שריפט אָדער דורך אַנדערע פאָרמען און אופנים פון גייסטיקן צי קינסטלערישן אויסדרוק, — שטעלט זיך דאָן די פראַגע וואָס ס׳איז וויכטיקער אינהאַלט צי פאָרעם.

און דאָ איז קלאָר: אַז ביי די דאַזיקע אַלע אַנדערע

פאָרמען, איז דער אַרויסגעבראַכטער געדאַנק, צי אידעע, קודמער און עיקרדיקער ווי די פאָרעם.

דער געדאַנקען-אינהאַלט, דער תוך פון דער זאַך: איז קודמער און וויכטיקער.

ער איז וויכטיקער, ווייל די דאָזיקע אויבנדערמאָנטע פאָרמען, זיינען נישט די גרונט-פאָרמען פון די גייסטיקע דערשיינונגען וואָס זיינען מיט זיי געבונדן ווי איינס, נאָר זיי זיינען נישט מער ווי אַנדערע פאַרמיטלנדיקע פאָרמען לגבי דעם אינהאַלט.

זיי זיינען דאָס געציייג פאַר איבעראַרבעטן די גרונט-פאָרמען אויף מער קלאָרערע פאָרמען, כדי בעסער צו דער-קלערן און אילוסטרירן דעם אינהאַלט, דעם סאַמע געדאַנק-לעכן תוך.

זייער איינציקע שליחות איז נאָר, צו דינען דעם אינהאַלט. און נאָר אויף אַזוי פיל איז זייער ווערט, אויף וויפל זיי ברענגען אים, דעם אינהאַלט אַרוים און באַלייכטן אים.

און זיי זיינען ווי פאַרמיטלנדיקע אינסטרומענטן נאָר אויף אַזוי פיל הייליק, אויף וויפל נאָר זיי דינען דעם דאָזיקן צוועק.

און פונקט ווי יעדעס געפעס האָט נאָר אַזוי פיל ווערט, וויפל אינהאַלט עס טראָגט אין זיך, אַזוי האָט אויך יעדע גייסטיקע פאָרעם נאָר אַזוי פיל ווערט, וויפל גייסטיקן אינהאַלט, וויפל תוך זי טראָגט אין זיך.

און ס׳איז גאָרנישט בנמצא קיין בלויזע פאָרעם, פאָרעם לשם פאָרעם ,אויך נישט אין דער קונסט.

ווייל יעדע פאָרעם-חיצוניות, טראָגט שוין אין זיך אַליין אַ געוויסן אינהאַלט אָדער אידעען-אויסדרוק, ווי די אַרויסגעבראַכטע פאָרמולירונג פונעם געדאַנק אָדער אידעע, טראָגט אין זיך אַליין דעם געדאַנק...

*

די אַלטע יידישע קולטור און מיט איר די רעליגיעזע

ליטעראַטור, איז אַ מער אינהאַלטלעכע, אַ תּוכיקע, ווי אַ פאָרעמדיקע.

זי איז אין איר כאַראַקטער, אַ מאָראַליזירנד באַלערנ־דיקע, אַ מענטש־אויסבעסערנדיקע.

הגם אויך דער תנ"ך און צוזאַמען מיט אים דער תלמוד, האָט געגנוג שטעלן וואָס בליצן מיט פאָרעם־שיינקייט, האָט ער אָבער מער אין זין דעם אינהאַלט, דעם תוך פון דער זאַך ווי די פאָרעם.

דעם וואָס ער זאָגט, ווי דעם ווי אַזוי ער זאָגט.

די דאָזיקע קולטור און מיט איר די טראַדיציאָנעלע ליטעראַטור, איז אין איר עצם אַ מער גייסטיקע אויך אין איר פאָרעם.

זי האָט פריער פאַר אַלץ מער אין זין דעם מענטשלעכן גייסט ווי זיין חומר. הגם אויך זיינע מאַטעריעלע אינטערע־סן ווי זיינע נאַטור־באַדערפעגישן באַריקזיכטיקט זי.

זי פאַרפאָלגט אָבער אין גרונט מער די גייסטיקע ווערטן ווי די מאַטעריעלע.

די גייסטיקע שיינקייט פונעם מענטשן, זיין עטישע און גייסטיק־שלימותדיקע אויספאָרמירונג איז גיכער איר ציל, ווי די בלויזע פאָרעמדיקע, עסטעטישע שיינקייט.

זי ווערט נישט נתפּעל פאַר סתם שיינקייט, פאַר פאָרעם לשם פאָרעם; בפרט פאַלט זי נישט קיין כורעים פאַר דער דאָזיקער „עבודה זרה".

די עסטעטיק, ווי די נאַטור־שיינקייט, ווערט ביי איר דערהויבן און פאַרערט נאָר אינעם שייכות מיט אַ באַשטימ־טן העכערן ציל.

צי דאָס איז אַ רעליגיעזער, צו דינען דורך דעם גאָט און צו באַוווּנדערן זיינע מעשים, צי דאָס איז צו העלפן דעם מענטש און ליטערן זיינע מידות.

ווייל אינעם צענטער שטייט דער מענטש דער כתר היצירה, און נישט עפּעס אַן אָפּגעריסענע פון אים שיינקייט.

און ס׳איז גאָרנישט בנמצא קיין עסטעטיק אָן עטיק, — ווי ס׳איז בכלל נישט בנמצא קיין שיינקייט אָן דעם באַוווּנדערער פון דער דאָזיקער שיינקייט, דעם מענטשן.

ערשט דער מענטש, דער עטישער מענטש; איז מחייב און רופט אַרויס די דאָזיקע שיינקייט.

*

דאָס זעלבע מוז אויך די מאָדערנע יידישע קולטור, ווי די נייע יידישע ליטעראַטור, זיין אַ מער אינהאַלטלעכע, אַ תוכיקע, הגם אויך אָן עטיש-עסטעטישע.

זי קען זיך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס פון בלויזער פאָרעם, פאָרעם לשם פאָרעם.

זי איז וועלטלעך, נישט אינעם זין פון צופּאַסן זיך צו דער וועלט און אויסגלייכן זיך און איר מהות מיט די שאַפונגען פון די אַנדערע פעלקער.

ווייל דאַן וואָלט זי בכלל פאַרלוירן איר ווערט ווי אַ באַזונדערע קולטור אָדער ליטעראַטור, בפרט, ווי אַן איי־גענאַרטיק-יידישע.

נאָר וועלטלעך איז זי, אינעם זין : וואָס זי איז נישט קיין ספּעציפיש רעליגיעזע. הגם אויך פון אַלע רעליגיעזע ווערטן פון דער יידישער רעליגיע איז זי נהנה, אַרויס־שיילענדיק פון זיי יעדן נאַציאָנאַלן קערן, ווי זי איז אויך נאַציאָנאַל-פאָלקיש, זויגענדיק פון אירע אייגענע וואָרצלען און נישט פון פרעמדע.

און איר גרונט-שליחות איז : אַ גייסטיק-באַלערנדיקע און אַ מענטשלעך עטישע. אָפּוואַרפענדיק במילא יעדן פסולת פונעם עראָטישן און אַוואַנטוריסטישן שונד.

און נישט דאָס סתם קינסטלערישע ווי דאָס סתם שיינע, איז דער הויפּט-ציל פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, נאָר דאָס קיומדיקע, אויפהאַלטענדיקע.

זי איז און דאַרף זיין דער אינסטרומענט פאַרן פאָלקס קיום און המשך.

ליכט

ליכט איז איינס פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פונעם מענטשלעכן לעבן. דורכן ליכט נעמען מיר אויף, נישט נאָר די נאַטור-דערשיינונגען און אַלע געשריבענע געדאַנקען, נאָר מיט איר הילף לייענט אַ דורכדריגענד אויג אויך אַרוים די פאַרבאָרגענע, נישט געשריבענע.

דער זע-אָרגאַן וואָס נעמט אויף דאָס ליכט, איז דער נוצלעכסטער אָרגאַן נאָכן האַרץ און מוח.

אָבער נישט בלויז אינעם פיזישן לעבן שפּילט דאָס ליכט אַזאַ ראָלע, נאָר אויך, און אפשר נאָך מער, אינעם גייסטיקן און אין סאַמע פּסיכישן לעבן פונעם מענטש.

ס׳איז דערפאַר, מחמת אינעם מענטשלעכן לעבן איז נישטאָ פאַראַן קיין פעסטע גרענעץ צווישן די קערפּערלעכע און גייסטיקע טיילן, — ווי ס׳איז נישטאָ פאַראַן קיין פעסטע גרענעץ צווישן געפיל און באַוווסטזיין.

די כוחות אינעם מענטשן זיינען אי צעטיילט ווי באַזונדערע טיילעכלעך-טראָפּנס, אי צוזאַמענגענומען אין איין שלימותדיקן ים, אַרויסטרעטענדיק און באַווירקנדיק זיך קאָנגנזייטיק — ווי איין האַרמאָנישער לעבנס-כוח.

*

דאָס ליכט בכן דרינגט ווי אַריין צו אונדז דורך די פאַרבאָרגנסטע וועגן, אינעם סאַמע אינערן פון אונדזער באַוווסטזיין און געמיט.

ווי מיט אומגעזעענע קלאַווישן, באַרירט זי אונדז מיט אירע געהיימע פינגער און עס גייט אויף אין אונדז די לעבנס-פרייד פונעם זיין.

וואָס מער ליכט, אַלץ מער לעבענס־שטאַרקייט קומט אויף אין אונדז. אַלץ מער ווערט דער מענטש באַפליגלט און אויפגעהייטערט צום לעבן.

ליכט, ווי אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר אינעם לעבן, איז נאָך דער גאָט־מיסטעריע, איינס פון די גרעסטע וועלט־מיסטעריעס.

נישט אומזיסט זיינען די אַמאָליקע פעלקער נכשל געוואָרן מיט דער זון, באַטראַכטנדיק איר פאַרן אוממיטל־באַרן באַשאַפנדיקן כוח.

און נישט איין וואונדערלעכן סוד און נוץ וועט מען נאָך פון ליכט־אינגעווייד אַרויסציען, הגם אויך דעמאָלט, וועט מען ווייטער בלייבן שטיין צעמישט אַנטקעגן דעם דאָזיקן פאַרכישופטן קנויל, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיט דער גאַנצער בריאה־מיסטעריע.

דער ביבלישער געבאָט פון דריטן פסוק בראשית „ויהי אור" (ס'זאָל זיין ליכט !), איז געוואָרן דער ווערטפּול־סטער און שענסטער דימענט אין גאָר דער וועלטס קרוין.

דאָס איז דאָס העכסטע גוטס, מיט וואָס דער באַשאַף האָט דעם בן אדם באַשאָנקען. מחמת, ליכט ווי דער אויפ־צאַפּל פונעם מענטשלעכן באַוווסטזיין, איז די באַזע און דער גרונט־קערן פון זיין קורצן לעבן, ווי דאָס ערשטע ליכט פון דער בריאה, איז געוואָרן די באַזע און דער יסוד פאַרן ווייטערדיקן באַשאַף.

נישט אומזיסט איז לויט דער ביבלישער שילדערונג דאָס ליכט אויפגעקומען גלייך נאָכן תוהו ובוהו, נאָכן אור־כאַאָס פון בראשית; נאָך איידער עס זיינען באַשאַפן געוואָרן די פּלאַנעטן (הימל און ערד), און נאָך איידער דער סאַמע אור־עלעמענט דאָס וואַסער, איז געוואָרן געצוימט און באַהערשט (בראשית, א').

מיטן ליכט בכן איז ווי אויפגעגאַנגען דער באַוווסטזיין פון דער וועלט, ווי מיטן מענטשלעכן באַוווסטזיין, גייט

אויף און לעשט זיך דאָס מענטשלעכע לעבן, ווי א חלבן ליכט ...

ליכט-באַוווסטזיין, דאָס געפעס פונעם מענטשלעכן דענקען, איז דאָס סאַמע עיקרדיקסטע וואָס טיילט אָפּ דעם מענטשן פון דער איבריקער אומבאַוווסטזיניקער וועלט.

ווייל אין דער פאַרבינדונג פון געדאַנקען-באַגריפן, דאָס אַנאַליזירן זיי און אַרויסברענגען דורך דער שפּראַך און שריפט, ליגט דער עצם-אונטערשייד צווישן מענטש און אַלע איבריקע באַשעפענישן.

ווייל אויסער דעם, — האָט אויך דאָס קלענסטע ווערמל אויף זיין שטייגער „וויסן" און אינטעליגענץ.

*

דער סימבאָלישער ליכט-עלעמענט, איז אַריינגעדרונגען אין דער פסיכיק און מענטאַליטעט פון אַלע פעלקער.

ביי אַלע פעלקער איז דאָס ליכט אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די שענסטע סימבאָלן.

די אַלטע עגיפּטער האָבן צווישן אַנדערע נאַטור-כוחות אויך פאַרגעטערט די זון. און פּרעה, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ שטיקל „גאָט" (גאָטס זון), איז געווען דאָס סאַמע לייב פון דער זון. און די אַמאָליקע פּערסיער האָבן געדינט צום פייער.

ביי חנוכה ווערט געזאָגט: „בשעת הסכנה", ווען ס'איז פאַראַן אַ מורא פאַר די פייער-דינער, דאַרף מען נישט אַרויסשטעלן די חנוכה-ליכט אין דרויסן צו דערקענען דעם נס („משום היכר ניסא") (שבת, „במה מדליקין").

ליכט אָדער דאָס פייער, איז געווען פאַרהייליקט ביי אַלע רעליגיעס. אין אַלע אַמאָליקע טעמפּלען האָט געברענט אַ „נר תמיד", איז געוואָרן אונטערגעהאַלטן אַ שטענדיק פייער.

און דאָך איז פֿאַראַן אַ קאַרדינאַלער אונטערשיד צווישן דעם נישט־יידישן און יידישן באַנעם פֿון ליכט־עלעמענט, ווי ס'איז פֿאַראַן בכלל אַן אונטערשיד צווישן דעם יידישן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן אויפֿנעם — און דעם קריסטלעכן, העלעניסטיש־געצענדינערישן.

ווען ביי יידן איז דאָס פֿייער־ליכט נאָר געווען אַ שיינער און הייליקער סימבאָל, וואָס האָט אויסגעדריקט די אומצערייסבאַרע פֿאַרבינדונג פֿון ייד־מענטש מיטן אייג־ציקן און די עבודה, דאָס צינדן די מנורה, האָט געמיינט דאָס שטייגן פֿונעם מענטשלעכן גייסט צו די העכסטע הייכן („בהעלותך את הנרות״), זאָלסט אַרויפֿשטייגן, אַרויפֿ־ברייינגען די ליכטער, איז ביי די אַנדערע דאָס פֿייער אַליין געוואָרן צו געצענדינסט.

דעם באַשעפֿערס כלי, איז דורך זיי אַליין געוואָרן אומגעוואַנדלט אין אַ באַשעפֿער.

און כדי נאָך בולטער צו אילוסטרירן דעם באַנעם־אונטערשיד, וועלן מיר פֿאַרענדיקן מיטן מעשהלע פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע.

צעאוס, דער הויפּט־גאָט פֿון גריכישן געטער־אָלימפּ, וואַרפֿט אַראָפּ דעם גאָט־זון פּראָמעטיי, צוליבן אַרויסגנבֿענען ביי אים דאָס פֿייער און ברייינגען עס אַ מתנה צו די מענטשן. ער ווערט דערפֿאַר צוגעשמידט צו אַ באַרג און די רויב־פֿייגל פּיקן זיין לייב.

און אין חומש בראשית, שענקט באַלד ביים אָנהייב פֿון באַשאַף אל' אַוועק דאָס ליכט, ווי די שענסטע און ווערטפֿולסטע מתנה דער וועלט (ויהי אור).

(„ציוניסטישע שטימע״, פּאַריז, 1954).

קונסט, פרייע קונסט און יידישע קונסט

וואָס איז קונסט און וואָס איז איר שליחות? די קונסט, ווי דער אויסדרוק פונעם געפיל פאַר שיינקייט, פון דער באַדערפעניש פאַרן עסטעטיש-דערהויבענעם; איז אַ טייל פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, באַזונדער, פון איר גייסטיקן טייל.

זי ווערט גענערט פונעם אינערלעכן דראַנג צו האַר־מאָניע און שיינקייט, וואָס ווערט אַנטפּלעקט און קומט צום אויסדרוק אין דער נאַטור פונעם מענטשלעכן לעבן.

ס'איז דאָס פאַרבאָרגענע געפיל פאַרן עסטעטיש-דער־הויבענעם וואָס נורטעוועט אינעם מענטשן נאָך מקדמונים. און ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קולטור, קומט אויך זי ווי די גאַנצע קולטור, פאַריכטן אַ שווערן פעלער אינעם מענטשלעכן לעבן.

דעם פעלער פון דער איבריקער לאַסט פון די טראַגישע מענטשלעכע געפילן, די געפילן פון איינזאַמקייט און הילפס־לאָזיקייט וואָס באַהערשן דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן.

זי קומט דעריבער דורך איר געשטאַלטן און פאָרמען שיינקייט — קאָריגירן נישט נאָר דאָס אויסערלעכע פונעם לעבן, נאָר אויך אַרויסברייינגען און מתקן זיין דאָס אינער־לעכע פונעם לעבן, דאָס לעבן פון אינעווייניק.

זי באַלעבט אויף איר שטייגער און רודערט אויף דעם גייסט און דאָס האַרץ אַריינברייינגענדיק זיי אין אַ צושטאַנד פון עקסטאַז און אַנטציקונג, מיט דער הילף פון דער זעלבער האַרמאָניע און שיינקייט, וואָס ווערט דורך איר דער קונסט, אַרויסגערופן.

דאָס איז אָבער איר אַלגעמיינע שליחות, אַזוי צו זאָגן

איר הויפּט־אויפגאַבע, וואָס זי די קונסט באַקומט פון דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער נאַטור.

זי האָט אָבער ווי אַ יידישע קונסט, אויך אַ גאַנץ באַזונדערע אויפגאַבע, אַ גאַנץ באַזונדערע שליחות; וועגן וועלכער מיר וועלן רעדן באַזונדער.

*

פרייע קונסט

אַז מיר ווייסן שוין עפּעס וועגן כאַראַקטער פון דער קונסט, קענען מיר שוין איבערגיין צו דער פראַגע:

צי איז די קונסט פריי, בעסער געזאָגט, איז דער קינסטלער וואָס פירט אוים זיינע קונסט־פונקציעס אינגאַנצן פריי אין זיין דאָזיקער שליחות, ווערט ער אַפּריאָרי גאָרנישט באַווירקט און באיינפלוסט פון זייטיקע פאַקטאָרן און טענדענצן, וואָס זיינען אויסער די ראַמען פון זיין פרייען ווילן?

זיכער איז ער נישט פריי, נאָר ער ווערט באַווירקט אויך פון אַנדערע פאַקטאָרן. מחמת קיין פרייע קונסט, ווי אינגאַנצן קיין פרייער ווילן, איז גאָרנישט בנמצא.

דער מענטש איז נאָר אויף אַזויפיל פריי אויף וויפל עס איז אָנגעצייכנט פון בראשית, פונעם טאָג פון זיין געבוירן.

הגם פון דער צווייטער זייט, איז אינעם שטח פון זיין דאָזיקן באַגרענעצטן ווילן, נאָך אויך פאַראַן גענוג אָרט צו ווירקן.

עס זיינען אָבער נאָך פאַראַן אויך אַנדערע שטערונגען וואָס צוימען דעם קינסטלער אין דער מעגלעכקייט פון זיין פרייען שאַפן.

בכן זעען מיר, אַז דער קינסטלער איז נישט נאָר לויטן איהאַלט פון זיין שאַפן נישט פריי, מחמת ער איז ווי אַ מענטש, ווי אַן עטישער יחיד; בשום אופן נישט פריי אינעם

אויסוואַל פון דער טעמע און אָביעקט פון זיין קונסט־שאַפן, נאָר ער איז אויך עסטעטיש גענומען, לויט דער פאָרעם; נישט פריי.

ער איז אַפילו נישט פריי אינעם אויסוואַל פונעם אופן און פאָרעם פון זיין קונסט־אויסדרוק.

יידישע קונסט

מיר האָבן אין אָנהייב געזאָגט: די קונסט קומט קאָריגירן נישט נאָר דאָס אויסערלעכע פונעם לעבן, נאָר אויך דאָס סאַמע אינערלעכע.

זי דאַרף מתקן זיין דאָס מענטשלעכע לעבן פון אינווייניק, וואָס מיינט: אַז דער ציל און שליחות פון דער קונסט, דאַרף זיין דאָס לייטערן און עטיש־עסטעטיש דערהייבן דעם מענטשן.

זי דאַרף אויסאיידעלערן און פאַרשענערן זיינע געפילן און געדאַנקן, ווי אויך אים געבן אַ בעסערן און גלייכצייטיק באַשיידענערן געשמאַק אינעם לעבן.

קורץ: די קונסט איז באַשטימט צו דינען דעם מענטש און דער עטיק און נישט פאַרקערט. דער מענטש איז פאַר איר דער קונסט, דאָס העכסטע און הייליקסטע.

און מיט דער דאָזיקער מאָס, ווערט די קונסט געמאָסטן און געוויגן. דאָס איז איר ריינסטע גאָלד־פּראָבע.

אויב דאָס איז אַזוי פאַר דער אַלגעמיינער קונסט, איז דאָס דאָזיקע פאַר דער יידישער קונסט, אַוודאי גילטיק.

און אויב די אַלגעמיינע קונסט איז נישט און קען נישט זיין מכמה טעמים פריי, קען די יידישע קונסט, די נאַציאָנאַלע ווי די פאָלקס־קונסט, אַוודאי און אַוודאי נישט זיין אינגאַנצן פריי.

מחמת די יידישע קונסט ווי אַ נאַציאָנאַלע, לייגט נאָך אַרויף אויפן יידישן קינסטלער גאַנץ באַזונדערע אויפ־

גאָבן. זי לייגט קודם-כל אויף איר אָרויף די באַזונדערע שליחות פון נאַציאָנאַלן קיום און המשך.

דאָס מיינט: אַז די יידישע קונסט איז נישט נאָר עטיש נישט הפקרדיק, — אַז דער יידישער קינסטלער אין וואָרט און אין שריפט און אין אַלע זיינע קונסט-אויס־דרוקן מוז שטענדיק האָבן פאַר זיינע אויגן דאָס גוטס און מאָראַלישע ריינקייט פונעם מענטש, אויסמיידנדיק דעם וואָאַנטוריסטישן און עראָטישן שונד מיט וואָס אַ טייל פון דער וועלטלעכער קונסט און קולטור איז פול, נאָר אַז זי די קונסט, איז אויך נאַציאָנאַל ווי אַ שאַפונג פאַרן פאָלק, נישט הפקרדיק.

דער יידישער קינסטלער האָט אַ באַשטימטע נאַציאָ־נאַלע גרענעץ, וועלכע אויך ער ווי יעדער ייד בכלל טאָר נישט איבערטרעטן.

די שאַפונגס-תאווה פונעם יידישן קינסטלער ווי פון שעפערישן מענטש, גיט אים נאָך נישט קיין גרונט צו צעשטערן יעדן נאַציאָנאַלן צוים און פאַרשטעל, ווי די שאַפונגס-תאווה פונעם קינסטלער בכלל, איז פאַר אים, דעם קינסטלער, נאָך נישט קיין גרונט צו טרעטן אויף די הייליקסטע מענטשלעכע ווערטן.

פאַרקערט גאָר: די אויפגאַבע פון דער יידישער קונסט איז נישט נאָר וואָס זי איז נישט באַשטימט צו שעדיקן און אָפּצושוואַכן דעם נאַציאָנאַלן קיום, נאָר איר באַשטימונג גאָר איז, אים צו שטאַרקן און פאַרפעסטיקן.

איר הייליקסטע אויפגאַבע איז: צו וועקן און מונטערן צום נאַציאָנאַלן לעבן. אַרוים צו הייבן און געפינען שיינקייט אין אַלע ערטער און צייטן אינעם לויף פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע און ווירקן לטובת דעם מענטש און דעם אייגענעם פאָלק, און זיי ביידע עטיש-עסטעטיש באַשיינען און דערהייבן.

רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער יידישקייט

לאָמיר זיך קודם כל קלאָר מאַכן וואָס מיר פאַרשטייען אונטערן באַגריף פון אַ רעליגיעזן עלעמענט, ווי אויך, וואָס מיר מיינען מיטן באַגריף פון דער יידישקייט.

אונטער אַ רעליגיעזן עלעמענט פאַרשטייען מיר, אַ וועלכן ס'איז אַקט, אויף צו דערנענטערן און באַהעפטן דעם גלויביקן מיטן אָביעקט פון זיין רעליגיעזן גלויבן.

און אונטער יידישקייט פאַרשטייען מיר, אַלדאָס קערנדיקע וואָס דער ייד־איך, דער יידישער מענטש; נעמט אין זיך אַריין ווי אַ נאַציאָנאַלער, אָדער ווי אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, פאַר דער קרעפטיקונג און פאַרזיכערונג פון זיין פאָלק.

דאָס מיינט, אַז אַלע יידיש־רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע עלעמענטן, אַלטע ווי נייע־אויפגעקומענע, וואָס דינען דעם אויבנדערמאָנטן צוועק, זיינען די בוי־שטיינער פון דער נאַציאָנאַלער יידישקייט.

און דאָס מיינט שוין במילא אַז די נאַציאָנאַלע יידישקייט איז די באַזע פאַרן פאָלקס קיום און אַז דער סאַמע קיום אַליין, דער נאַציאָנאַלער זיין; — איז נישט עפּעס אַ מיטל צו אַ צוועק, ווי די יידישקייט איז אין דעם פאַל פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, נאָר אַז ער, דער יידישער קיום אין זיין גייסטיק־עטישן באַנעם, — איז אַ צוועק פאַר זיך אַליין, ווי דאָס מענטשלעכע לעבן איז אַ צוועק פאַר זיך.

*

אַז מיר ווייסן שוין וואָס מיר מיינען מיט דער יידיש־

קיום, בלייבט אונדז נאָך אויסצוגעפינען און אַרויסצושיילן פון איר, אַלע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און צווישן-עלעמענטן, כדי זיי צו באַטראַכטן און זעען וואָס איז זייער ווערט און צושטייער פאַר דער נאַציאָנאַלער יידישקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט מיט אַלע אירע עלעמענטן וואָס זיינען אַ סך, וועלן מיר זיך פאַרנעמען, נאָר מיט אַ טייל, די מער אָנזעעוודיקע, פון וועלכע אָבער מען וועט לויטן סיסטעם פון פאַרגלייכן (אַנאַלאָגיע), קענען דרינגען אויף די איבריקע.

און נאָר דאָס, זייער ווערט און צושטייער פאַר דער נאַציאָנאַלער יידישקייט, אָדער אינעם לעצטן סך הכל, פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, וועט זיין אונדזער מאָס און וואָג, מיט וועלכן מיר וועלן זיי מעסטן און וועגן. דאָס וועט זיין אונדזער גרונט-פּראָבע.

מיר מוזן דאָס טאָן, צוליב די מיספאַרשטייענישן וואָס קומען ביי אונדז אויף, באַזונדער ביי די נישט-רעליגיעזע, אָפּגעפרעמדטע און אַפילו נאַציאָנאַלע יידן, וואָס נישט פאַרשטייענדיק, אָדער נישט אַריינדרינגענדיק אינעם ריכטי־קן גייסט פון עלעמענט און זיין פּראַקטישער אויסווירקונג אויף אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן און זיין, — זיינען זיי נישט נאָר די דאָזיקע ווערטן מבטל, נאָר אָפּטמאָל באַקעמפן זיי זיי נאָך, אונטערגראָבענדיק דערמיט אַליין די וואָרצלען פונעם נאַציאָנאַל-קיומדיקן בוים, אויף וועלכן זיי אַליין זיצן.

און הגם וואָס שייך דעם נאַציאָנאַלן אויפהאַלט בכלל, ווירקט זיך יעדער יידיש-רעליגיעזער עלעמענט, יעדע מצווה אָדער ריטואַל וואָס אַ ייד פּראַוועט בצבור אוים קיומדיק, און די רעליגיעז-פּראַקטיצירנדיקע יידן, זיינען מהאי טעמא די פאַרוואָרצלסטע דעמבעם פונעם קיום-וואַלד, וועלן מיר פונדעסטוועגן פּרווון געפינען אַ גרענעץ — צווישן אַ ריין רעליגיעזן ווערט און אַ נאַציאָנאַלן.

וואָס איז אַ ריין רעליגיעזער ווערט?

פאַר אַ ריין רעליגיעזן ווערט באַטראַכטן מיר אַזעלכן, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צווישן ייד און זיין גאָט. אַן עלעמענט, וואָס איז אין זיין רעליגיעזן תוך נישט אַנדערש ווי יעדער אַנדערער נישט-יידישער רעליגיעזער עלעמענט.

אַזעלכער, וואָס גיט מיט גאָרנישט צו פאַרן באַזונדערן דערהאַלטן און פאַרזעצן פון זיין פאָלק.

דאָס זיינען אַלע רעליגיעז-מאָראַלישע געבאָטן און נאָרמען, וואָס זיינען אייגענטלעך אַלע מענטשן און פעלקער, ווי למשל: די געבאָטן פון נישט מאָרדן, רויבן, שענדן, שווערן פאַלש, אָפּנאַרן און די אַלע ענלעכע צו זיי, ווי אויך די איבריקע וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן.

דאָס זיינען עלעמענטן אַלגעמיין-מענטשלעכע, וועמענס ווערט איז אַלגעמיין פאַר אַלע.

דאַקעגן זיינען פאַראַן יידיש-רעליגיעזע עלעמענטן, וואָס זיינען טראָץ זייער רעליגיעזן אויסזען און אָפּשטאַם פאַר אונדז נישט קיין ריין רעליגיעזע, נאָר פון אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

די דאָזיקע עלעמענטן טראָגן שוין אַריין, אָדער גיבן מיט עפּעס צושטייער צום נאַציאָנאַלן קיום. זיי פאַרמאָגן שוין ווייזט זיך אַרויס ביי אַ טיפערן אַנאַליז, אַ געוויסן יידיש-נאַציאָנאַלן ווערט.

און ס'איז דאָ נישט וויכטיק, צי זייער נאַציאָנאַלער ווערט איז אַ דירעקטער, — צי בלויז אַן אויסוווירקנדיקער. ווייל פאַר אונדז איז גענוג די עובדה פון זייער אויסוווירקנדיקן רעזולטאַט פאַרן קיום.

לאָמיר אָנהויבן גלייך מיטן יידישן קינד און עס נעמען אַלס ביישפּיל.

דאָס באַשניידן דאָס יידישע קינד צום אַכטן טאָג,

זעט אונדז אוים ווי אַ ריין־רעליגיעזער אַקט (אַפילו ווי אַ פאַנאַטישער), קוקט מען אָבער אַריין אַביסל טיפער אין דער זאַך, דאַן זעט מען: אַז דער דאָזיקער בצבורדיקער צערעמאָניאַל און זיין סימבאָליק, דהיינו: דאָס אַריינברייני־גען דאָס קינד „בבריתו של אברהם" (אין אברהמס בונד) מיט וועמען גאָט אַליין שליסט אַן אייביקן אָפּמאַך, פאַר אים, דעם ישראלדיקן שטאַם־פאָטער און פאַר זיינע קינדער די בני ישראל, פאַרוואַנדלט דעם דאָזיקן רעליגיעזן אַקט אין אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן.

אַזוי אויך באַקומען זייער נאַציאָנאַלן ווערט די יידישע יום טובים אַפילו די נישט ספּעציפיש נאַציאָנאַלע, וואָס זעען אונדז אוים ווי ריין רעליגיעזע.

ווייל שוין דאָס אַליין וואָס זיי זיינען אויסער דעם אַלגעמיינעם קאַלענדאַר, וואָס זיי זיינען פאַר יידן באַזונ־דערע טעג און צייטן („זמנים לשמחה"), מאַכט זיי פאַר נאַציאָנאַל.

זייער באַזונדער זיין, לייגט אויף זיי אַרויף אַ באַזונ־דערן נאַציאָנאַלן חותם. מחמת אַ באַזונדער פאָלק מוז האָבן זיין באַזונדערן נאַציאָנאַלן סימן, וואָס זאָל אים אונטערשיידן פון אַנדערע פעלקער.

און ווען מען גיט נאָך צו דעם צו, דעם כלל־סימבאָלישן און היסטאָריש־טראַדיציאָנעלן ווערט, ווערן שוין די דאָזיקע ריין רעליגיעזע יום טובים פאַרוואַנדלט אין רעליגיעז־נאַצ־יאָנאַלע, מיט אַ באַזונדערן ווערט פאַרן קיום.

פאַרשטייט זיך אַז אונדז גייט דאָ נישט אינעם מקיים זיין אַלע דיקדוקי מצוות פונעם יום טוב, וואָס נישט דאָס איז דער צוועק פון אונדזער באַהאַנדלונג, נאָר מיר מיינען דאָס עיקרדיקע פונעם יום טוב, די נאַציאָנאַלע נשמה זיינע, ווי אַ פאַקטאָר פאַרן נאַציאָנאַלן קיום. דאָס זעלבע איז מיטן שבת.

דער שבת

דער שבת ווערט נישט נאָר פון אַנטי-נאַציאָנאַלע רעפאָרמיסטן פאַרגוואַלטיקט און פאַרלייקנט, נאָר צוליבן נישט געהעריק פאַרשטיין דעם אונטערשייד פון אַ סתם רעליגיעזן עלעמענט ביז אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלן, ווערט ער אפילו פון נאַציאָנאַלע יידן און ציוניסטן געשענדעט.

און אין דער אמתן, האָט דער שבת נישט בלויז אַ רעליגיעזן ווערט, הגם זיין אורשפּרונג באַזירט אויף אַ רעליגיעזן געבאָט, און נישט בלויז אַ סאָציאַלן, נאָר ער איז אין זיין כאַראַקטער און אויסווירקונג, אַ שטאַרקער נאַציאָנאַלער עלעמענט און ווערט, אַ קיומדיקער פאַקטאָר.

און נישט אומזיסט האָט דאָס קריסטנטום וואָס האָט באַשלאָסן איבערצורייסן מיט אונדז די לעצטע פעדעם, אויך באַשלאָסן איבערצורייסן מיטן יידישן שבת און זיך באַשאַפן אַן אייגענעם זונטיק-„שבת".

שוין דערפאַר אַליין איז דער שבת נאַציאָנאַל, ווייל ער איז אַ באַזונדערער טאָג פאַר אַ באַזונדער פאָלק, איז אייגנאַרטיק ווי דאָס פאָלק און איז געוואָרן געררודעפט ווי דאָס פאָלק.

ער איז דער שבת, ווי די באַצייכענונג פאַרן יידם באַזונדערן זיין, דער נאַציאָנאַלער סימן פונעם פאָלק. און ווער עס מיסברויכט גאָר אין גאַנצן מיטן שבת, ווער עס פאַרבייט אים אויף זונטיק, דער איז קיין נאַציאָנאַלער ייד אויך נים.

און די יידן וואָס פּראַקטיצירן נישט קיין רעליגיעזע יידישקייט האָבן געמעגט וויסן, אַז אַן דעם פון וואָך צו וואָך איבערגעחזרטן שבת, וואָלט געווען צו לאַנג צו וואַרטן אין גאָר דער אַטמאָספערע פון נאַציאָנאַלער אויסגעליידיקטקייט, אויף אַביסל יום טובדיקער נאַציאָנאַלער פרייד...

איבערגאַנג און דאָס שותפות פון רעליגיעזן מיטן נאַציאָנאַלן

צו באַטראַכטן דעם איבערגאַנג און דאָס שותפות פון רעליגיעזן מיטן נאַציאָנאַלן, וואָלט זיך געפאָדערט אַ באַזונדער פאָרשונג.

נאָר אַפילו אויף צו באַרירן דעם דאָזיקן ענין בלויז אין קורצע שטריכן, מוזן מיר אויך אָנקומען צו דער יידישער רעליגיע און אַביסעל באַהאַנדלען איר עצם.

וואָסזשע איז דער עצם פון דער יידישער רעליגיע?

צי איז די יידישע רעליגיע אַ ריין רעליגיעזע סכעמע, אַ רעליגיעזער גלויבן; צי בלויז אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער סיסטעם?

צי האָט זי מיט איר אויפקום געהאַט אין זין בלויז די רעליגיעז־עטישע זייט פונעם ייד, זיין באַציונג צו גאָט ווי צום שעפער פון דער וועלט און די יחידיש־מאָראַלישע באַציונג פון ייד צו ייד „בין אדם לחברו״?

מיינט זי בלויז די אויסאיידלונג, די מאָראַלישע לייטערונג פונעם מענטשן געבענדיק אים גלייכצייטיק אויך אַ האָפענונג, אַ שטרעבן צו אַ העכער הייליק־רעליגיעז לעבן, וואָס זאָל אים באַפליגלען אויף זיין שווערן ערדישן וועג, אָדער באַצוועקט זי נאָר דאָס שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן בונד, דאָס איינהאַלטן און פאָרזעצן דעם יידישן פאָלקס־קיום, און די רעליגיעזע פאָרעם איז בלויז דאָס הייטל, וואָס נעמט אַרום אַ נאָך וויכטיקערן אינהאַלט ,דעם גרונטקערן; וואָס איז די זאָרג און די צוקונפט פונעם יידישן פאָלק?

עס קען זיין, אַז זי איז לכתחילה אויפגעקומען ווי אַ ריין רעליגיעזע סכעמע, ווי אַ געלייטערטע פאַר יענער צייט רעליגיע.

נאָר נויטיקנדיק זיך אין אַ באַשטימטן קרייז פון אירע אָנהענגער און פאַרשפרייטער, האָט זי געמוזט אין איר

סיסטעם אויך זאָרגן פאַרן ענגערן צונויפבונד פונעם קרייז און זיינע אינטערעסן.

אָדער זיי אַליין, די גלויביקע, האָבן געמוזט כדי דער־פאָלגרייך צו פאַרשפרייטן זייער גלויבן, זיך אָרגאַניזירן אויף אַ באַשטימטן געאָרדנטן אופן.

און דערפון איז אַרויסגעקומען די ערשטע אָרגאַני־זירטע פאָרעם וואָס האָט אַלץ מער פאַרברייטערט און פאַרטיפט די אינטערעסן פונעם קרייז (גרופע אָדער שבט), צו אַלגעמיין כללדיקע אינטערעסן (נאַציאָנאַלע).

און עס קען זיין, אַז די יידישע רעליגיע (שוין ווי אַ פונאַנדערגעאַרבעטער סיסטעם) איז לכתחילה אויפגעקומען ווי אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער סיסטעם. נאָר אום צו פאַרזיסן אירע ביטערע פילן, — כדי פּסיכיש צו מילדערן ביי אירע אָנהענגער די שווערע אויפגאַבן (דאָס וואַנדערן אין דער מדבר, כיבוש הארץ א.א.וו.), האָט זי אירע נאַציאָנאַלע געבאָטן און אויפגאַבן באַקרעפטיקט מיטן אויטאָריטעט פון גאָט.

אָבער ווען אַפילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז די יידישע רעליגיע איז אויפגעקומען ווי אַ ריין־רעליגיעזע סכעמע, האָט אויך מיט דער צייט דאָס יידיש־רעליגיעזע, געמוזט שליסן אַ בונד, זיך באַהעפטן מיטן נאַציאָנאַלן.

מחמת, אַ גלויבן וואָס איז געוואָרן אָנגענומען נאָר פון אַ באַשטימטן קרייז, האָט אויך געמוזט זאָרגן פאַרן קיום פונעם דאָזיקן באַזונדערן קרייז.

האָט דעריבער דער דאָזיקער גלויבן אין זיין סיסטעם, אויך געמוזט אַריינגעמען אַלע דערנערונגס־זאַפטן — פאַרן באַזונדערן אויפהאַלט און המשך פונעם דאָזיקן אידעען־טרעגערישן קרייז, שאַפענדיק די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ באַזונדערן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו.

דער בית הכנסת

*) וועגן איבערגאַנג און פאַרבינדונג פון רעליגיעזן מיטן נאַציאָנאַלן, וועט צום בעסטן אילוסטרירן דער אויפקום און די ראָלע פונעם אַלטן בית הכנסת.

נאָכן חורבן פונעם ערשטן בית המקדש, וואָס האָט געדינט נישט נאָר ווי אַ רעליגיעזער טעמפּל, נאָר אויך ווי אַ נאַציאָנאַל־פאַראייניקנדיקער פאַקטאָר פאַר דער אומה, — קומט אויף דער בית הכנסת נישט נאָר אין ארץ ישראל, נאָר אויך אין די אַלע לענדער פון די דעמאָלטיקע גליותן, ווי: בבל, מצרים, גריכענלאַנד, רוים און אין איבריקע צעשפּרייט־קייטן.

שוין אין דער משנה טרעפן מיר דעם נאָמען בית הכנסת, וואָס מיינט: אַ פאַרזאַמלונגס־אָרט, אַ קאָנצענט־ראַציע־אָרט פאַרן פאָלק.

נישט דאָס גאָט־בעטן ווערט מיטן דאָזיקן נאָמען באַצייכנט, נאָר דער עיקר, די עובדה פון פאַרזאַמלען זיך, פון נאַציאָנאַל־בצבורדיקן צונויפקום.

אויך אין די אַנדערע שפּראַכן, אַקצענטירט דער דאָזי־קער נאָמען דעם זעלבן מיין פון צונויפזאַמלען זיך, ווי: „בית כנישתא״ אין אַראַמיש, סינאַגאָגע אין גריכיש, רוימיש, א.א.וו.

און גאָר אינטערעסאַנט איז: אַז אין די פריערדיקע כתבי הקדש, ווערט גאָר נישט דערמאָנט דער נאָמען בית הכנסת, נאָר „בית תפילה״ (ישעיה נו); בית ה׳ (מלכים ז, יב); בית אלקים (תהלים קכ״ב); א.א.וו.

דאָס באַווייזט, אַז ווען די יידן זיינען נאָך אין זייער גרויסן רוב געווען קאָנצענטרירט אינעם אייגענעם לאַנד,

---

*) נאָכן אָנשרייבן די דאָזיקע עסיי, האָב איך ביים לייענען דעם „פּנקס ביאַליסטאָק״ פונעם באַוווסטן געלערנטן א. ש. הערשבערג, ע״ה, זיך אָנ־געשטויסן אין אַן ענלעכער מיינונג וועגן דער ראָלע פון בית הכנסת.

אין ארץ ישראל; דאַן, ווען מען האָט נאָך נישט מורא געהאַט פאַר זייער אויסמישן זיך צווישן די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, האָבן זיי קיין באַזונדערע צענטערס, נאַציאָנאַלע צונויפקום-ערטער נישט געדאַרפט.

*

פאַרקערט גאָר, דאַן איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַר דער צענטראַלער ראָלע פונעם בית המקדש אינעם לעבן פונעם פאָלק, ווי דער איין און איינציקער פאַרייניקנדיקער פאַקטאָר.

נאָר ערשט נאָכן חורבן ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע צעשפרייטקייט, האָט מען מורא באַקומען פאַרן אונטערגאַנג פון די דאָזיקע נייע גליותן (פאַרן נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג).

האָט מען דעריבער געשאַפן דעם בית הכנסת, ווי אַ צענטער נישט נאָר פאַר גאָט בעטן און לערנען, נאָר דער עיקר ווי אַ צונויפזאַמלונגס אָרט, ווי אַ נאַציאָנאַלן פאַרייניקונגס צענטער פאַר דער תפוצת הגולה.

אַזוי אַרום האָט דער בית הכנסת אין זיין רעליגיעזער ראָלע זיך משתּף געווען און זיך פאַרבונדן מיט זיין פאָלקיש-נאַציאָנאַלער שליחות, ווערענדיק צו אַ פאַקטאָר פונעם אויפהאַלט פאַרן דאָזיקן גלותדיקן טייל פונעם פאָלק.

*

ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט פון אברהמען מיט גאָט, — באַקומט ער גלייך די הבטחה, אַז פון אים וועט אַרויסקומען אַ גרויס פאָלק, און צו זיינע קינדער וועט געהערן דאָס לאַנד כנען (לך לך, יב, יג).

נאָך יעקבס אויסראַנגלען אין זיך די צעשפאָלטנקייט און באַנעמען די נאַציאָנאַל-אידעישע גאַנצקייט, — ווערט אים געגעבן דער נאָמען ישראל, מיט דער פאַרזיכערונג

פונעם פאָלקס המשך און אַן אייגן לאַנד, (וישלח, כד, מא).

דורך דעם דאָזיקן אבות־גייסט, לייגט שוין משה דער באַגרינדער פון דער נאַציע דעם יסוד, נישט נאָר פון אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן שותפות, נאָר אויך פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן, וועמענס פאַרווירקלעכונג־פּראָצעס ווערט אַדורכגעפירט דורך זיין תלמיד יהושע.

דוד המלך, וואָס פאַרטיפט און ברייטערט אויס דעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן סיסטעם דורכן דעראָבערן ירושלים פאַר דער הויפּט־שטאָט, פאַרטראַכטענדיק אויך דעם בוי פון בית המקדש ווי אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן צענטער און פאַראייניקנדיקן פאַקטאָר פאַרן פאָלק, — ווערט דערפאַר „דוד מלך ישראל חי וקים״, פון וועמענס לענדן אויך דער גואל מוז אַרויסקומען.

די דאָזיקע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פאַרערונג וואָס ווערט געגעבן דודן, ווערט נישט צוגעטיילט זיין ליבלינג־זון שלמהן, דעם קאָנסערוווירער פון פאָטערס דעראָבערונגען און פאַקטישן בויער פון בית המקדש, צוליב דער שפּאַלטונג פון יהודה און ישראל ביי זיין זון רחבעם, וועמענס שולד האָט נאָך געוואָרצלט אין שלמהן אַליין, (צוליבן אַרויפגעלייגטן שווערן יאָך אויפן פאָלק).

פון אויבנגעזאָגטן ווערט אונדז בכן קלאָר דאָס שותפות פון רעליגיעזן מיטן נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַלן־פּאָליטישן, ווי אויך, אַז דער בית המקדש איז באַטראַכט געוואָרן נישט נאָר פאַר אַ רעליגיעזן ווערט, נאָר אויך פאַר אַ נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַלן־פּאָליטישן, פאַר אַ פאַראייניקנדיקן פאַקטאָר פון גאָר דער אומה.

*

כדי צו באַוואָרענען דעם וויטערדיקן קיום פונעם פאָלק, באַמיט זיך ר׳ יוחנן בן זכאי מיט די איבריקע חכמי

התלמוד נאָכן אָנווערן דעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן צענטער, נאָך מער צו פאַרטיפן דעם בונד פון רעליגיעזן מיטן נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַל־פּאָליטישן.

זיי ברייטערן אוים און טייטשן אוים און שאַפן נייע געבאָטן און תקנות (זכר למקדש, זכר לארץ א.א.וו.), כדי ענגער צו פאַרשמידן די רינגען פונעם עבר מיטן הווה, און דורך דעם אַריינצוקייטלען זיך אינעם עתיד פונעם פאָלק.

*

נאַציאָנאַלע פאַרהיטונגס־עלעמענטן

אַ טייל רעליגיעזע עלעמענטן, הגם געוויסע זייערע צערעמאָניאַלן, ווי ביי חליצה, זעען אונדז אוים צוליב דער אַלטקייט פון זייער מאָטיוו און שטייגער, אָפּשטויסענדיק, זיינען זיי אָבער אין זייער סאַמע תוך — אויפגעקומען ווי נאַציאָנאַלע פאַרהיטונגס־עלעמענטן.

אַ טייל פון זייערע מאָטיוון זיינען ווייזט אוים אויפגעקומען נאָך אין דער באַגינען־צייט פונעם שבט. מחמת, אום צו פאַרהיטן דעם שבט פון זיין פאַרקלענערונג און אונטערגאַנג, האָט דעם געשטאָרבענעמס ברודער געדאַרפט חתונה האָבן מיט דער קינדערלאָזער אלמנה, כדי מיט איר און די געבוירענע קינדער צו בלייבן אינעם שבט און אים פאַרמערן.

דערפון אויך דאָס מבזה זיין דעם בעל מיבם, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם דאָזיקן שבט־חוב, בפרט, ווען ס'איז דאָ אויך געגאַנגען אינעם אויפשטעלן דעם געשטאָרבענעמס נאָמען אין ישראל.

נאָך קלאָרער און אַקטועלער ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַרהיטונגס־עלעמענט, באַווייזט דער פאַרבאָט פון געמישטע חתונות. ס'איז נישט בלויז אַ רעליגיעזער ענין, אויך נישט אַ נאַציאָנאַלע גאווה אָדער סתם אַ פיינטשאַפט־אַקט קעגן

אַן אַנדער פֿאָלק, הגם קיינער קען נישט פֿאַרלאַנגען פֿונעם קרבן שלום צו מאַכן מיט זיין בלוטיקן שונא און נאָך מיט אים זיך קושן און האַלדזן.

עס גייט דאָ אָבער פּשוט אין דער זאָרג וועגן אייגענעם קיום. עס איז אַ זאַך פֿון אויפֿהאַלטן דאָס פֿאָלק און פֿאַרהיטן זיין עתיד. עס גייט אין דעם, אַז אויך דער נייער דור זאָל געהערן צום יידישן פֿאָלק. און נישט נאָר געהערן, נאָר זיי זאָלן זיין גאַנצע יידן און מענטשן.

קינדער פֿון אַ געמישטער הייראַט, זיינען נישט נאָר קיין גאַנצע יידן, נאָר אויך נישט קיין גאַנצע מענטשן. זיי זיינען נישט נאָר אַ פֿאַרלוסט פֿאַרן יידישן פֿאָלק, נאָר אויך צוליב זייער פּסיכישער נישט-גאַנצקייט, זיינען זיי אַ פֿאַר־לוסט פֿאַר זיך אַליין.

און נישט נאָר ביי די דאָזיקע קינדער מוזן אויפֿקומען קאָמפּלעקסן, נאָר אויך ביי די עלטערן אַליין טראָץ זייער בעסטן קעגנזייטיקן טאָלערירן זיך, מוז צוליב זייער קולטור און שטייגער-אונטערשייד, אויפֿקומען אויב נישט אַן אָפֿענער קאָנפֿליקט, איז אויפֿן בעסטן אופֿן אַן אינערלעכער פּסיכי־שער ריס.

סיידן פֿאַרשטייט זיך, ווען דער צווייטער צד ווערט אַזוי יידיש, לעבט זיך אַזוי פּסיכיש איין אינעם יידישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, ווי לאָמיר זאָגן אַן עכטער אָרטאָ־דאָקסישער ייד.

און טאַקע נישט ווייניקער. מחמת, דאָס וואָס קען נאָך גענוגן פֿאַר אַ נישט-רעליגיעזן ייד, צוליב זיין געירשענ־טער און צוגעוווינטער יידישקייט, — קען נישט גענוגן פֿאַר אַזעלכן, וואָס האָט אָט די דאָזיקע עלעמענטן אויך נישט.

און כדי אַ גר זאָל זיך פֿאָלשטענדיק איינלעבן אינעם יידישן אָרגאַניזם, איז נישט גענוג בלויז אַ פֿאָרמעלער צערעמאָניאַל פֿון יידישן. — בפֿרט פֿון אַ מאָדערנעם יידישן, נאָך ביי דער היינטיקער נאַציאָנאַל-לויזער סביבה.

אין דער ראָם פון פאַרהיטן דאָס פאָלק, געהער אויך דאָס נישט איבערנעמען פון פרעמדע פאָרמען, וואָס זיינען דערווידער דעם יידישן גייסט.

בפרט פון אַזעלכע, וואָס עפענען אַ גלייכן וועג צו פאַרווישן דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן פּנים. יעדע רעפאָרם וואָס רירט אָן נישט בלויז דעם ריין־רעליגיעזן פאָרמאַליזם, נאָר פאַרמעסט זיך אויף נאַציאָנאַלע עיקרים און פאָרמען, אָדער אַפילו פונדאַמענטאַלע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע, ווי: איבערטראָגן דעם שבת אויף זונטיק, ענדערן די יום טובים, דאַווענען נישט אין העברעיש, אויסמעקן פון די תפילות נאַציאָנאַלע סימבאָלן, ווונשן און נאַציאָנאַל־היסטאָרישע פאַרצייכענונגען א.א.וו. איז עבודה זרה, נאַציאָנאַלער שמד.

דער קיום פון אַ פאָלק, בפרט פון אַזאַ נישט־טערי־טאָריאַל־קאָנצענטרירט פאָלק ווי דאָס יידישע, פאָדערט אַן אייגענעם צוים, אַ נאַציאָנאַל־שטייגערישע פאַרוואָרצלט־קייט.

עס פאָדערט זיך אַ קלאַמערן אין די אייגענע, הגם סטיליסטישע פאָרמען. אָן אַריינוועבן זיך אינעם גאַנצן היסטאָרישן געוועב, אָנהייבענדיק פון נאַציאָנאַלן בראשית.

*

נאַציאָנאַל־פּאָליטישע עלעמענטן

פאַראַן אויך אַ ריי רעליגיעזע עלעמענטן, וואָס זיינען אין זייער תוך נישט נאָר נאַציאָנאַלע, נאָר בפירוש נאַציאָ־נאַל־פּאָליטישע, וואָס זיינען אויסן צו אייניקן דאָס פאָלק און שטאַרקן זיין צובונד צום טעריטאָריאַלן צענטער, הגם זיי ווערן סימבאָליזירט און פּראַקטיצירט אויף אַ רעליגיעזן אופן און שטייגער.

צו זיי געהערן אַ ריי געבאָטן נישט נאָר פון תורה

שבכתב (חומש), נאָר אויך זייערע אויסטייטשונגען און אַרויסטייטשונגען און די דינים פון תורה שבעל פה (תלמוד).

דער בית המקדש

דער בית המקדש, דער ערשטער און דער צווייטער, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר אַ ריין רעליגיעזן עלעמענט (גאָטס הויז, מקריב זיין קרבנות צו גאָט, די מנורה א.א.וו.) איז אין דער אמתן גאָר געווען אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער פאַקטאָר.

ער האָט מיט זיך געדאַרפט סימבאָליזירן די אחדות פון דער אומה און די צענטראַליזאַציע פון דער מלוכה.

דער בית המקדש איז געווען נישט נאָר אַ רעליגיעזער טעמפּל, נאָר ער איז לויט אונדזערע היינטיקע באַגריפן, געווען דער נאַציאָנאַלער „קאַפּיטאַל״ פון דער ארץ ישראל־דיקער נאַציע.

זיין אויפגאַבע איז געווען אויסצושמידן די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע איינהייט, מיטן צנטער פון ירושלים ווי די הויפּט־שטאָט.

און דאָס איז געווען ביים ערשטן בית המקדש ביי די נאָך נישט צעמענטירטע שבטים, ווי אויך ביי דער נאַציאָנאַלער צעריסנקייט און אויפגעקומענעם סעפּעראַטיזם פונעם צווייטן, אַ שווערע און נאַציאָנאַל־נויטיקע אויפגאַבע.

נישט אומזיסט איז דער נאַציאָנאַלער חורבן, דער אונטערגאַנג פון דער מלוכה; געוואָרן סימבאָליזירט מיטן חורבן פונעם טעמפּל.

און נישט אומזיסט זיינען די דראָבערער פון ירושלים נישט אָפּגעטראָטן, ביז זיי האָבן נישט אנטגילטיק צע־שטערט דעם בית המקדש.

ווייל דאָס פאַרברענען דעם ירושלימער טעמפּל, איז פאַר זיי געווען דער לעצטער ליקווידאַציע־אַקט פון יהודה׳ס זעלבסשטענדיקייט.

דאָס עולה רגל־זיין קיין ירושלים

אויך דער געבאָט פון דריי מאָל אַ יאָר עולה רגל צו זיין קיין ירושלים, האָט דאָס זעלבע אין זינען.

ער באַצוועקט באַליבט צו מאַכן, צו צובינדן דאָס פאָלק צו זיין הויפט־שטאָט ירושלים, עם מאָביליזירן און האָבן אויף אַן אָרט, אין פאַל פון אַ נאַציאָנאַלער נויט.

דאָס זעלבע האָט אויך באַצוועקט, דער קאַמף קעגן מקריב זיין אויף די במות (אויף די באַזונדערע הייכן). — ווייל ביי דער טענדענץ פון די שבטים צו דעצענטראַליזאַציע און סעפּאַרירונג, האָט מען געמוזט שאַפן אַ צענטראַלן פאַראייניקנדיקן פאַקטאָר, וואָס זאָל זיך געפינען אין דער פאַרהייליקטער ירושלים. און דאָס איז געווען דער ירושלים־דיקער בית המקדש, ווו נאָר דאָרט, האָט לויט דער מסורה זיך געקענט באַווייזן די שכינה.

דער יום טוב סוכות

אויב פסח מיט זיינע דעראינערונגען פון קנעכטשאַפט און באַפרייונג, דאַן, דער ערשטער שריט צו ווערן אַ נאַציאָ־נאַלער קאָלעקטיוו, איז די קרוין פון די נאַציאָנאַלע יום טובים און ווערטן, איז סוכות, די קרוין פון די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע.

הגם די סוכה וועמענס נאָמען דער יום טוב טראָגט, סימבאָליזירט מער נישט ווי דאָס וואַנדערן אין דער מדבר, אַ צווישן־שטופע צווישן אַרויסגאַנג פון מצרים און אַריינגאַנג אינעם אייגענעם לאַנד, — זיינען אָבער די דינים פון דער סוכה און איר געבוי, איין פּרעכטיקער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער טעפּיך.

יעדער דין און נאָרמע וואָס די חכמי התלמוד האָבן איינגעשטעלט ביים בויען די סוכה, איז איין לאַנגע קייט פון פאַרמיאוסן דעם גלות און דאָס גלותדיקע — און דאַקעגן

באַשיינען און באַקרוינען ארץ ישראל, דעם אייגענעם נאַציאָנאַל-פּאָליטישן צענטער.

צו דעם קומט נאָך צו די אַגראַר-ווירטשאַפטלעכע עלעמענטן פונעם זעלבן סוכות, דער חג האסיף; דהיינו: די שמחה פון איינזאַמלען דעם שניט, די וואַסער-פרייד (שמחת בית השואבה) און די פיר מינים, וואָס זיינען שוין נישט קיין סתם אַבסטראַקטע סימבאָלן און פאַנטאַזיעס, נאָר דעראינערונגען פונעם פאַקטישן אַמאָל, פונעם פאַרגע-קומענעם נאַציאָנאַל-פּאָליטישן לעבן אינעם אייגענעם לאַנד, וואָס וועקט און צינדט די נאַציאָנאַל-פּאָליטישע בענקעניש און גלוסטונג.

דאָס זיינען די קשר-באַנדן פון ייד צו ייד, וואָס פאַר-קניפּן זיי מיטן עבר, דורך וועמען אויך, עס ווערט פאַר-וואָרפן אַ בריק צום נאַציאָנאַלן עתיד פונעם פאָלק.

חנוכה

דער שפּעטער אויפגעקומענער יום טוב חנוכה, הגם צוליב געוויסע סיבות מיט וועלכע מיר ווילן זיך אַצינד נישט פאַרנעמען, ווערט דורכן תלמוד מינימיזירט צו דער בלויזער ראָלע פונעם בוימל-געפינס פאַר דער בית המקדש מנורה, האָט פונדעסטוועגן אויך דער תלמוד אין זיינע בלויזע אָנווונקען, — נישט געקענט אויסבאַהאַלטן זיין שטאַרקן נאַציאָנאַל-פּאָליטישן ווערט, וואָס טרעט אַזוי בולט אַרויס דורכן העראָאישן געראַנגל מיט אנטיוכוסן און דורך זיין אויסווירקענדיקער קראַפט פאַרן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און מוט.

אָבער אויך דאָס בלויזע צינדן די חנוכה-ליכט צום אָנדענק פון בוימל-נס, אויך דער דאָזיקער ריין-רעליגיעזער עלעמענט, האָט זיך נישט געקענט אָפּטיילן פון זיין נאַציאָ-נאַל-פּאָליטישער שותפות, פון זיין פאַרבינדונג מיטן חשמו-נאים-קאַמף פאַר באַפרייונג און זעלבסטשטענדיקייט; ווערנ-

דיק פאַר די וואָס צינדן די חנוכה-ליכט, צו אַ אינסטרומענט פון נאַציאָנאַלן אויפהאַלט.

*

אוניווערסאַלע עלעמענטן

לאָמיר צום שלום אויך עפּעס זאָגן, וועגן די אוניווער-סאַלע עלעמענטן וואָס געפינען זיך אין דער יידישקייט.

וואָרעם ווי באַגרענעצט נאַציאָנאַל אין אירע עלעמענטן (ווי אַ נאַציאָנאַלע רעליגיע) די יידישקייט זאָל נישט זיין, פאַרמאָגט זי אויך אין זיך ווערטפולע אוניווערסאַלע עלע-מענטן.

אָבער פונקט אַזוי ווי דאָס יידיש-רעליגיעזע איז אַ פאַרבינדונג מיטן אייגענעם נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַל-פּאָ-ליטישן, אַזוי מוז אויך דאָס אוניווערסאַלע, דאָס מענטשלעכע און אַלמענטשלעכע אין דער יידישקייט; זיין אינערלעך פאַרבונדן מיטן רעליגיעז-נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַל-פּאָליטי-שן.

דאָס יידיש-נאַציאָנאַלע און דאָס אוניווערסאַלע, טאָרן זיך נישט סותר זיין. זיי מוזן זיך ביידע האַרמאָנירן און פאַרייניקייטלעכן.

שוין דער ייד אַלס יחיד, איז איין האַרמאָנישער צו-נויפשמעלץ פון מענטש און ייד. ייד און מענטש, איז איינס, איז איין איינהייט.

מענטשלעכקייט איז זיין אינהאַלט, און יידישקייט איז זיין פאָרעם, דורך וועלכער דאָס מענטשלעכע דאַרף זיך אַנטפּלעקן, קומען צום אויסדרוק.

אָבער דער ייד איז אויך אַ טייל פון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט, פון זיין פאָלק. און ווי אַ טייל פון זיין פאָלק, באַזיצט ער אויך אַ נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, מיט אַ נאַציאָנאַלן שטרעבן און ווילן.

און זיין נאַציאָנאַלער שטרעבן און ווילן ווי יעדן יחידס ווילן, איז צו קיום און המשך.

שטרעבט דעריבער דער יידיש-מענטשלעכער באוווסט-זיין וואָס דאָס איז איינצייטיק זיין נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, צו אַ קעגנזייטיקן באַהעפטן זיך, צו אַ פאַרברודערן זיך מיט אַלע מענטשן און פעלקער.

צו אַ פאַרברודערן זיך, אָבער נישט צו אַ פיזישן און גייסטיקן צונויפגוס, וואָס פירט צום אייגענעם נאַציאָנאַלן אומקום.

דאַרף מען בכן ביים וועלן אַרומגיין געוויסע דערשיי-נונגען פון יידיש-רעליגיעזן לעבן, פון זיי אַרויסשיילן אַלע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל-פּאָליטישע עלעמענטן, ווי ווערטן און פאַקטאָרן פאַרן קיום, וועלכע קיין שום ייד טאָר נישט מזלזל זיין.

דאָס נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אין אונדזער אויפפאַסונג

דאַרפן זיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע טענדענצן אין אונדזער אויפפאַסונג?

און אויב אַזעלכע אפילו זיינען ביי אונדז ווען געווען, צי דאַרפן מיר דערפון דרינגען אַז זיי מוזן שוין ווייטער זיין?

זיכער אַז נישט. ווייל ס׳איז אין דער אמתן נישט פאַראַן קיין שעדלעכערע טעאָריע פאַרן נאַציאָנאַלן קיום און המשך, ווי די פאַרשפרייטונג פון אָט אַזאַ געדאַנקען-גאַנג.

ווייל די אידעע פון צוויי זיך אויסשליסנדיקע טענדענצן אין אונדזער אויפפאַסונג, וואָס גייען גאָר זייער באַזונדערן וועג, — איז אַ נאַציאָנאַל-שפּאַלטענדיקע אידעע.

זי צערייסט די יידיש-פאָלקישע איינהייט אויף צוויי באַזונדערע טיילן. און די מענטשן וואָס פּרעדיקן דאָס, ווי גוטע יידן זיי זאָלן נישט זיין, פאַרלייקענען זיי זיך אַליין.

ס׳איז דאָס זעלבע ווי דאָס פּרעדיקן פון אַ לאָקאַל-אַמעריקאַנער יידישקייט. ווי עס וואָלט מעגלעך געווען אַז יעדער יידישער קיבוץ, זאָל זיך האָבן זיין באַזונדערע יידישקייט, און דאַן וואָלטן מיר געהאַט אָנשטאָט איין צענטראַלע אַרומנעמענדיקע יידישקייט, באַזונדערע לאַנדעס-יידישקייטן, ווי באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן.

דאָס מיינט אָבער נישט, אַז מען טאָר לחלוטין נישט טראַכטן פון אַ סטיליזירטע יידישקייט (נאַציאָנאַל-סטילי-זירטע), אָדער אַז עס איז גאָר בכלל נישט פאַראַן אין דער יידישקייט קיין נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע טענדענץ. ניין! דאָס נישט.

מען דאַרף אָבער אונטערשיידן פון האַרמאָניש פאַר־שמאָלצענע טענדענצן, ביז, זיך קריצנדיקע, זיך קעגנזייטיק אויסשליסנדיקע טענדענצן.

און מען דאַרף אויך האָבן שטענדיק פאַר די אויגן דעם גרונט־כלל :

אַז אַלץ וואָס מיר פּרעדיקן און אונטערנעמען, טאָר נישט שעדיקן דעם פּרינציפּ פון אחדות האומה. און ווער עס איז במזיד נישט מקפיד אויף דעם דאָזיקן גרונט־פּרינציפּ, דער שליסט זיך אַליין אויס פונעם כלל־ישראל און האָט נישט במילא קיין רעכט צו רעדן אין זיין נאָמען.

און ס'איז נישט ריכטיק, אַז אין דער נאַציאָנאַל־יידיש־ער אויפפאַסונג און אַפילו בלויז אין דער כלל־יידישער, — זיינען פאַראַן צוויי גאָר באַזונדערע זיך אויסשליסענדיקע טענדענצן.

וואָס ס'איז יאָ פאַראַן, איז גאָר : אַ בשותפותדיקע נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלע איינהייט. אַ שלימות פון טענדענ־צן, וואָס זיינען שוין פון לאַנג פאַרארבעט געוואָרן צו איינס. און זיי זיינען צונויפגעגאָסן אונטערן געמייזאַמען דאַך פון דער יידישקייט.

דאָס זיינען טאַקע די גרונט־שטיינער פון אונדזער נאַציאָנאַל־געדאַנקלעכן בנין.

און דאָס מאַכן פּראַקטישע אויספירן פון צוויי באַזונ־דערע טענדענצן אין דער יידישקייט, איז מילד גערעדט, אַ ריס אין דער אידעאָלאָגיע פון אונדזער נאַציאָנאַלער גאַנצקייט.

און איז אין דער ווירקלעכקייט אויך פאַלש. ווייל, אין דער אמתן איז אַזאַ זאַך נישט בנמצא. סיידן מען וויל איר ערשט אויסטראַכטן; ערשט באַשאַפן.

און אָט פאַר דעם דאָזיקן נייעם נוסח אין דער יידיש־קייט, דאַרף מען שטאַרק וואָרענען.

מהמת דער טראָפּ וואָס ווערט געשטעלט פון אַ טייל,

אויפן פון דער יידישקייט אָפּגעריסענעם אוניווערסאַליזם, איז נישט דער שעפערישער יידישער אוניווערסאַליזם וואָס איז אַריין אין אונדזער אויפפאַסונג, באַפרוכפערנדיק דעם יידישן געדאַנק און וואָס גייט האַנט און האַנט מיט דער יידישער עטיק און פאָלקסטום.

נישט דער נאַציאָנאַל-אוניווערסאַלער געדאַנק וואָס קרעפטיקט און האַלט איין די יידישע אייגענאַרט איז זייער טענדענץ, נאָר אַ מין פון יידישן לעבן אָפּגעריסענער נאַציאָנאַל-צעשטערערישער אוניווערסאַליזם.

שוין די בלויזע אָנצוהערעניש פון אוניווערסאַלן ווי אַ באַזונדערן געדאַנקען-קאָמפּלעקס אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פונעם נאַציאָנאַלן, איז נישט נאָר נישט ריכטיק, נאָר דאָס אַליין איז אַ צעשטערערישער פאַקטאָר לגבי דעם נאַציאָנאַל-פאָלקישן איינהייט-געדאַנק.

*

און דער גאַנצער טעות נעמט זיך דערפון, וואָס אַ טייל פאַרבייטן דעם נאַציאָנאַל-אוניווערסאַלן באַגריף פון יידישקייט, אויף אַ מין נאַיוון קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס אי ער איז נישט רעאַל, און אי ער איז נאַציאָנאַל-פאַרלייקנדיק.

און פון דער צווייטער זייט פאַרבייטן די אַנדערע דעם נאַציאָנאַל-אוניווערסאַלן באַגריף פון דער יידישקייט, אויפן מערב-אייראָפּעישן קירכלעכן, וואָס אין איר געלויף נאָך מאַכט, שטרעבט זי צו פאַרווישן יעדן פערזענלעכן און נאַציאָנאַלן אינדיווידואַליזם.

בעת די עכטע יידישקייט, וואָס איז אַ שותפות פון נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן; פון אַ יידישער פאָרעם מיט אַ מענטשלעכן אינהאַלט, שטרעבט צו אַ פולווערטיקן פערזענלעכן און נאַציאָנאַלן אינדיווידואַליזם, כדי ווי אַזאַ „אחד", זיך פאַרברודערן מיט אַלע פעלקער. זיך אויפריכטיק פאַרברודערן, אָבער נישט צונויפשמעלצן.

אַזוי איז געווען די טענדענץ פון נביאשן מאָנאָטעיס־טישן אוניווערסאַליזם, וועמענס פאַנטאַסטישער ווונש איז דערגאַנגען צום אידעאַלסטן צושטאַנד פון דער מענטשהייט (באחרית הימים); צו דער גלוסטונג פון אַן אחדיקן צונויפ־שמעלץ פון גאָר דער מענטשהייט.

אַזוי איז געווען די טענדענץ פון רבי יוחנן בן זכאי מיט זיינע תלמידים, צו קאָנצענטרירן זיך און פאַרטיפן דעם נאַציאָנאַלן־גייסטיקן־„איך" פון דער אומה, אַריינ־נעמענדיק אַלע אוניווערסאַל־עטישע ווערטן אינעם אייגענעם אוצר, אָבער זיי איבערקאָכן אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער לאַבאָראַטאָריע.

און אַזוי אויך איז געווען די טענדענץ פון די שפּעטער־דיקע מסדרי התפילה וואָס האָבן האַנט ביי האַנט מיטן נאַציאָנאַלן, אויך אַוועקגעשטעלט דאָס אַלמענטשלעכע. דעם: „ויעשו כולם אגודה אחת", מיטן: „תן כבוד לעמך, שמחה לארצך וששון לעירך".

ווייל ס'איז נישטאָ און ס'טאָר אויך נישט זיין קיין באַזונדערע זיך אויסשליסענדיקע נאַציאָנאַלע און אוניווער־סאַלע טענדענצן. נאָר דאָס ווערטפולע עטיש־אוניווערסאַלע, ווי דאָס קיומדיקע נאַציאָנאַלע, דאַרפן צוזאַמענהויזן אין איין געדאַנקען־שלימות.

קולטור־היסטאָרישע טעותים

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אין וואָרט און אין שריפט, ווערן אַרויסגעזאָגט טעותדיקע געדאַנקען און אויספירן, וואָס זיינען עלול איינצובירגערן זיך ביים נישט־יודאיסטישן עולם, ווי אַ פעסטע אַקסיאָמע.

די דאָזיקע טעותים ווערן געמאַכט אַמאָל דירעקט און אָפטמאָל אויף אַן אומדירעקטן אופן. זיי ווערן באַנוצט די דאָזיקע טעותים, כדי אַרויסצופירן פון זיי שלוסן, אָדער ווי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע נויטיקע אויספירן.

*

אין דער דיסקוסיע וועגן יידיש אין ישראל (נישט אַריינגייענדיק אין דער עצם־פראַגע פון יידיש ווי אַ שפּראַך), — באַנוצט מען זיך אָפט, וועלענדיק באַווייזן די גלייכקייט פון העברעיש מיט אַנדערע שפּראַכן, מיטן פריען מיטל־אַלטער, כדי צו מאַכן דערפון פאַרשידענע פאַרגלייכן.

און מאַכענדיק אַ אַנאַלאָגיע מיט אַראַביש, וואָס איז פּונקט ווי יידיש באַנוצט געוואָרן פון די יידן אין די גליותן, גייט מען נאָך ווייטער און מען שטיצט זיך אויף אַזאַ ויכּוחיקן אַרגומענט, אַז אויך אַזאַ ווערק ווי דער תלמוד בבלי איז געשריבן געוואָרן נישט אויף העברעיש נאָר אויף אַראַמיש (אַראַמעיש), וואָס דאַרף דינען ווי אַ באַווייז קעגן העברעיש.

וואָרעם אויב אַזאַ נאַציאָנאַל ווערק האָט געקענט געשאַפן ווערן אין אַראַמיש און נישט אין העברעיש, טאָ מיט וואָס איז די נאַציאָנאַלע העכערקייט פון העברעיש־לשון קודש?

און דורך אגב שטעלט זיך שוין ארויס דער הויפּט־אויספיר ווי פון זיך אליין; אז מיט ארץ ישראל אלס געבוירן אָרט פונעם יידישן גייסט, איז בכלל נישט אזוי איי־איי, וואָרעם אַט טאַקע תלמוד בבלי יוכיח.

אַז אַזאַ „אָריגינעל" ווערק האָט געקענט אויפקומען דווקא אין גלות בבל און נישט אין יהודה, באַווייזט דאָך עס אַז אויך אין גלות קענען געשאַפן ווערן ווערק, וועלכע שטייגן נאָך איבער ארץ ישראל.

און נישט נאָר דאָס, נאָר ווען פון צייט צו צייט באַווייזן זיך ערנסטע אַרבעטן, וועלכע שטרעבן צו באַווייזן די נאַציאָנאַלע קולטור־חשיבות פון די תפוצות לגבי ישראל, באַנוצן זיי זיך אויך מיטן אויבנדערמאָנטן אַרגומענט אַלס שטיץ־פּונקט פאַר זייער געדאַנק, אַז אויך אין דער דיאַס־פּאָרא קענען געשאַפן ווערן וויכטיקע נאַציאָנאַלע ווערק וועלכע זאָלן אַפילו פאַרמירן דעם יידישן נאַציאָנאַלן גייסט.

און דער געדאַנקען־קאָנסעקווענץ דאַרף זיין: אַז אַזאַ קולטור ווי די תנ"ך־קולטור, וועלכע איז אַ העברעישע, אַט די נאַציאָנאַלע קולטור, וועלכע איז דער ריינסטער אויסדרוק פונעם יידישן נאַציאָנאַלן גייסט, פון זיין אייגנאַרטיקייט, אַז אַזאַ קולטור, וואָלט אויך געקענט אויפקומען אויסער ארץ ישראל.

דאַרף מען אַט די מענטשן, די שרייבער און אינטע־לעקטואַלן אַרויספירן פון אַט דעם קולטור־היסטאָרישן טעות. אַ טעות, וועלכער נעמט זיך דערפון, וואָס דעם פאַרמולירנ־דיקן, פאַרברייטערטן פירוש, נעמען זיי אָן נישט ווי אַ פירוש, נאָר ווי דעם עיקר אַליין.

די אינטערפּרעטאַציע פון דעם אַלדאָס אָנגעזאַמלטן פריערדיקן ווי דאָס פריערדיקע אַליין.

מ'מוז קודם כל פעסטשטעלן אַז אַלדאָס אָריגינעלע פונעם יידישן גייסט איז געשאַפן געוואָרן טאַקע אין ארץ ישראל און אין העברעיש.

אין בבל האָט דאָס אַלץ געקענט צונויפגענומען ווערן, אויסגעברייטערט, אָדער באַזונדער פאָרמולירט ווערן.

אָבער דאָס אַלץ אויף דער באַזע פונעם אָנגעזאַמלטן אַלטן. פון דער תורה שבכתב אָדער שבעל פה, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אויפגעשריבן אינגאַנצן, נאָר דערהאַלטן געוואָרן אין דער טראַדיציע און שטייגער, פון די עלטסטע צייטן אָן, איבערגעבנדיק עס פון מויל צו מויל.

דאָס זעלבע האָט אויך געקענט זיין אין אלכסנדריה של מצרים אָדער אין אַנדערע דאַן וויכטיקע יידישע צענטערן.

אויב מען רעדט פון תלמוד בבלי וועלכער איז באמת אַן ענציקלאָפּעדיש ווערק פון נאָכן ביבלישן יודאיזם, וואָס נעמט אַרום כמעט אַלע געביטן פון יידישן און מענטשלעכן לעבן ווי: רעכט (הלכה), מעשיות (אגדות), געשיכטע, מעדיצין, היגיענע (טהרות), אַגראָנאָמיע, עטיק און פאָלק־לאָר, דאַרף מען דאָך אָבער וויסן אַז דער גאַנצער תלמוד בבלי מיט זיין גרויסן פאַרנעם איז דאָך אַנטשטאַנען אויפן יסוד פון דער משנה, וועלכע רבי יהודה הנשיא האָט מסדר געווען און וואָס איז אַ פריערדיק ווערק.

די משנה ווידער פון איר זייט, איז אַ פאָרזעצונג פון תורת משה (חומש) און ביידע, די משנה מיטן חומש, זיינען טאַקע געשריבן געוואָרן אין העברעיש און זיינען ארץ ישראלדיקע שאַפונגען.

ובכן קומט אויס, אַז דער תלמוד בבלי וועלכן מען האָט געשריבן אין אַראַמיש, ווייל דאָס פאָלק אין בבל איז געווען אַסימילירט אין דער שפּראַך און מ׳האָט דאָך גע־וואָלט, אַז דאָס פאָלק זאָל אים לערנען, קענען די געזעצן און אין אים זיך אויסלעבן — איז פאַר זיך אַליין גאָרנישט קיין אָריגינעלע שאַפונג.

ער איז נישט אָריגינעל נישט אין דער שפּראַך און נישט אין אינהאַלט.

נישט נאָר האָט ער אויפגעזאַמלט אַלץ וואָס איז אויפ־געקומען אין די ערשטע פינף יאָרהונדערטער (נ.ק.ג.) נאָר ער איז פּשוט אַן אויסטייטשונג, אַן אינטערפּרעטאַציע, אַן אויסברייטערונג פון די געזעצן, מנהגים און שטייגער וואָס זיינען אויפגעקומען ביי יידן פון משהן אָן, דורך אַן אַרויס־לערנען פון די פריערדיקע טעקסטן אָדער מינדלעכע אומ־געגאַנגענע לערעס.

אַזוי אַרום איז ער געבויט אויף דער באַזע פון אָריגי־נעלן ביבלישן יודאיזם, וועלכער איז טאַקע אַנטשטאַנען אין יהודה.

אמת זיין באַזונדערקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער פאָרמולירט און גיט איבער נישט בלויז די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען ווי אַ קאָדעקס, נאָר דעם רעזולטאַט צוזאַמען מיטן אופן פון פאָרשן, ד״ה מיט די דיסקוסיעס.

און דאָס טאַקע — ווי אויך דאָס מישן צוזאַמען הלכה, אגדה, געשיכטע א.א.וו., איבערגעבנדיק עס אַן אַ געהערי־קער פונקטאַציע — איז זיין מעלה און חסרון, באַשווערנדיק אַזוי אַרום דאָס לערנען.

אָבער דער גאַנצער ביבלישער יודאיזם איז טאַקע געשריבן געוואָרן אין העברעיש. און אַז מען האָט אָנגערופן אונקלוס התרגום, אונקלוס הצדיק, צוליב זיין פאַרדינסט פון איבערזעצן די תורה אין תרגום אַראַמיש, האָט מען גלייך טאַקע צוגעגעבן: שנים מקרא ואחד תרגום.

מען זאָל ביים מעביר זיין די סדרה זאָגן צוויי מאָל דעם פּסוק און איין מאָל תרגום. אונטערשטרייכענדיק די עיקרדיקייט, הייליקייט פונעם אָריגינעלן חומש־טעקסט און פון דער העברעישער שפּראַך.

איז דערפון קלאָר צוויי זאַכן: די יידישע אָריגינעלע שאַפונגען זיינען טאַקע אויפגעקומען אין ישראל. אויסער ישראל איז נאָר צוגעגעבן און סיסטעמאַטיזירט געוואָרן.

אָבער אַלץ אויף דער באַזע פון אורשפּרינגלעכן אַלטן. און אַז די אַלע דערמאָנטע שאַפונגען וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַראַמיש, אָדער אַנדערע שפּראַכן, זיינען נישט מער ווי אַ פּירוש פון די אויבנדערמאָנטע.

(„ציוניסטישע שטימע", פּאַריז, 1949)

באַוווסטזיין און נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין

באַוווסטזיין, ווי מיר פאַרשטייען, איז אַ פונדאַמענטאַלע אָרגאַנישע פונקציע פונעם מענטש, אויפצונעמען און באַנעמען אַלע דערשיינונגען פונעם מענטשליכן „זעלבסט", פונעם אייגענעם „איך" און דער וועלט.

ער קומט דער דאָזיקער באַוווסטזיין פונעם לעבן אַליין, פונעם סאַמע לעבן. מחמת, לעבן אָן באַוווסטזיין, אָן זיך אַליין צו עמפינדן און דערקענען; ווי אָן דער פעיקייט פון פאַרשטעלן און טראַכטן, — איז נישט פאַראַן קיין לעבן, ווי ס'איז נישט פאַראַן קיין לעבן; אָן אַנדערע פונדאַמענטאַלע פונקציעס. און באַוווסטזיין איז אַ גרונט-פונקציע פונעם לעבן.

*

יעדער מענטש באַזיצט זיין זעלבסט-באַוווסטזיין, דורך וועלכן ער ווערט פאַר זיך אַליין באַוווסט און דערקענט.

ערשט נאָכן אַליין דערקענט און באַוווסט ווערן, נעמט ער אויך אויף די איבריקע דערשיינונגען פון זיין „איך", לויט דעם ווי זיי אַנטפּלעקן זיך און קומען ביי אים צום געהעריקן אויסדרוק.

מיטן זעלבן באַוווסטזיין נעמט ער אויך אויף אַלע איבריקע דערשיינונגען, וואָס זיינען מחוץ פון די גרענעצן פון זיין פערזענלעכן לעבן.

די דאָזיקע פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן פונעם מענטשלעכן באַוווסטזיין, זיינען איינע און די זעלבע ביי אַלע.

דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין

דאָס זעלבע קומט אויך פאַר מיטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. ווייל אויסער דעם באַוווסטזיין וואָס איז אין דער ספערע פונעם יחידס ענג-פּערזענלעכן לעבן, — באַזיצט אויך דער זעלבער יחיד אַ קאָלעקטיוון באַוווסטזיין.

אַ באַוווסטזיין, וואָס איז געמיינשאַפטלעך פאַר אַלע מענטשן פונעם זעלבן געפילס אָדער אינטערעסן-קרייז, אַרויסגערופן פון סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

ווייל די אינטערעסן און געפילן וואָס קומען פונעם יחיד ווילן זיך — און זיינען זיך מצרף מיט די זעלבע אינטערעסן און געפילן וואָס קומען פון אַנדערע יחידים, פאָרמירענדיק אַזוי אַרום דעם כאַראַקטער פון אַ געמיינזאַמען באַוווסטזיין.

דער דאָזיקער געמיינזאַמער באַוווסטזיין וואָס ווערט דיקטירט פונעם זעלבן גייסטיקן אָדער עמאָציאָנעלן אינטערעס, איז ביי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע שטאַרקער ווי ביי יעדע אַנדערע.

מחמת די מאָטיוון פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע ווערן גענערט נישט בלויז פון קעגנווערטיקע אָדער מאַטעריעל-איבערגייענדיקע אינטערעסן, — נאָר זיי ציען זייער כוח פון עמאָציעס וואָס וואָרצלען אין די טיפענישן פונעם עבר.

און ווערענדיק אויך אָפּטמאָל באַווירקט פון מיסטישע טונקלענישן, — רופן זיי זיך איבער און אַקטואַליזירן זיך אויפסניי פון דור צו דור.

און פונקט ווי ביים זעלבסט-באַוווסטזיין פונעם יחיד, אַזוי מוז אויך דער ייד דורך זיין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, קודם כל פאַר זיך אַליין אַלס ייד דערקענט און באַוווסט ווערן.

דאָס איז דער ערשטער תנאי פאַר זיין ייד-באַוווסטזיין. קודם כל זיך אַליין צו פילן און דערקענען ווי אַ ייד.

ערשט נאָך דעם זיך אַליין דערקענען און זיך פילן ווי אַ ייד, ווי אַ רינג אין דער קייט פון דורות; קען ער אויפנעמען די איבריקע דערשיינונגען פון זיין נאַציאָנאַלן „איך", ווי ער קען אויך אויפנעמען און באַטראַכטן אַלע איבריקע דערשיינונגען, וואָס געפינען זיך מחוץ פון דער ספערע פונעם נאַציאָנאַלן זיין.

און פונקט אַזוי ווי ס'איז נישט בנמצא קיין פערזענלעך לעבן אָן דעם באַוווסטזיין פונעם יחיד, אַזוי איז אויך נישט בנמצא קיין נאַציאָנאַל לעבן, אָן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

איז דעריבער דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין דער טרייבנדיקער כוח פון דער אומה, ווי דער לעבנס-אַנטרייב פונעם מענטש, איז דער טרייבנדיקער כוח פון יעדן יחיד.

מחמת דער דאָזיקער קאָלעקטיווער באַוווסטזיין, איז דער ווילנס-אויסדרוק פונעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, צו לעבן זיין אייגן אייגנאַרטיק לעבן.

און וואָס שטאַרקער עס טרעט אַרויס ביים יידישן יחיד דער דאָזיקער באַוווסטזיין און וואָס צעמענטירטער עס ווערט די גייסטיקע און עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט פון איינעם צום אַנדערן, אַלס זיכערער און דורהאפטיקער איז דער נאַציאָנאַלער זיין.

און קיין שום פשטלעך און דריידלעך וועלן דאָ נישט העלפן.

וויל מען דערהאַלטן דעם פאָלקס קיום, דאַן מוז מען שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פונעם פאָלק. און דאָס מיינט: הייבן דעם באַוווסטזיין פון יעדן יידישן יחיד, זיין ייד-באַוווסטזיין.

און דאָס קען אַנדערש נישט געמאַכט ווערן, ווי נאָר: דורכן רעאַליזירן דעם יידישקייט-באַנעם אין די טאָג-טעגלעכע פּראָצעסן פונעם אייגענעם לעבן.

וואָס איז און דאַרף זיין דער ציוניזם?

(1. דער טעאָרעטיש-אידעאָלאָגישער אַספּעקט)

נאָר די וואָס זיינען געוווינט אויפצונעמען גייסטיקע אָדער סאָציאַלע דערשיינונגען אויבערפלעכלעך, מעגן אָננעמען, אַז צו דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, איז גאָרנישט נויטיק קיין באַזונדערע טעאָרעטישע איינשטעלונג.

אין דער אמתן איז גאָרנישט בנמצא קיין שום נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע באַוועגונג, וואָס זאָל נישט האָבן איר לאָגיש-טעאָרעטישע באַגרינדונג, וואָס זאָל זיין פאַר איר ווי אַ וועג-ווייזער, ווי עס איז דער פּאָלאַר-שטערן פאַרן ים-רייזענדן.

די טעאָריע פון ציוניזם גיט דער באַוועגונג שוווּנג און ריכטונג. זי גרייט צו פאַר איר די געהעריקע אידעאָלאָגישע באַזע. זי דאַרף איר פאַרהיטן פון יעדע אויסקרימונג און זייטן-אָפּנייג.

זי קאָנטראָלירט און זעט אַלץ דורך דער פּריזמע פון דער נאַציאָנאַל-לאָגישער נויטווענדיקייט און באַדערפעניש. מחמת זי מעסט און וועגט אַלץ, נאָר מיט דער מאָס און וואָג פון נאַציאָנאַלער אייביקייט און נאַציאָנאַל-סאָציאַלער האַרמאָניע פונעם גאַנצן.

*

א

דאָס פאָלק

וואָס איז בכן דער הויפּט-יסוד פונעם ציוניזם, זיין טעאָרעטיש-אידעאָלאָגישער אַלף און תיו וואָס זאָל זיין ווי

אַ פירענדיקער ריכט־שנור פאַרן גאַנצן ציוניזם?

דאָס איז דאָס פאָלק. דאָס פאָלק, ווי אַ ציל אין זיך. — דאָס פאָלק, אין זיין פיזיש־ביאָלאָגישן און נאַציאָנאַל־גייסטיקן זין. און דאָס פאָלק איז מחייב צו קיום און המשך.

בכן דערמיט, מיט דעם דאָזיקן בראשית, הייבן מיר אָן אַלע אונדזערע באַטראַכטונגען. אַלע ציוניסטישע פּראָבלעמען מוזן דעם דאָזיקן גרונט־עיקר אונטערגעוואָרפן ווערן.

קיום און המשך פונעם יידישן פאָלק, איז די גאָלד־פּראָבע פאַר דער ריינקייט פון אונדזער באַנייטן ציוניסטישן אויפטו.

אַ ציוניסט, וואָס גלויבט נישט אינעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן אמת, איז נישט נאָר קיין ציוניסט, נאָר איז קיין ייד בכלל נישט. פאַרשטייט זיך, אַז פאָלק, מיינען מיר נישט עפּעס אַ צו גאָרנישט מחייבדיקן אַבסטראַקטן באַגריף, נאָר מיר מיינען דאָס פאָלק, ווי אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם, וואָס באַשטייט פון לעבעדיקע יחידים יידן, מיט אַלע זייערע אינטערעסן און באַדערפעניששן.

*

ב

יידישקייט

דער צווייטער אמת וואָס פליסט אַרויס פונעם ערשטן, וועמען דער ערשטער באַדינגט — און איז מחייב, איז דער נאַציאָנאַלער גייסט אָדער די יידישקייט.

מחמת, קיום און המשך, ווערט נישט גענערט און געפלעגט פון זיך אַליין. נאַציאָנאַלער אויפהאַלט און זיין פאַרזעצונג, מוז פונקט אַזוי געפלעגט און דערנערט ווערן, ווי די פלעגונג און דערנערונג פון יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם.

דאָס זיין פון אַ פאָלק און זיין המשך, מוז האָבן אַ נאַציאָנאַל־גייסטיקן אינהאַלט וואָס זאָל אים פאָרמען און קאָלירן, — ווי דער וויין פאָרעמט און קאָלירט דעם קריש־טאָלענעם באָקאָל.

דער דאָזיקער גייסט אָדער די יידישקייט, איז די שטאָלענע רייף וואָס האַלט איין די נאַציאָנאַלע פאַס פון צעפאַל און גיט קראַפט אויף צוזאַמענהאַלטן די באַזונדערע טיילן פון אינעווייניק.

און די יידישקייט מוז ציען איר יניקה פונעם עבר און עתיד פונעם פאָלק. ווייל די דערשיינונגען פונעם פאַר־גאַנגענעם יידישן לעבן, רופן זיך איבער מיט דער קעגנ־וואַרט און פלעכטן זיך צוזאַמען מיט זיין נאַציאָנאַלן עתיד.

דער הוה, דער נאַציאָנאַלער היינט פונעם פאָלק; זויגט פון די זאַפטן פון נעכטן און פאַרבינדט זיך מיט די האָפע־נונגען און דערוואַרטונגען פונעם מאָרגן.

פאַרשטייט זיך אַז נאָר די פאַראַרבעטע טראַדיציעס ווערן אנגענומען, וועלכע ווערן אונטערגעוואָרפן אונטער אַ נאַציאָנאַל־לאָגישן אַנאַליז, — אויף וויפל זיי נוצן פאַרן אויפלעבונג געדאַנק פונעם יידישן פאָלק.

די יידישקייט, און דווקא אַ קאָנקרעטע יידישקייט וואָס נעמט שוין אויך אַריין די אויפגעקומענע עלעמענטן און נאַציאָנאַלע פליכטן פון דער נייער צייט, איז דער צוויי־טער יסוד פונעם ציוניזם. זי איז דער ווינקל־שטיין פונעם נאַציאָנאַלן לעבן בכלל.

קורץ: אַ יידישקייט, וואָס איז די ערשטע פאָרעם און אופן פונעם זיין פון יידישן פאָלק. דעם פאָלקס כלי־ראשון, זיין ערשטער נאַציאָנאַלער אינסטרומענט.

אָבער אַזאַ אינסטרומענט, וואָס איז צום ענגסטן באַ־העפט מיטן פאָלק ווי די שיין מיטן ליכט. און לאָמיר זיין קלאָר: מיט דער דאָזיקער יידישקייט מיינען מיר נישט אַזאַ, וואָס איז בלויז רעליגיעז־פאָרמאַליסטיש, אַזוי ווי מיר

מיינען נישט ווידער גאָר אָרויסצוּרייסן די וואָרצלען פון אַלטן בוים, צעשטערן די יסודות פון זיין מקור.

נאָר מיר מיינען אַן אַלט־ניי־יידישקייט וואָס נעמט גאָר אַנדערש אויף אַ טייל גייסטיקע דערשיינונגען — לאָזט נישט פאַרמישן די גרענעצן — פון אַ נעבן־זאַך, אַ טפל אויף אַן עיקר.

די דאָזיקע ציוניסטישע יידישקייט האָט גאָר אַן אַנדער לאַגישן צוגאַנג צו אַלע נאַציאָנאַלע דערשיינונגען זיינע. זי פּאַסט אויף אַלע אַלטע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין לויף פון דורות און וואַרפט זיי אונטער אַ לאָגישן אַנאַליז, אויף וויפל זיי נוצן פאַרן אויפלעבונגס־געדאַנק און המשך פונעם יידישן פאָלק.

זי מעסט זיי מיט דער מאָס פון זייער נאַציאָנאַל־פאָלקישער נוצלעכקייט, אָדער עטישן, גייסטיק־עסטעטישן דערהויבענעם אָטעם, וואָס זיי אָטעמען אַריין אינעם לעבן פונעם פאָלק.

אַלץ וואָס מוטיקט צו אַ שלימותדיקן לעבן פונעם יידישן פאָלק, צו זיין דערהאַלטונג און פאַרזעצונג — איז הייליק. זי נעגירט נישט די גלויבונגען און מנהגים, וואָס שטערן נישט דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק און זיין מלוכהשער אויפלעבונג.

זי מישט זיך נאָר אַריין דאָרט, ווו עס ווערט געהעמט זיין נאַציאָנאַלע ענערגיע, דאָרט, ווו עס ווערט פאַרהאַלטן זיין קאָנסטרוקטיווע נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעט.

אָט די אַ יידישקייט שטעלט אין פאָדערגרונט דאָס לעבעדיקע יידישע פאָלק, זיינע אינטערעסן און באַדערפע־נישן. די איינהייט פון פאָלק איז הייליק און דער פרימאַט פון פאָלק איז איבער אַלץ, אויך איבערן לאַנד.

ג

דאָס לאַנד

דאָס לאַנד איז דער דריטער יסוד וואָס ווערט באַדינגט און פליסט אַרויס פון די ערשטע צוויי יסודות וואָס הייסן פאָלק און גייסט, אָדער יידישקייט.

דאָס איז דאָס לאַנד ישראל וואָס רופט אַרויס אונדזער אינטערעס און דער צוועק פון אונדזער באַטראַכטונג. דאָס לאַנד ווי אַ געאָגראַפישער באַגריף, ווו עס אַנטשטייט די מאַטעריעל-פּאָליטישע ראָם פונעם פאָלק, די מלוכה.

אין ישראל, ווו עס ווערט געשאַפן די מאַטעריעלע ראָם פאַר דער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אויפלעבונג און אויך די מאַטעריעלע באַזע פאַר זיין פיזישער עקזיסטענץ, ווערט אויך געשאַפן די נאַציאָנאַלע סביבה פאַר זיין גייסטיקן לעבן און די באַדינגונגען פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאַלן גייסט, ווי אַ פאַקטאָר פון קיום האומה.

אַזוי אַרום דינען בײדע יסודות, דער נאַציאָנאַלער גייסט און דאָס לאַנד, דעם אײנעם און דעם זעלבן צוועק: דעם פאָלק.

נאָר אויב אָבער דער נאַציאָנאַלער גייסט אָדער די יידישקייט קען אין אַ נויט פאַרבייטן דאָס לאַנד, ער קען דאָס „ירושלים של מעלה" מיטנעמען מיט זיך אין גלות אַריין, אַריינפירענדיק עס אינעם זכרון פונעם פאָלק ביז אַ „שעת הכושר", ווי עס איז געשען מיטן יידישן פאָלק, קען אָבער דאָס לאַנד קיינמאָל נישט פאַרבייטן דעם גייסט.

ביי דער בעסטער מלוכהשער פונאַנדערבליונג, אויב עס פאַרשווינדט דער נאַציאָנאַלער גייסט פונעם מלוכהשן פאָלק, גייט דאָס פאָלק אונטער אפילו אינעם אייגענעם לאַנד, דאָס פאָלק, ווי אַ באַזונדער נאַציאָנאַלער יש.

פונדעסטוועגן אויב דאָס לאַנד קען נישט אינגאַנצן

פאַרבייטן דעם גייסט, קען עס אָבער מיטהעלפן צו זיין דערהאַלטונג און קרעפטיקונג.

דאָס לאַנד קעןביישטייערן צו זיין שעפערישקייט און אַקטיוויזירונג, פּונקט ווי זי שטייערט ביי צו דער שעפערישקייט און נאָרמאַליזירונג פונעם גאַנצן פאָלק.

*

אַצינד אַז מיר האָבן שוין פעסטגעשטעלט די גרונט־יסודות פונעם יידישן זיין, וואָס איז גלייכצייטיק די באַזע פון ציוניזם און פון דער טעאָריע און אידעאָלאָגיע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, קענען מיר שוין איבערגיין צו דער פּראַקטישער זייט פון דעם טעאָרעטיש־אידעאָלאָגישן אַספּעקט, און באַהאַנדלען דעם קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג ווי אויך די מיטלען אויף צו ענדערן דעם דאָזיקן צושטאַנד.

ד

איז פאַראַן אַ קריזיס אין ציוניזם, האָט זיך מיט דער מדינה־אַנטשטייונג דער ציוניזם אויסגעשעפּט, פאָלשטענדיק רעאַליזירט ?

אויף דעם קענען מיר ענטפערן מיט אַ פעסטן ניין! ווייל נישט מיטן אויפקום פון דער מדינה האָט זיך דער פּראַקטישער ציוניזם אויסגעשעפּט און נישט די אידעאָלאָגיע פון ציוניזם קען זיך בכלל ווען עס איז אויסשעפּן, אויב מען באַטראַכט איר ווי אַ בינדנדיקע, נאַציאָנאַל־פירענדיקע אידעע איבערן גאַנצן שטח פונעם יידישן לעבן, ווי אַן אַל־אַרומנעמענדיקע רייף, וואָס איז יסודותדיק און כוללדיק — ווי די אַלטע פאַרגאַנצטע יידישקייט. אַ יידישקייט און ייד־זיין־אידעע, וואָס איז אויסער אונדזער צייט און אָרט.

וואָרעם ווער עס באַטראַכט דעם ציוניזם נאָר, ווי אַן הילפס־אינסטרומענט פאַר דער מדינה אַליין, דער דער־

גרונטעוועט זיך נישט צו דער נשמה פונעם ציוניזם און צום נאַציאָנאַלן שורש פון דער אומה.

ער באַנעמט אפילו נישט דעם אינטימסטן נאַציאָנאַלן ווילן און דעם לאַגישן רוף פון אונדזער צייט, שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס ער פאַרוואַנדלט דעם ציוניזם אין אַ בלויזע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט און זיך אַליין רעדו־צירט ער צו אַ בלויזן פריינט פון ישראל.

מחמת די מדינה אַליין ווי טייער זי זאָל אונדז נישט זיין, איז נאָך נישט דער גאַנצער ציוניזם. הגם פון דער צווייטער זייט איז אָן דער מדינה נישט דענקבאַר קיין ציוניזם, איז אָבער דער ציוניזם מער ווי די מדינה.

דער גוט־פאַרשטאַנענער ציוניזם, איז ווי דער גייסט פון פאָלק די יידישקייט אַליין, דעם פאָלקס כלי־ראשון; זיין ערשטער אינסטרומענט. און דאָס פאַרפלאַכן דעם ציוניזם און באַגרענעצן זיין געדאַנקען־היקף, איז אַ קללה סיי פאַרן פאָלק און סיי פאַר דער מדינה אַליין.

*

אָבער אויך דער פּראַקטישער ציוניזם האָט זיך נאָכ־נישט אויסגעשעפּט. ווייל דער באַזעלער פּראָגראַם אויף וועמען מ׳האָט זיך ליב צו פאַרופן, האָט זיך נאָך אויך נישט פאַרווירקלעכט אין זיין גאַנצן אומפאַנג.

די מדינה איז אמת אַנטשטאַנען, די גרעסטע צאָל פעלקער האָבן איר דורך אונ״א „עפענטלעך־רעכטלעך״ אַנערקענט, אָבער פאָרט נאָך נישט אַלע. און דאָס דאַרפן מיר גוט געדענקען.

מיר דאַרפן געדענקען, אַז די אַראַבישע פעלקער, די מערהייט פון אַזיאַטאַשן בלאָק, האָט נישט נאָר אונדז נאָך נישט אַנערקענט, נאָר די שפּיצן פון זייער געווער זיינען נאָך געווענדעט קעגן אונדז.

בכן איז דער פּונקט פון „עפּענטלעך רעכטלעך" אין דער באַזעלער פּראָמולירונג נאָך אויך נישט דערליידיקט. און ערשט ווען מען באַטראַכט דעם ווייטערדיקן טייל פון דער פּראָמולירונג, די „געזיכערטע היים", דאַן זעען מיר, אַז וואָס, נאָר מיט דעם דאָזיקן עיקרדיקן פּונקט זײַנען מיר נאָך ווייט נישט ביי זיך.

און בלויז כדי דעם דאָזיקן פּונקט פון באַזעלער פּראָג־ראַם צו רעאַליזירן, דאַרפן מיר זיך נאָך גענוג אָנשטרענגען. דורות גאַנצע וועלן פאַריבער ביז מיר וועלן קענען זאָגן: ישראל איז געזיכערט אויף אייביק!

און דאָס דאָזיקע איז דאָך נאָר אַ טייל פון אונדזער שטרעבונג. און ווו איז דער איבריקער טייל? האָבן מיר שוין דערגרייכט אַ היים פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, הגם איך וואָלט גאַרנישט וועלן דאָס גאַנצע פאָלק קאָנצענטרירן אויף איין אָרט (צוליב באַשטימטע טעמים), — איז זאָל זיין כאָטש פאַר אַ מערהייט פון פאָלק, ווען דער היסטאָריש־סטער טייל פון ירושלים איז אין קלעם ביי עבר־הירדן און די איבריקע אַראַבער שניידן זיך אַריין ווי אַ קלין אינעם סאַמע גוף און הארץ פון ישראל?

היינט ווען מען פאַרברייטערט דעם באַגריף פון גע־זיכערטע היים אויף אונדזער עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַל־אינערלעכער זיכערקייט אין ישראל, וואָס מיינט: האַרמאָ־נישער צונויפגוס פון אַלע זיינע טיילן, סיי ווי אַ גייסטיקער סיי ווי אַ סאָציאַלער אָרגאַניזם, — דאַן איז נאָך ווייט, ווייט, אַפילו צו דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג.

נאָר אויב מ'קען יאָ רעדן פון אַ געוויסן קריזיס, איז עס נישט קיין אָביעקטיוו אידעאָלאָגישער, נאָר אַ סוביעק־טיווער ציוניסטן־קריזיס.

מחמת ציוניסטן וואָס זיינען נישט געטריי די אייגענע נאַציאָנאַלע ווערטן און וואָס גיבן אויך נישט איבער די אייגענע ירושה — זייערע קינדער, אָדער וועמענס דיסטאַנץ

צווישן גערעדטן וואָרט און טאַט איז אַ געוואַלטיקער, פאַר־לירן דעם צוטרוי פון פאָלק.

אַ ציוניסט, וואָס טיילט אוים דעם ציוניזם ווי אַ באַ־זונדערן אַספּעקט — אָפּגעריסן פון פאָלק און זיין גייסט, אָדער וואָס רייסט אָפּ דעם גאָלדענעם מדינה־פאָדעם פון צוזאַמענגעבונדענעם „חוט המשולש", וואָס הייסט פאָלק, גייסט און לאַנד, שניידט אָליין אונטער דעם בוים אויף וועלכן ער זיצט און ליידיקט אוים די אייגענע נאַציאָנאַלע נשמה.

ליב האָבן די מדינה, נישט אין קיין ענגער באַהעפט־קייט מיטן גאַנצן פאָלק, אָדער אַ ציוניזם־יידישקייט געאָ־טעמט מיט פרעמדן קינסטלעכן זויער־שטאָף, האָט נישט קיין זכות הקיום.

ווייל עכטער ציוניזם, מוז ווי יידישקייט, קודם כל זיין גאַנצקייט. אַ גאַנצע יידישע פסיכיק. אַ פאַרגאַנצטע יידישע קולטור און שטייגער הגם אַ סטיליזירטע, אָבער אייגענע.

אַ ציוניזם, וואָס פאַריינהייטלעכט, וואַרעמט און מוטיקט צו אַ שלימותדיקן לעבן און אויסלעבן פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. וואָס קרעפטיקט די באַזע פאַר דער אידעאָלאָגיע פון זיין אייביקן קיום, און פירט צו אַ נאַציאָנאַלן קאָנס־טרוקטיוויזם אויף אַלע זיינע ערטער און איבער אַלע צייטן. נאָר אַזאַ ציוניזם קען דעם פאָלק אומקערן זיין נאַציאָנאַלע שכינה...

(„ציוניסטישע שטימע", פּאַריז, 9/9, 1953)

פון קאָנסטרוקטיוון ציוניזם צו נאַציאָנאַלן קאָנסטרוקטיוויזם

וואָס ס׳איז קאָנסטרוקטיווער ציוניזם איז קלאָר. קאָנ־סטרוקטיוו זיין מיינט: זיין שעפעריש־אויפבויעריש דורך און דורך.

אַ ציוניסט אינעם דאָזיקן זין מיינט: אַ ייד, וואָס דורך זיין אייגענער שעפערישקייט, דורכן שאַפן פון זיינע אייגענע ווערטן; שאַפט ער גלייצייטיק די מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערטן פון זיין פאָלק און מדינה.

צווישן זיינע יחידישע אינטערעסן און די באַדערפע־נישן פון דער מדינה, זיינען נישט פאַראַן קיין סתירות.

דער רב ישראל מיטן כלל ישראל ווערן איינס — זיינען אידענטיש. זיי ביידע דער יחיד מיטן רבים, גיסן זיך האַרמאָניש צונויף מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן פונעם פאָלק און דער מדינה.

אַזאַ קאָנסטרוקטיווער ציוניזם טאָר נישט זיין די פּריווילעגיע בלויז פון אַ טייל, נאָר מוז ווערן אַן עיקר און אייגענשאַפט פונעם גאַנצן ציוניזם, פון אַלע זיינע טיילן.

פאַרקערט גאָר, קיין שום ציוניסטישע טייל טאָר גאָרנישט דערלאָזן אַז דער דאָזיקער קאָנסטרוקטיוויזם זאָל ווערן אַ מאָנאָפּאָל פון בלויז איינציקע טיילן, צוליב איר אייגענער פּוילקייט אָדער ציוניסטישן גרינגן לעבן.

ווייל נישט נאָר זי פאַרלירט דורך איר אייגענער פּאַ־סיוויטעט, בפרט אין דער צייט פון אינטענסיוון אויפבוי־פּראָצעס די מאָראַלישע רעכט פון אַ ציוניסטישע גרופּע, נאָר זי העלפט נאָך דורך איר אייגענער גלייכגילטיקייט

מיט, צו דער פאַרשטאַרקונג פון אַנדערע איר אידעאָלאָגיש־פרעמדע גרופּן.

*

אַז דער אַלגעמיינער ציוניזם מוז זיין קאָנסטרוקטיוו דורך און דורך, אויף דעם לוינט גאָרנישט צו פאַרלירן קיין איבריקע רייד, ווייל אַנדערש פאַרלירט ער זיין אייגענטלעכן פּנים.

זיין כאַראַקטער און וועזן ווי אַ פאַרדינסטפולע באַוועגונג, וועלכע האָט געשאַפן דעם בראשית פונעם פּאָליטישן ציוניזם און דורכדעם אַליין געפּלאַסטערט די וועגן צו זיין מלוכהשער באַנייונג.

דער אַלגעמיינער ציוניזם מוז אָבער זיין מער ווי דאָס, ער מוז זיין קאָנסטרוקטיוו ווי אַן אַל־אַרומנעמענדיקער פאָלקס־ציוניזם.

און פאָלק מיינט: דורכן פאָלק פאַר זיינע ברייטסטע שיכטן. דאָס מיינט: די הילף און די זאָרג פאַר די דאָזיקע שיכטן מוז על כל פּנים נישט זיין קלענער ווי פאַר די מאַטעריעל שטאַרקערע שיכטן.

פאַרקערט זי דאַרף אין הסכּם מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק און מדינה, אָפּטמאָל נאָך זיין שטאַרקער, ווייל די נויטן פון די אָרעמערע שיכטן זיינען דירעקטערע. — זיי רירן אָן זייערע נאַקעטע עקזיסטענץ.

אָבער דער דאָזיקער איבערקלאַסישער ציוניזם דאַרף נישט נאָר זאָרגן פאַרן מאַטעריעלן אויפבוי פון דער מדינה און איר פאַרזיכערונג ד.ה. פאַרן מאַטעריעלן קאָנסטרוקטיוויזם, נאָר אויך פאַר אַן אַלגעמיין גייסטיקן קאָנסטרוקטיוויזם.

פאַר אַ שעפערישן נאַציאָנאַלן גייסט בכלל, וואָס זאָל זיך אויסווירקן ווי אַן אַל־אַרומנעמענדיקע אידעישע רייף נישט נאָר פאַר די יידן אין ישראל, נאָר אויך פאַר אַלע

יידן בכל תפוצות ישראל, ווי אַ רעזערוואַר — פאַרן קיום האומה און דער מדינה.

*

דער גרונט-אונטערשיד פון קאָנסטרוקטיוון ציוניזם און נאַציאָנאַלן קאָנסטרוקטיוויזם איז:

קאָנסטרוקטיווער ציוניזם קאָנצענטרירט זיך בלויז אויף ישראל ווי אויפן הויפט-צענטער פונעם יידישן פאָלק, דאַקעגן נאַציאָנאַלער קאָנסטרוקטיוויזם מיינט: ציוניזם ווי אַן אַל-פירנדיקע אידעע איבערן גאַנצן שטח פונעם יידישן לעבן.

ווי אַ האַרמאָנישע איינהייט-אידעע פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. די דאָזיקע אידעע נעמט אַרום, איז כולל אין זיך, אי דעם מאַטעריעלן און אי דעם גייסטיקן קאָנסטרוקטיוויזם, הן אין ישראל און הן אויף דער גאַנצער יידישער וועלט.

ציוניזם ווי אַ יידישקייט-אידעע, שפּרייט אויס זיינע פליגל אויף אַלע יידן. ער זאָרגט פאַר אַלע ביימער פונעם וואַלד.

און נישט נאָר דאָס. נאָר ער מאַכט קאָנסטרוקטיוו, שעפעריש; דעם יידישן גייסט אַליין. דעם נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס זאָל פאַרהיטן פון יעדן אָפּריים פונעם שטאָם, פון יעדער פאַרפרעמדונג פון ישראל „סבא".

דער שעפערישער גייסט פאַרהיט פון יעדע מינדסטע פאַרטריקענונג פון נאַציאָנאַלן וואָרצל וואָס איז דער אָנהייב פון אָפּדאַרן פון די צווייגן פונעם יידישן בוים.

וואָרעם אָן דעם, אָן דעם צופירן דאָס וואַסער וואָס ריזלט פון זיין נאַציאָנאַלן גייסטיקן אור-קוואַל צו זיינע וואָרצלען, וועט פאַרטריקנט ווערן דער גאַנצער וואַלד און דער ציוניזם אַליין וועט נישט האָבן פון וואַנעט צו שעפּן נישט נאָר מענטשן און מאַטעריעלע רעסורסן, נאָר ער וועט אַליין פאַרלירן זיין אייגנטלעכן יסוד און גייסטיקע יניקה.

און אויף דעם דאָזיקן מדבר־באָדן וועלן אויפשפּראָצן שטעכיקע געוויקסן, וואָס וועלן איבערייסן מיטן יידישן עבר און איבריקן יידישן פאָלק.

און אַזאַ אַ ציוניזם וועט אָנשטאָט אַ ברכה, ווערן חלילה אַ קללה פאַרן יידישן פאָלק און זיין קיום.

*

כדי דאָס אויסצומיידן און אום צו דערגרייכן צו אַן אַל־נאַציאָנאַלן קאָנסטרוקטיוויזם, פרוכטבאַר און שעפעריש צו זיין אויף אַלע געביטן און אין אַלע פאָרמען פונעם יידישן לעבן הן אין ישראל און הן אין חוץ לארץ, מוז דער יידישער נאַציאָנאַלער גייסט זיך אַנפּלעקן סיי דורך אַן אינטענסיווע דערציונג און קולטור אַרבעט אין ביידע שפּראַכן, סיי דורך פּראַקטישע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע געבאָטן. ער מוז דער נאַציאָנאַלער גייסט נתגלה ווערן, קומען קאָנקרעט צום אויסדרוק.

די מענטשלעכע פּסיכיק איז אַזוי געבויט אַז זי פאַרטראָגט נישט קיין ליידיקייט, קיין פּוסטקייט. זי מוז מיט עפּעס אַן אינהאַלט אויסגעפילט ווערן.

אויך די פאָלקס־נשמה, די נאַציאָנאַלע פּסיכיק; פאַרטראָגט נישט קיין ליידיקייט. זי מוז זיך אין מעשים אויסדריקן.

אַ נאַציאָנאַלער גייסט וואָס בלייבט אַן הוילע אַבסטראַקציע, וואָס קליידט זיך נישט אַן אין קיין לבוש; גייט נישט אַדורך דורכן חומר פון באַשטימטע פאָרמען און מעשים, דערפירט די נאַציע צו אַ נאַציאָנאַלן תוהו ובוהו, צו אַ פאַרשווינדונג.

דער סתם קאָנסטרוקטיווער ציוניזם מוז בכן איבערגיין צו אַן אַל־נאַציאָנאַלן קאָנסטרוקטיוויזם.

ער מוז פירן אַ שעפערישע חלוצישע אַרבעט הן אַ

מאַטעריעלע און הן אַ גייסטיקע, סיי אין ישראל סיי אין די תפוצות.

און דאָס דווקא לטובת דעם פאָלק און מדינה. ער מוז זיין שלימותדיק, ווייל ציוניזם ווי אַ נאַציאָנאַלע יידיש־קייט־אידעע, איז משמע שלימות. שלימות פון געדאַנק און טאַט.

און אויך דער אויסווירקנדיקער נאַציאָנאַלער געדאַנק אַליין, מוז ווערן שלימותדיק.

האַרמאָניש במחשבה ובמעשה אין הסכם מיט די אייביקע גרונט־פּרינציפּן פונעם יידישן פאָלק און זיין גייסט, כדי צו פאַראַנקערן די יידישע שיף ביים פעלזן־פעסטן ברעג פון קיום האומה.

(„אונדזער וואָרט", פּאַריז, 14/8, 1951)

איבערטריבענער קאָנסערוואַטיזם

קאָנסערוואַטיזם, מיינט: דאָס אומבאַדינגטע איינהאַל־טן (קאָנסערווירן) דאָס אַלטע, דאָס קאָנאָניזירן דאָס פאַר־גאַנגענע, אומאָפּהענגיק דערפון, צי דאָס איז נוצלעך פאַר דער געגעבענער צייט צי נישט.

דער קאָנסערוואַטיזם זוכט נישט דעם לאָגישן מאָטיוו פון דער דערשיינונג. אים אינטערעסירט בכלל נישט דער ווי אַזוי, פונוואַנעט און פאַרוואָס.

ער נעמט אָן אַלץ וואָס איז געווען, וואָס איז אין פאַרלויף פון דער געשיכטע שוין געוואָרן געוווינהייט, טראַדיציע. אין דעם דאַזיקן זין קען מען זאָגן: אַז כמעט יעדעס פאָלק איז אויף אַ געווויסן אופן קאָנסערוואַטיוו.

עס ליגט שוין אין דער נאַטור פונעם מענטש, אין זיין אומבאַהאָלפנקייט, צו וועלן אַנטלויפן פונעם קלאָגעדיקן אַצינד, און זיך ווענדן צום אַמאָל, צום דעם נישט געזעענעם פאַרגאַנגענעם.

אַזוי אַרום ווערט דאָס געוועזענע פאַרשענערט, דער־הויבן און פאַרהייליקט ביז צום איבערטרייבן.

אויב ביי אַנדערע פעלקער איז נאָך געבליבן אַ געוויי־סער מאָס קאָנסערוואַטיזם, האָבן זיי זיך דערפאַר פון דער צווייטער זייט, אין אַ גרעסערער מאָס געענדערט, מאָדער־ניזירט. זיי האָבן אין לויף פון דער צייט געביטן זייער פאָרעם און זיך צוגעפּאַסט.

אין אַ גרעסערער מאָס קאָנסערוואַטיוו איז אמת נאָך דאָס ענגלישע פאָלק, דאָס אינדזועל־פאָלק, וואָס האַלט זיך ביי אַ סך פאַרעלטערטע פאָרמען און שטייגער.

זי האָט זיך אָבער פונדעסטוועגן דאָך געביטן ווי אַלע

אַנדערע און איז געוואָרן עלאַסטישער. און זי בייט זיך יעדעס מאָל, ווען עס האַנדלט זיך אין איר אייגענער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער עקזיסטענץ.

נאָר דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וועמענס טיילן זיינען נאָך געבליבן איבערטריבן קאָנסערוואַטיוו אין פאַרלויף פון זיין גאַנצער געשיכטע, נישט וועלענדיק זיך צוהערן צום ריטם פון אייגענעם לעבן און זיך צופּאַסן צו דער אייגענער נאַציאָנאַלער לאָגיק, איז דאָס יידישע פאָלק.

דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אין זיין געשיכטלעכן פּראָצעס אַזוי פיל קאַטאַקליזמען, וואָס האָט מקריב געווען אויף אַלע מזבחות פון דער צייט, — זיינע בעסטע טיילן, האָט ביז היינט נישט געפּרוווט אָפּשטעלן זיך אין פאַרלויף פון זיין נאַציאָנאַלן גאַנג, צו מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש.

מאַכן אַ געהעריקן אַריינבליק אין זיין אַלטער געשיכטע און ציען די געהעריקע אויספירן, כדי צו פאַרבעסערן זיין לאַגע.

*

די יידישע רעליגיע, וועלכע איז אין איר תוך אַ נאַציאָנאַל-פּאָליטישע-סכעמע, האָט געפאָרעמט זיין גייסט און שטייגער. זי האָט אויף יאָר-טויזנטער געלייגט איר חותם אויף זיין גאַנצן לעבן און זיין.

זי וואָס איז געווען אַ סאָציאַל-עטישע נויטווענדיקייט און איז געבוירן געוואָרן אין שוים פון נאַציאָנאַל-פּאָליטישער לאָגיק, וואָס האָט אין איר ערשטער אַנטשטייונגס-פאַזע דווקא זיך פאַרוועבט מיטן גייסט פון דער צייט, איז אָבער געבליבן אין איר שפּעטערדיקן פאָרמאַליסטישן לבוש, פאַרשטיינערט.

די אינווייניקסטע יאָנדרע איז געוואָרן אַרומגעוואַקסן מיט אַזאַ גראָבן שאָלעכץ-פּאַנצער, אַז ס׳איז אוממעגלעך געוואָרן אין פאַרלויף פון דער צייט צו צוקומען צום קערן.

דער צוים מיט וועלכן עס האָבן אַרומגענומען די מחמירים דאָס יידישע הויז און צו וועלכן עס האָבן כסדר צוגעגעבן די שפּעטערדיקע, האָט נישט נאָר פאַרהיט (און מיט רעכט) פון יעדער פרעמדער אַריינדרינגונג, נאָר האָט אויך פאַרשטעלט דעם אייגענעם פענצטער פון יעדן ליכטיקן שיין. דער זינלאָזער אויפגעבלאָזענער פאָרמאַליזם האָט דערשטיקט יעדן שעפערישן און נאַציאָנאַל-נויטיקן געדאַנק.

און דאָס דאָזיקע פאָרמאַליסטישע שפּינוועבס האָט געשפּינט זיין נעץ פאַר אַלע דורות. זי האָט זיי געפאַנגען אין איר נעץ, אויסזויגענדיק פון זיי יעדן נאַציאָנאַלן לאָגישן טראָפּן פון זייער מאַרך. פאַרשטייפנדיק אַזוי אַרום און פאַרשטיינערנדיק דאָס יידישע לעבן ביז צו אַן אַבסורד.

*

די יידישע רעליגיע האָט אמת אירע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן פאָלק. זי איז געווען די גאָלדענע רייף, וואָס האָט איינגעהאַלטן די יידישע פאַס פון צעפאַלן זיך, אין לויף פון דער גאַנצער גלות-געשיכטע.

ווייל זי איז טיילווייז געווען די פאַרטרעטערין פונעם יידישן שטאַט, פון דער אונטערגעגאַנגענער מלוכה; האָט זי אויסגעפילט פאַרן פאָלק זיינע פונקציעס, זיינע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע פונקציעס.

און אָט די פונקציעס, זיינען אירע שטאַרקסטע ווערטן. בפרט, ווען זי האָט זיי באַקרעפטיקט מיט די סאַנקציעס פון געטלעכקייט, באַפּוצט מיט אַ אָרנאַמענטיק פון פאַנטאַזיע און גאָלדענעם טרוים.

אָבער דאָרט וווּ זי האָט נישט אויסגעפילט די דאָזיקע פונקציעס, האָט זי זיך געשטעלט קעגן פאָלק, קעגן זיינע אינטערעסן און באַדערפענישן.

דער איבערטריבענער קאָנסערוואַטיזם האָט נישט צו-

געלאָזט דאָס נאַציאָנאַלע דענקען. אים, איז בכלל געווען פרעמד דער נאַציאָנאַלער לאָגישער אַנאַליז — „לא תהרהר" איז געוואָרן ביי אונדזערע עלטערן אויך אַ נאַציאָנאַלע אַקסיאָמע.

אַ לעבנס-שטייגער, וואָס איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אין זיינע דינסטע פּרטים געוואָרן פעסטגעשטעלט אויף אייביק, קען נישט אַרויספירן דאָס פאָלק פון זיין אַפּאַטישן רו-צושטאַנד.

און די זעלבע עלעמענטן, וועלכע גיבן אים אַ גייסטיקן חיזוק, נאָך מער, וואָס באַפליגלען און דערהייבן, זיינען פון דער צווייטער זייט, אַ טאַמע, וואָס פאַרהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן שטראָם, זייענדיק אַ שטערונג אין זיין אַנט-וויקלונג, אין זיין פאָרויסמאַרש.

און אויב די יידישע רעליגיע האָט געקענט אין דער פאַרגאַנגענהייט אויספילן איר ראָל בשלימות, דאָס הייסט: זי האָט מיטן כוח פון רעליגיע-אויטאָריטעט ווי מיט אומ-געזעענע פעדעם אַרומגענומען דאָס פאָלק ווי איין נאַציאָ-נאַלע גאַנצקייט, האַלטענדיק עס אין אַ כסדרדיקער שפּאַנונג פון גלויבן און האָפן אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין נאַציאָנאַלן קיום, איז עס געווען צוליב דעם רעליגיעזן צייט-אַלטער, אין וועלכן די דעמלטיקע וועלט איז געווען איינגעוויקלט ווי אַ קינד אין וויקעלעך.

ס'איז אָבער מיטן לויז ווערן פון די רעליגיעזע באַנדן, מיטן אָנקום פון דער אויפקלערונגס-צייט, דער כוח פון דער רעליגיע בכלל, ווי אויך פון דער יידישער רעליגיע (ווי אַ גלויבנס-געפיל), געוואָרן פאַרקלענערט במילא איר וויר-קונג אַ מינימאַלע.

דאַרף דעריבער דער יידישער פאַרשטייפטער קאָנסער-וואַטיזם, דאָס סתם איינהאַלטן דאָס אַלטע אָן שום נאַציאָ-נאַלן נוצן פאַרן ייד און פאָלק, געמילדערט ווערן.

דאָס קריטעריום דאַרף זיין: אַלץ פאַרן יידישן יחיד

און פאָלק. פאַר פאַרבעסערן זיינע לעבנס-אינטערעסן און באַדערפעניש.

נייע נוצלעכע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע עלעמענטן דאַרפן אַריינגעפירט ווערן אין די לייִדיק געוואָרענע קאַנאַלן פון דער יידישער רעליגיע.

זיי דאַרפן פאַרבייטן די לויז געוואָרענע רעליגיעזע באַנדן — צום נוצן פונעם יידישן פאָלק, כדי צו דינען אים.

ימים טובים

דער מענטש, אַט דאָס קלײנע שטויבעלע שבשטויבע־לע, איז אַן „עולם קטן", אַ קלײן װעלטל.

און אָננעמענדיק די מילי־מילאָסן פּלאַנעטן און שטע־רנס פאַר באַזונדערע װעלטן, איז אויך דאָס מענטש־שטוי־בעלע, אַ װעלט פאַר זיך.

נאָך מער, אַט דאָס לגבי דעם גאַנצן קאָסמאָס גאָרנישט שבגאָרנישט שטויבעלע, איז אין אַ געװיסן זין, נאָך מער װערט װי די אַלע װעלטן װאָס זײַנען צעשפּרײט איבערן אָן־סופיקן װעלט־שטח, װעמען מיר רופן רוים.

מחמת אַט דאָס קלײנע מענטשעלע פאַרמאָגט נישט נאָר אַ רוח החיים, אַ לעבן, נאָר עפּעס אַזױנס װאָס אַפילו די ריזן־װעלטן, די פּלאַנעטן האָבן נישט (דערװײל װײסן מיר נישט דערפון).

ער האָט אין זיך עפּעס, װאָס נאָר צוליב דעם װערט אויף אים געזאָגט: „אדם כתר היצירה" (דער מענטש איז די קרוין פון באַשאַף).

ער האָט אַט דאָס קלײנע מענטשעלע אַ רוח, אַ גײסט, מיט װעמען ער װיל באַהערשן די װעלט, און גאָר אַלע װעלטן.

און כאָטש דאָס פאַריסענע װערמל װאָס רײסט זיך צו די אָן־סופיקע הייכן, װאָס װיל אַרױפשיסן לבנות, קען זיך נאָך אַלײן נישט, ער װײסט נאָך כמעט גאָרנישט פון זיך װײל ער קען אין זיך אַלײן נישט אַרײנקוקן, זײענדיק אַ געפאַנגענער בײַ זיך און בײַם אַרום, — װײסן מיר פונדעסטװעגן פונעם מענטשנס העכערקײט, פון זײַן מער־

ווערט לגבי די אַנדערע ברואים און נאַטור, צוליב אַט דעם גייסט זיינעם.

אָבער דער דאָזיקער גייסט זיינער, איז איינצייטיק זיין ברכה און קללה. ס'איז אַזאַ לעבנס־ליכט וואָס שיינט און טונקלט צוגלייך.

ער באַלייכט, ער גיט דעם מענטשן פרייד, לעבנס־פרייד. ער גיט אים אָבער אויך שווער־מוט און טרויער, לעבנס־טרויער.

און די דאָזיקע געמישטע אייגנשאַפטן פון זיין גייסט, איז דעם מענטשנס לעבנס־דעפיציט. און דער מענטשלעכער לעבנס־באַלאַנס, מוז נאָך אין דער קורצער צייט פון זיין לעבן אויסגעגליכן ווערן.

דעם מענטשנס טרויער מוז פאַריאָגט און פאַרטריבן ווערן, אָדער כאָטש אויף וואָס פאַר ס'איז אופן געמילדערט ווערן, נישט צו זיין צו אינטענסיוו...

און כדי צו פאַרטרייבן זיין טרויער, האָט זיך דער מענטש געשאַפן באַזונדערע צייטן פאַר פרייד, „זמנים לשמחה".

באַשטימטע טעג אָדער שעהן אין זיין לעבן, אין וועלכע ער זאָל פאַרגעסן זיינע דריקונגען און לעבנס־שווערקייטן. זיך אָפּטאָן און אויסטאָן פון זיי, און דאַקעגן זיך אָננעמען מיט פשוטער לעבנס־פרייד.

און ער האָט אויך אויסער דעם דער מענטש, אַ באַדערפעניש גייסטיק זיך צו דערהייבן און באַפליגלען.

אָנבינדן זיך פליגלען און מיט זיי אַ פלי טאָן אין יענע גייסטיקע מרחקים, אין יענע ספערן; ווו עס הערשט לויטער שמחה, שמחה שבשמחה.

אַזוי אַרום האָט זיך דער מענטש, געשאַפן זיינע גוטע שעהן און טעג, זיינע ימים טובים און צייטן פאַר פרייד.

זיינען די דאָזיקע גוטע טעג אַלט ווי די וועלט, ווי די מענטשלעכע וועלט. נאָך אין יענעם בראשיתדיקן מאָ־

מענטש ווען דער מענטש, דער פּרימיטיווער אור־מענטש, האָט מיט אויגן פול פּחד געגלאָצט איבער די אַרומיקע דערשיינונגען און זיינע אייגענע לעבנס־זאָרגן, איז געלעגט געוואָרן דער יסוד פאַרן קינסטלעכן פרייד־באַשאַף, ווי ווילדפּרימיטיוו ער זאָל דאָן נישט האָבן געווען.

דער ווילדער טאַנץ און אויך אַזוי ווילדער פרייד־אויסגעשריי אָדער געזאַנג, איז אַזוי בראשיתדיק ווי דער מענטש.

און ס׳איז גאָרנישט, וואָס אין לויף פון דער צייט האָט זיך די פאָרעם פון יענעם פּרימיטיוון טאַנץ אָדער פרייד־אויסגוס, געענדערט.

אויך נאָך היינט טרעפט מען אין די נייע טענץ און מאָדערנע פרייד־אויסגוסן, אַקאָרדן פון יענער פּרימיטיוו־קייט.

נאָר איינס איז זיכער. דער מאָטיוו פון יענער אור־מענטשלעכער פרייד־זוכעניש, איז אייביק, ווי אייביק ס׳איז דאָס מענטשלעכע לעבן. און ער איז אויך פאַראַן בימינו.

*

נאָר אויב דער מענטש האָט זיך זיין טרויער, האָט דער ייד־מענטש, זיין טאָפּלטן צער און טרויער.

ער האָט אין זיך דאָס אַלגעמיינע דריקנדיקע, — און ער האָט אין זיך דאָס באַזונדערע יידישע. דעם באַזונדערן חלק, וואָס די וועלט, די נישט־יידישע וועלט, טיילט אים צו מיט אַזאַ פרייגיביקער האַנט.

האָט זיך דער ייד פאַר דעם דאָזיקן צוועק באַשאַפן זיינע אייגענע ימים טובים. און קיין בעסערן כוללדיקן נאָמען פאַר זיי ווי גוטע טעג, וואָלט מען נישט געקענט צוטראַכטן.

ווייל קודם כל זיינען זיי גוטע טעג, פריידיקע טעג, זמנים לשמחה. און ערשט דערנאָך, באַצייכענען זיי און

דריקן אויס די נאַציאָנאַלע מאָטיוון און היסטאָרישע פאַר־לויפעניש פונעם יידישן פאָלק.

און אַוודאי וואָלטן מען זיי געמעגט נאָך מער באַפּוצן און באַשיינען, זיי צוגעבן סטיל און חן, נישט אָנרירנדיק זייער אור־שיינקייט, דעם מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן גרונט־מאָטיוו זייערן.

לאָמיר דעריבער מוסיף זיין „מחול אל הקודש". לאָמיר פון דערוואַכן פון אונדזער לעבן, נאָך צוגעבן צום יום טוב, צום קודש.

און פון אונדזערע אייגענע טיפענישן אַרויסשלאָגן די „נצוצות של קדושה", די הייליקייט־און שיינקייט־פונקן וואָס נורטעווען באַהאַלטן אין אונדז, און זיי מצרף זיין צו דער קדושה פונעם יום טוב.

גייסט און מאַטעריע

זייט דאָס דענקען איז אויפגעקומען, ווי נאָר דער מענטש האָט באַקומען זיין זעלבסט-באַוווּסטזיין און האָט זיך אַליין דערפילט און דערקענט, האָט ער גענומען זוכן זיין אייגענעם תוך און דעם תוך פון דער וועלט.

ער האָט געוואָלט — ווי עס וויל אויך דער היינטיקער מענטש וויסן, וואָס ס'איז דער פונדאַמענטאַלער כוח פון דער עקזיסטענץ, — פון וועמען אויך ער איז אַ טייל.

איז די דאָזיקע עקזיסטענץ גייסט, איז דער טרייבנדיקער כוח פון וועלט און לעבן, אַ גייסטיקער דינאַמיזם אין וועמענס עצם עס ליגט דאָס ווערן און זיין — דער אויפקום און פאַרגיין?

אָדער איז גאָר דער דאָזיקער כוח בלויז מאַטעריע, פון וועמען אויך דאָס גייסטיקע איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקלט?

און אפשר גאָר זיינען גייסט און מאַטעריע (צי ענערגיע), צוויי באַזונדערע כוחות, הגם זיי הערשן צוזאַמען אויף אַ האַרמאָניש בשותפותדיקן אופן?

אָדער ווידער זיינען זיי ביידע, גייסט און מאַטעריע, נישט מער ווי צוויי אַספּעקטן פון איין און דער זעלבער דערשיינונג, ווי צוויי זייטן פון איין מטבע; וואָס זיינען אָבער אין דער אמתן איין פונדאַמענטאַלער כוח, איין אחד?

דאָס קענען מיר נישט וויסן. מיר קענען דאָס נישט וויסן, ווייל איבער די דאָזיקע גרונט-פראַגן קען מען נישט אַדורכפירן קיין לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן, וועלכע זאָלן אונדז דערפירן צום אמת.

זיי געהערן בלויז די דאָזיקע פראַגן צום שטח פון

ריינער שפּעקולאַציע, צום געביט פון שפּעקולאַטיוון געדאַנק.

*

נאָר אויב מיר ווייסן נישט וואָס ס'איז דער דאָזיקער באַהערשענדיקער כוח פונעם לעבן, ווייסן מיר אָבער יאָ, דאָס וואָס מיר וואָלטן וועלן און זיך ווונשן ער זאָל זיין.

און מיר וואָלטן לויט אונדזער גאַנצער פּסיכישער און אינערלעכער קאָנסטרוקציע, גיכער וועלן אַז דאָס גייסטיקע זאָל אונדז באַהערשן ווי דאָס ריינע מאַטעריעלע. ווייל „לא על הלחם לבדו יחיה האדם" (נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש).

דער מענטש קען נישט לעבן, ער קען נישט אָטעמען מיט דער בלויזער מאַטעריעלער אַטמאָספערע. און הגם — אויך דאָס מאַטעריעלע אינעם מענטשלעכן לעבן קען מען נישט אינגאַנצן איגנאָרירן, ווילן מיר פונדעסטוועגן פאָרט אַז דער דאָזיקער הויפּט-כוח זאָל זיין דער גייסט.

דער גייסט מיט זיין גאַנצער גאַמע פון קאָלירקן אידעאַלן שטרעבן און גלוסטן, — און נישט דאָס מאַטעריע-לע וואָס רייסט זיך מיט אַזאַ צערשטערערישן אימפּעט אונדז צו באַהערשן און באַוועלטיקן.

און מיר ווילן אויך נישט זיין פאַרשקלאַפט צו עפּעס אַ טויטער מאַטעריע, ווי מיר ווילן נישט אַוועקגעבן אונד-זער פרייהייט צו עפּעס אַ כימערע פון אַ סאָציאַלן מעכאַ-ניזם . . .

*

מיר יידן זיינען אין אונדזער סאַמע תוך אַ פאָלק פון גייסט. אונדזער נאַציאָנאַלער וואָרצל איז גייסט און נישט מאַטעריע.

דאָס נויטיקע מאַטעריעלע, קען אונדז נאָר העלפן פאַר אונדזער ביאָלאָגישן דערהאַלטן, — אָבער אויפהאַלטן — קען אונדז נאָר דער נאַציאָנאַלער גייסט.

אונדזער פאָלקס קיום, ליגט אינעם גייסטיקן עצם און נישט אינעם מאַטעריעלן. מיט דעם דאָזיקן פונדאַמענטאַלן כוח זיינען מיר אויפגעקומען, און מיט אים ראַנגלען מיר זיך אַדורך דורך אַלע פייער־בראַנדן פון דורות.

און ווילן מיר נישט אונטערגיין, ווילן מיר ווייטער ציען אונדזער המשך, קענען מיר דאָס נאָר באַווייזן מיט אונדזער אור־אַלטן גייסטיקן כוח.

ווייל נאָר דאָס דאָזיקע, דער כוח פון אונדזער נאַציאָנאַלן גייסט, קען זיין דער סנה (דאָרן) אין אונדז וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט.

און נישט פאַרזעענדיק די נויטיקע מאַטעריעלע כוחות וואָס קענען שטייען צו אונדזער דינסט, לאָמיר זיך בכן ווייטער אַנטפּלעקן און מאַניפעסטירן ווי אַ גייסטיקע נאַציע.

דאָס עדות זאָגן פון די סאָוויעטישע ווייסנשאַפטלער

דאַרפן מיר האָבן די באַשטעטיקונג פון דער וויסנ־שאַפט, אויף צו באַגרינדן אונדזער נאַציאָנאַלן זיין, אונדזער זיין ווי אַ פאָלק? באַשטימט ניין!

ווי אַ מענטש דאַרף נישט אָנקומען צו קיינעם, כדי צו באַשטעטיקן זיין פּערזענלעכע עקזיסטענץ, אַזוי דאַרף אַ פאָלק נישט אָנקומען צו וועמען עס איז, כדי צו באַגרינדן און באַרעכטיקן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

דער בלויזער ווילן פון אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו צו לעבן זיין אייגן לעבן, איז אַ גענוגענדיקער גרונט און באַ־רעכטיקונג אויף אויסצופירן דעם דאָזיקן ווילן.

און ווער עס פאַרגוואַלטיקט דעם דאָזיקן נאַטירלעכן דראַנג, איז פונקט אַזאַ פאַרברעכער, ווי דער וואָס פאַר־גוואַלטיקט דעם ווילן פון אַ יחיד צו זיין אייגן לעבן.

*

די וויסנשאַפט פאָרשט און דערקלערט די געזעצן פון דער נאַטור. מיט דער הילף פון דער דערפאַרונג און עקספּערימענטן, זאַמלט זי די פאַקטן פונעם לעבן, כדי עס צו באַרייכערן מיט נייע דערפאַרונגען.

די פילאָזאָפיע פּרוּווט דערקלערן די גרונט־דערשיי־נונגען פון דער וועלט, אויף דער באַזע פון געדאַנקלעכער שפּעקולאַציע וואָס איז געבויט אויף דער לאָגיק פונעם דענקען.

די מענטשלעכע לאָגיק אַליין אָבער, איז נישט קיין

פעסטער יסוד, נאָר אַ באַגרענעצטער סוביעקטיווער עלע־מענט.

אָבער סיי די פילאָזאָפיע און אַפילו די עקזאַקטע וויסנשאַפט, קענען נישט אָפּפרעגן דאָס לעבן אַליין. זיי קענען נישט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון די פאַקטן אין זייער עצם.

זיי קענען זיי נאָר פאַרשידן אויסטייטשן און באַגרינדן. דערקלערן דאָס פאַראַנענע, דעם ווי אַזוי און וואָס פונעם ווערן און זיין — אָבער נישט עס אָפּווענדן.

דאָס זעלבע קען אויך נישט קיין שום וויסנשאַפט, אַפילו אַן עכטע, אָביעקטיווע, אָפּווענדן דאָס שוין פאַראַנען זיין פון אַ פאָלק.

און פונקט אַזוי ווי פאַר יעדער עקזיסטענץ איז נישט נויטיק קיין באַזונדערע סימנים, נאָר די עצם־עקזיסטענץ אַליין, איז שוין די באַרעכטיקונג פאַר איר זיין, אַזוי איז פאַר אַ פאָלק, נישט נויטיק צו באַגרינדן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

דער נאַציאָנאַלער זכות הקיום פון אַ פאָלק וואָס ציט זיך אין דער אומענדלעכקייט, ווערט באַגרינדעט נאָך פון בראשית פון זיין ווערן.

וואָס שטאַרקער אַ פאָלק ציט די יניקה פון דער ירושה פון זיינע אבות, אַלץ קרעפטיקער איז זיין דויער. און אַזוי לאַנג ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו, פאַרמאָגט דעם גלוסט צו זיין המשך, טאָר עס פון קיינעם נישט געשטערט ווערן.

און פונקט ווי אַ יחיד האָט אַ רעכט אויף זיין פריי־הייט, ווי לאַנג זי באַדראָט נישט די פרייהייט פון אַ צווייטן, אַזוי האָט אויך אַ נאַציע אָדער אַ פאָלק וואָס איז אין תוך אַ נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, רעכט אויף איר פרייהייט, ווי לאַנג זי באַדראָט נישט די פרייהייט פון אַ צווייטער נאַציע אָדער פאָלק.

די באַגרינדער פונעם לאַנד פון סאָציאַלער און נאַציאָ־נאַלער „גערעכטיקייט", וואָס ווילן אויסגלייכן דעם ייד מיטן נישט־ייד, זיינען גרייט צו געבן פאַרן יידישן ביאָלאָ־גישן עצם זיינע רעכט, נאָר פאַר זיין גייסטיקן עצם, קיין רעכט.

און געבנדיק דעם יידישן יחיד רעכט, ווילן זיי דערפאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, אָפּנעמען אַלע זיינע רעכט. זיי זיינען גרייט דאָס יידנטום צו דערשטיקן אין סאַמע וואָרצל.

פאַרן יידישן יחיד אַלע רעכט, פאַר דער יידישקייט; פאַרן יידס גייסטיקן עצם, קיין רעכט. און כדי צו באַרעכ־טיקן דעם דאָזיקן גייסטיקן טויט־אורטייל אויף אַ גאַנץ פאָלק, האָבן זיי צו הילף גענומען זייער „וויסנשאַפטלעכע" גבית עדות, וואָס שטאַמט פונעם סאַמעראָדנעם גרויס־טעאָרעטיקער אַליין.

זיי האָבן פלוצלונג גענומען בודק זיין די סימני טהרה פון אונדזער פאָלקס זיין.

אַצינד, נאָך אַריבער דריי טויזנט יאָריקער עקזיסטענץ, האָבן זיי אַנטדעקט אַז עס פעלט אונדז די סאַמע גרונט־סימנים פון זיין אַ פאָלק (אייגנטלעך אַ נאַציע), דהיינו: דאָס קאָנצענטרירט זיין אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, שפּראַך און געמיינזאַמע קולטור מיט אַ געמיינזאַמע פאַר־גאַנגענהייט.

הגם די אַלע סימנים האָבן מיר אַצינד יאָ, און מיר זיינען נאָך אַ דאַנק דער מדינה צוריק געוואָרן אַ נאַציע, אַ פאָלק; וואָס הערשט איבער זיך אַליין (אַ סוביעקט) און הגם מיר האָבן גאָר קיינמאָל די איבריקע סימנים נישט פאַרלוירן, און אַפילו דעם הויפּט־סימן, דאָס לאַנד, וואָס מיר האָבן צייטווייליק אָנגעווירן, האָבן מיר זיך אויך פון דעם נישט אָפּגעזאָגט, נאָר מיר האָבן עס ווי אַן אוצר געטראָגן אין זיך איבער אַלע אונדזערע וואַנדערונגען, ווייל

בראשית האָט דאָס לאַנד אַריינגענומען צו זיך דאָס פאָלק, דערפאַר, ווען דאָס פאָלק איז פון לאַנד פאַרטריבן געוואָרן, האָט עס „צו זיך" אַריינגענומען דאָס לאַנד (אין גייסט), — זאָגן זיי זיך פון דער דאָזיקער זינלאָזער טעאָריע נישט אָפּ.

זי איז זינלאָז, מחמת אַ פאָלק, אַפילו ווען עס פאַרלירט די זעלבסטשטענדיקייט, הערט עס נאָך קיינמאָל נישט אויף צו זיין אַ פאָלק.

עס ווערט העכסטנס אויס נאַציע, אויס פּאָליטישער סוביעקט; אָבער אויס פאָלק קיינמאָל נישט, אַזוי לאַנג ווי עס פאַרמאָגט דעם ווילן פאַר זיין באַזונדערן נאַציאָנאַלן זיין.

ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש דאָס עדות זאָגן פון די „פרייהייטלעכע" שונאי ישראל (נישט אַנטיסעמיטן). אַלע שונאים ביז היינט, האָבן אין עצם אונדז נישט פאַר־לייקנט, זיי האָבן דווקא אויסגענוצט אונדזער נאַציאָנאַלע עקשנות און איינציקייט, אויף צו באַגרינדן אונדזער פאַר־ניכטונג.

אָבער ביזן שטעלן דעם טראָפּ אויף אונדזער פאַרניכ־טונג, האָבן זיי געזאָגט דעם אמת. אַפילו אייניקע מעלות אונדזערע איבערטריבן.

און אַזוי האָט אויך געזאָגט דער עלטסטער און קלאַ־סישער המן פון דער מגילה: „פאַראַן אַן איינציק פאָלק" (עם אחד), וואָס איז צעשפּרייט צווישן די פעלקער און זייערע געזעצן זיינען אַנדערש ווי אַלע פעלקער" (אַן אָריגי־נעל פאָלק).

נאָר די פּסיידאָ־טעאָרעטיקער פונעם לאַנד פון „סאָצ־יאַלער" און „נאַציאָנאַלער פרייהייט", זיינען די ערשטע געקומען מיט זייער כפירה אין אונדזער נאַציאָנאַלן זיין.

און הגם זיי ווילן אונדז נישט פאַרניכטן פיזיש נאָר גייסטיק, איז אָבער אינעם לעצטן רעזולטאַט, אַ נאַציאָנאַ־לער, גייסטיקער טויט פאַר אַ פאָלק, דאָס זעלבע ווי אַ פיזישער.

(„אונדזער וואָרט", פּאַריז, 13/2, 1954)

י. ל. פרץ און שלום עליכם

י. ל. פרץ

פרץ איז אַ דענקער, אַ גרויסער גייסט, וואָס באַטראַכט אַלץ, מעסט און וועגט, זעט און הערט און דער עיקר אַ דיכטער.

בעסער געזאָגט: אַ דיכטער-דענקער. דער חילוק צווישן זיי? אַ בלויזער דענקער, לאָזט אַלץ אַדורך דורך דער פּריזמע פון זיין גייסט, פונעם ריינעם גייסט.

אַלץ מוז שטימען מיטן לאָגישן אַנאַליז, לויט דער ערשטער אָוועקגעשטעלטער הנחה. — איז זיין באַטראַכט-אופן אייז-קאַלט, ווי ס'איז קאַלט די לאָגיק אַליין. וואָס קאַלטער אַלץ בעסער. ער פאַרטראָגט נישט קיין היץ, קיין פאַנטאַזיע, קיין געפיל.

נאָך ערגער: דער דענקער איז באַגרענעצט. הגם ער פליט פריי אַרום אין דער ספערע פונעם דענקען, מוזן זיינע רינגען זיך קייטלען אין דער אַלגעמיינער קייט. — פּאַסט זיך איין רינג נישט צו צו דער צווייטער, צעפאַלט זיך שוין די גאַנצע קייט. און שוין דאָס אַליין וואָס ער מוז אָננעמען באַשטימטע לאָגישע גרענעצן, איז זיין סדום-בעטל, זיין אומגליק...

אַ דיכטער דאַקעגן, אַ גרויסער דיכטער, איז פריי, פריי פון אַלע צוימען. ער איז ווי די נאַטור-סטיכיע הפקר-דיק. ווי אַ פלייץ, אַ צעגאָסענער פלייץ, כאַפּט ער אַרום אַלע ברעגעס. — ער אַרבעט מיט פאַנטאַזיע, טרוים, געפיל און שטימונג-עלעמענטן וואָס זיינען כסדר פליסיק.

און ווי יעדע פליסיקע זאַך קען ער בייטן זיין אַרט.

„כבודו מלוא כל הארץ”. זיין בלוט־דרוק איז שטענדיק אַ הויכער. ער איז שטענדיק אין פּאַטעטיש אַנגעצונדן. גרייט זיך צו באַגייסטערן מיט יעדער שיינקייט. זיין אינערלעכער וועזן איז אויסגעהאַקט פון די סקאַלעס פון אור־שיינקייט אַליין. פון „הוד שבהוד”.

ער איז דורך און דורך שטימונג־מענטש. איז נישט קיין וואונדער וואָס עס בייטן זיך זיינע שטימונגען, וואָס אַ זייטיקער באַאָבאַכטער געפינט אין אים אַ סתירותדיקע צעפלאַסנקייט, ווייל דאָס איז דאָך דער עיקר־וועזן פונעם עכטן דיכטער, אַרויסצוציען די פונקען פון שיינקייט, וווּ זיי זיינען נאָר פאַראַן. און אַז מען איז אַ דיכטער־דענקער, געפינט מען זיי אומעטום, דערזעט מען זיי אין אַלע דער־שיינונגען, דאָרט, וווּ אַן איינפאַכער בשר־ודם זעט זיי נישט.

אַז דער קינסטלער איז דער מייסטער פון שיינעם און באַזונדערן, צויבערט דער ווירטואָז־קינסטלער אַרויס אויך פון נישט שיינעם, פון איינפאַכן, שיינקייט און הייליקייט . . .

דאָס געזאָגטע וועט אונדז קלאָר מאַכן דעם קינסטלע־רישן וועזן פון פּרצן ווי אַ דיכטער־דענקער, און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. און דאָס אויך — וועט אַרויסשלאָגן דעם אַטוט פון די אַלע, וועלכע ווילן פּרצן פאַרפאַרטייישן, אַריינקוועטשן אים אין אַ באַשטימטע ריכטונג. ניין! פּרץ, פּאַסט זיך נישט אַריין אין קיין סדום־בעטל. — ער געהער דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

זיין שאַפן איז איבערפּאַרטייאיש, איבער ריכטונגען.

ס'איז כלל ישראלדיקע קולטור, אויף וויפל דער חסיד־ישער באַנעם, דער מתנגדישער, דער קבלהדיקער, אַלע באַנעמען, דרכים און שטייגערס פונעם יידישן פאָלק זיינען אַ באַשטאַנד־טייל פונעם גאַנצן יידישן גייסטיקן מקור.

און דאָס אַלץ געהער צום דיכטערישן אמת: סימ־פּאַטיע פאַר חסידות־שיינקייט, פאַר נאַציאָנאַלער אויפלע־

בונג, פאַר עטישן סאָציאַליזם, פאַר יידישן אייגנאַרט, ווי פאַר וועלטלעכקייט. ווייל אין אַלץ זעט דער דיכטער־דענקער, די אינעווייניקסטע שיינקייט, די לויטערע „פנימיות״.

די ניצוצות דקדושה, וועלכע זיינען נאָך נישט באַרירט פון די גראָבע מענטשלעכע הענט... און ווער זאָגט עס, אַז עטיק, דאָס שיינקייט פון מאָראַלישן געדאַנק און טאַט, איז נישט עסטעטיש? פאַרקערט, עס איז אַן העכערע, אַ דערהויבענערע עסטעטיק.

איז דאָס טאַקע דער גרעסטער פאַרדינסט פון פרצן, וואָס ער האָט אונדז קינסטלעריש אַנטפּלעקט, אַרויסגעטויכט פונעם ים־גרונט, די עטיש־עסטעטישע פערל פונעם יידישן געדאַנק און פאַרשטעלונג.

חסידיש און חסידישע געשיכטן, איז די רעהאַביליטאַציע פון דער „פרומער קאַץ״ פון שיריים־כאַפּעניש, אַפּשפּרעכענישן; סגולות און פדיונות־גיריקייט. די „דריי מתנות״, „ביים גוסס צוקאָפּנס״, „אויב נישט נאָך העכער״, זיינען שעדעווערס נישט נאָר פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, נאָר טאַקע אויב נישט נאָך העכער, העכער פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע (אין עטישן זין) און אויך העכער פון האָמערס מלחמה־געזאַנג פון טראָיע. ווייל יענע דערציילן פון רויב, מאָרד, באַטרוג, די, פון מענטשלעכער דערלייזונג, פון מיטליידן און העלפן דעם שוואַכן.

פרצעס גרויסקייט באַשטייט אויך אין זיין זאָרג פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. פאַר דעם ליטעראַרישן נאָכוווקס. מיט וואָס פאַראַ פּיעטעט און זאָרגעוודיקייט האָט ער זיי מקרב געווען די דעמאָלטיקע יונגע, געצערטלט זיי ווי יונגע געוויקסן.

פרצעס אָנדענק איז פאַר אונדז אַ וועגווייזער פאַר שיינקייט אינעם יידישן לעבן, פאַר דערהויבנקייט, פאַר „יום שכלו שבת״, ווי זיינע עטישע פערזענלעכקייטן זיינען געווען.

שלום עליכם

צוויי קאָנטראַסטן, צוויי באַזונדערע צוגאַנגען צום יידישן לעבן. פּרץ נעמט פון די טיפענישן פונעם יידישן געדאַנק, געפיל און פאַרשטעלונג. שלום עליכם נעמט פונעם לעבן אַליין, פונעם פלאַכן לעבן. פּרץ איז קאַרג, אַ וואָרט, אַ רענדל, פינטעלעך פאַרטרעטן ווערטער. שלום עליכם, פרייגיביק, באַרעדעוודיק.

פּרצעס געשטאַלטן זיינען דערהויבענע יום־טובדיקע, שלום עליכמס וואָכעדיקע, טאָג־טעגלעכע. פּרץ צויבערט אַרויס דאָס שיינע, שלום עליכם, דאָס מיאוסע. איינער הייבט אַרויס, דער אַנדערער רייסט אַראָפּ. איינער אַנט־פּלעקט ליכט, דער אַנדערער שאָטן.

אָבער אויך שלום עליכמס שאַפן האָט אַ נאַציאָנאַלן ווערט. דווקא אַלס הומאָריסט, אַלס פּאָפּולערער שרייבער, געווינט ער דאָס פאָלק. דורך זיין עמך־שפּראַך וואָס איז צוטריטלעך פאַרן עמך־פאָלק, רעוואָלוציאָניזירט ער אים אָן רעוואָלוציע. ער וועקט אויף דאָס פאָלק פון לעטאַרגישן שלאָף.

דורכן קינסטלערישן מאָלן דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן, האָט ער אויפגערודערט די הייליקע אידיליע פון די בעלי־טאַקסעס, תקיפים און יורשים פון די כאַפּערס.

דורכן רעדן אויפן פאָלקס שטייגער מיט אַלע ניואַנסן און קנייטשן, דורכן מאָלן דעם פאַרגליווערטן יידישן קאָלאָ־ריט און שטייגער, געווינט ער זייערע הערצער. און געוווי־נענדיק זייערע הערצער, האָט ער שוין געקענט מיט זיין שאַרפע פעדער, מיט זיין סאַרקאַזם אַריינדרינגען אויך אין זייערע מוחות, צו זיי זיך אַריינגנבענען — און אויפדעקן די לעבערלעכע זייטן פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן.

פון אַ לעבן, וואָס איז הוילער טרוים, דאָס אוממעג־לעכע פונעם נישט רעאַלן. — אַ מיראַזש, פון אַן אויסגע־

טרוימטער וועלט וואָס גיט אַמאָל טרייסט, אָבער ברייננגט מער שאָדן, צוליב זיין פאַנטאַזיע-פאַנטאַסטישן שפּינוועבס וואָס האָט ארומגעוועבט דעם ייד, נישט לאָזענדיק אים טראַכטן פון אַ רעאַלער וועלט, פונעם אייגענעם מאָרגן מיט רעאַלע מיטלען.

פון איין זייט מנחם מענדלס מיט צעשפּרייטע פליגל פון מיראַזש, פון פאַנטאַסטיק-וויזיעס; טרוים-קאָמפּלעקסן וועגן אַ יענער וועלט, אַן אייביקע, מיט בוימלדיקע טייכן צו זיינע פיס און גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ.

און פון דער צווייטער זייט: קליינע השגחלעך פונעם קליינעם טאָג, מיזערנעם היינט. פון אַ „פּרוזדור" — וואָס דאַרף גאָרנישט, פאָדערט גאָרניש. במילא, איז נישטאָ קיין אינטערעס פאַרן פאָלק, פאַר די זאָרג פון פּראַקטישן היינט און פּראַקטישן מאָרגן.

און חוזק מאַכענדיק פון אַזאַ לעבן, האָט ער זיי גע־צוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך, אַריינקוקן אינעם אייגענעם נאַציאָנאַלן איך, אויפרודערן דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן געוויסן... אַזוי אַרום, האָט ער אַראָפּגעריסן די „הייליקע" פאַרגליווערטע הויט פון זייערע טרוקענע ביינער און חיות, צווינגענדיק זיי זיך אָנצונעמען מיט אַ נייעם נאַציאָנאַלן חיות.

דער ביז אים „שב ואל תעשהדיקער" בטחון, וואָס ציט די יניקה פון פאַנטאַסטישע הימלעשע נסים ונפלאות, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טוביה-מילכיקן בטחון. אין אַ בטחון, פון אַ געזונטן האָרעפּאַשנעם פאָלקס-מענטש, וואָס מיט נוצלעכער אַרבעט פאַר זיך און זיין פאָלק, גלויבט ער אין זיין דערפאָלג.

און עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין. אַ מענטש האָ־רעוועט, פאַר זיך, פאַר דער געזעלשאַפט, פאַרן פאָלק, מוז זיין דערפאָלג. דאָס איז דער ליטעראַריש-נאַציאָנאַלער ווערט פון שלום עליכם.

פּרצעס דערהויבענע יידן, זיינען אינדיווידואַליסטן, גרויסע נשמות, וואָס באַוועגן זיך אין דער ספּערע פונעם דערהויבענעם געדאַנק און געפיל. זיי זיינען גרויסע יחידים מיט גרויסן מוט, וואָס ברעכן אַליין די צוימען אַרום זיך. — בונטאַריש, רייסן זיי מיט שטורעם אויף די הייליקע פּעס־טונג, אויפן וועג פון זייער זוכעניש...

שלום עליכמס מנחם מענדלס, זיינען פּאַרגליווערטע פוסט און פּאַסניקעס, אינגאַנצן נישט פעיק צום דענקען, צום זוכן. זייער טרוים, זייער וועלט, איז זיי געגעבן געוואָרן א פּאַרטיקע. אַפילו פאַנטאַזירן קענען זיי נישט מער ווי דאָס ביסל פאַנטאַזיע וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן. זיי זיינען אינעם דאָזיקן זין נעגאַטיווע טיפּן.

שלום עליכמס ווערק האָבן אַ באַזונדערן ווערט, פאַרן קולטור־היסטאָריקער. ווען דער גאַנצער יידישער שטייגער וואָלט אונטערגעגאַנגען, וואָלט דער צוקונפטיקער היסטאָרי־קער געקענט עס רעסטאַווריר — בלויז אויפן גרונט פון שלום עליכמס ווערק.

הגם די פאָרם איז שוין היינט, לויט דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן לעבן און שפּראַך אַביסל פאַרעלטערט, בלייבט נאָך אַלץ שלום עליכם צוליב זיין געטריי מאָלן דאָס יידישע לעבן און שטייגער און דעם ספּעציפישן יידישן הומאָר, דער קלאַסיקער און מיטשעפער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

(„ציוניסטישע שטימע”, פּאַריז, 1949)

דער פֿאַרגעסענער נאָמבערג

אינעם ראַשיקן אויפֿבלי פֿון דער יידישער ליטעראַטור פֿאַר און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ה. ד. נאָמבערג געהאַט זיין חלק.

פֿון די אַריינגייער און מקורבים פֿון פּרץ, האָט ער פֿאַרנומען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ בכבודיק אָרט.

ווי אַנדערע אין דער יידישער ליטעראַטור, איז ער געקומען פֿון מיט יידישער טראַדיציע אָנגעפֿילטן שטעטל, וווּ עס האָט געלעבט דער רוב מנין און בנין פֿון די יידן אין פּוילן.

און אַליין אַ דערצויגענער אין אַ חסידיש־רעליגיעזער סביבה, פֿאַרהאַקט ער פּלוצלונג אונטער זיך די טיר, אויף קיינמאָל נישט צוריקצוקומען...

מיט אַ געוואַלטיקן אימפּעט רייסט זיך דער יונגער נאָמבערג אין דער וועלט, מיט דער האָפֿענונג צו באַקומען אַ גייסטיקע מנוחה, גאַנץ צו מאַכן דעם פֿאַרלוירענעם גלויבן און צעטרייסלטן געמיט.

אָבער שוין אָנגערירט פֿונעם וואָרעם פֿון סקעפּטיציזם, בלאָנדזשעט ער אַרום איבער אַלע וועגן פֿון דער וועלטס קולטור.

אָבער אויך די וועלט־קולטור, קען שוין נישט צוריק־שטעלן זיין אָנגעווירענעם גלייכגעוויכט.

בלייבט ער טאַקע מיט זיין גאַנצער איראָפּעישקייט, מיט זיין גאַנצער צעכוואַלעטער אויסערלעכער לעבנס־פֿרייד וואָס דאַרף פֿאַרטויבן און באַרוהיקן זיין גייסטיקן אומרו, אין דער יידישער סביבה.

אין דער סביבה פֿון פּרץ־הויז, אינעם קרייז פֿון דער

יידישער ליטעראַטור און קולטור. און פון די נאָענטע פון פּרץ, בלייבט ער שוין אויף שטענדיק אונדזער נאָמבערג.

*

ער איז דער פאַרשפּיצטער, דער גריבלער, דער שרייבער מיטן קורצן געפּרעסטן סטיל.

זיינע אַרטיקלען זיינען ווי קליינע שעדעווערן פון דער יידישער פּובליציסטיק. און זיינע עסייען, קלאַסיש קאָנדענסירט.

ער האָט פיינט דאָס איבעריקע צעשפּרייטן זיך, דאָס בהרחבהדיקע אויסטענהן זיך מיטן לייענער. ער וויל אים גאָרנישט אַרויסהעלפן.

פאַרקערט, ער וויל דער לייענער אַליין זאָל זיך אָנשטרענגען, זאָל זיך אַריינפילן און אַריינטראַכטן אינעם געלייענטן, כדי אַזוי אַרום מיטצושאַפן מיטן שרייבער, ווערן צו אים אַ שותף...

אַ סקעפּטיקער וואָס גלויבט נישט אינעם זיין, — וויל ער דווקא אינעם נאָמען פון אָט דעם זיין, לעבן.

ער וויל די ספקות דערטרונקען דורכן אַרויסציען אַלע זאַפטן פונעם לעבן. פונדאַנעט די נאָמבערגישע סתירות, זיין גייסטיקע צעפּאַלטנקייט.

אָבער נאָר אַזאַ שיין־גייסט ווי נאָמבערג, האָט געקענט זיין מסוגל איבערצוטראָגן די סודותדיקע שיינקייטן פון טאגארעס שפּעט־זומער, די כישופדיקע פערזן פון גאַנגעס־לאַנד אין יידיש.

נאָר אַזאַ קינסטלער און פּקח, האָט געקענט פאַרנעמען און אַרויספילן די דינסטע נשמה־וויברירונגען און די צאַרטסטע לעבנס־חכמה פונעם דיכטער פון נירוואַנאַ־לאַנד.

*

זיינע דערציילונגען זיינען נישט קיין סתם מעשיות, נאָר לעבענס־מאָטיוון מיט אַן ה׳ הידיעה. אָבער לעבנס־מאָטיוון נישט קיין כלל־קרעפּטיקע — און אוודאי נישט

קיין נאַציאָנאַל-רופנדיקע און מאָנענדיקע, — נאָר פון מענטשן יחידיש-רעזיגנירטע, אויסגעוואָרצלטע, אין דער לופטן הענגנדיקע . . .

פליגלמאַן, איז נישט סתם אַ געשטאַלט, אַפילו נישט אַ צענטראַלע פיגור פון אַ באַשטימטער סביבה, נאָר אַ גייסטיקע געשטאַלט פון אַ דור.

פון אַ דור, וועמען ס'איז מיטאַמאָל ענג געוואָרן אין די גרענעצן פון דער אייגענער פאַנטאַסטיש-פאַסיווער וועלט.

האָט ער זיך דעריבער געריסן צו מעשים און צו ברייטע מרחקים, מיינענדיק אין די דאָזיקע פרעמדע ווייט-קייטן צו געפינען לעבנס-פרייד און גליק.

נישט באַקומענדיק עס אָבער, זיינען זיי געוואָרן די פליגלמאַנס, ביטער אַנטוישט און אָפּגענאַרט.

און שוין נישט קענענדיק געפינען דעם וועג אויף צוריק, — זיינען זיי געבליבן ענגען אין דער לופטן. אין דעם נייעם נישט אַריינגעוואַקסן און פונעם אַלטן אַוועק.

און אַזוי זיינען שוין נאָמבערגס העלדן געבליבן גיים-טיק צעבראָכענע אויף אייביק.

רעדן טאַקע זיינע העלדן אַ רעזיגנירט לשון, אַ לשון פון הכל הבל. „סליגט אַנגעוואָרפן אַ געגליווערטע מאַסע פון אָפּגענוצטער פאַרב, וואָס וויל גאָרנישט זאָגן און לאָזט מיך גאָרנישט הערן, סיידן נאָר די אַלטע חכמה פון קהלת, אַז הכל הבל; די זון גייט אויף און גייט אונטער און גייט אויף דרום און פאַרקירעוועט אויף צפון, און אַזוי יעדן טאָג, יעדעם יאָר, אָן אַ סוף און אָן אַן עק" („שקר און שלימזל").

פינקלמאַן האַלט אין איין שרייבן צו זיין ווייב אין שטעטל, זי זאָל קומען קיין וואַרשע, נאָר אַלע בריוו בלייבן ביי אים אין צימער נישט אָפּגעשיקט („ווער איז שולדיק"). אַזוי איז נאָמבערגס גאַנצע דערציילערישע אַטמאָספערע.

נאָמבערגס העלדן זיינען אומעטיקע, ליידנדיקע. און דער עיקר, פּאַסיווע, צום טויט-רעזיגנירטע, וואָס זיינען זיך אַליין מיט זייערע גאַנצע ליידן אויף אַ נירוואַנאַ-שטייגער מבטל.

און אויך די וואָס וואַרטן שוין נישט אָפּ שטיל-שווייגנ־דיק זייער סוף, נאָר וואָס איילן אים צו ווי פּעליאַ פיינשטיין, וואָס נעמט זיך סוף כל סוף מיטן אַרומטראָגענדיקן פלע־שעלע סם אָפּ דאָס לעבן, מאַכן עס אויף אַזאַ מאָדנעם ווילנלאָזן אופן.

אויך דאָס איינמאָליקע „אַקטיווע", קומט ביי זיי אויף ווי אָן זייער באַטייליקונג, ווי פון זיך אַליין.

אויסגעליידיקטע נשמות, אידעענלאָזע, האָבן זיי נישט קיין כוח צו לעבן, און אויך נישט צו שטאַרבן...

אָבער מענטשן זיינען זיי, פילט זיי נאָמבערג מיט, סימפּאַטיזירט ער מיט זיי.

א. ש. הערשבערג

געבוירן 1860 אין קאָלנע, האָט ער זיך פאַרקנסעט מיט ביאַליסטאָק אויף זיין גאַנץ לעבן. אויסגעוואַקסן אין דער לומדישער אַטמאָספערע פון זיין פעטערס וואַרשעווער הויף די יעבץ'ס, האָט ער זיך באַהעפט מיט דער אַזוי קוועקזילבערדיקער יידישער שטאָט, ווו ער האָט געפונען נאָכן אַנווער פון זיין מאַטעריעלן אָנהאַלט, אַ נייעם גייסטיקן אָנהאַלט.

זיין זוכענדיקער פאַרשערישער גייסט וואָס האָט אויפן ביאַליסטאָקער אונטערנעמענרישן באָדן געשלאָגן טיפע וואָרצלען, האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט.

און זיין נישט אויסגענוצטע ענערגיע צוליבן עקאָנאָמישן דורכפאַל, האָט ער אַצינד איבערגעטראָגן אויפן געביט פון זיינע יודאַיסטיש-וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז ביאַליסטאָק זאָל ווערן מיט דער הילף פון ניי-אויפגענומענעם ביאַליסטאָקער רב רבי שמואל מאָהליעווער, אַ צענטער פון דער אויפגעקומענער חבת-ציון-באַוועגונג, ווו דער נאָר וואָס אָנגעקומענער יונגער הערשבערג זאָל דאָ געפינען אַ גינסטיקן באָדן פאַר זיין אַזוי באַגערנדיקער נאַציאָנאַל-גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווערנדיק איינער פון שמואל מאָהילעווערס נאָענטסטע מענטשן און סעקרעטאַר.

ס'איז דאַן געווען דער דערוואַכונגס-פּראָצעס פונעם יידיש-נאַציאָנאַלן געדאַנק. אַ צייט פון געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער אויפרודערונג, ווען דער אָפּגעשוואַכטער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, האָט זיך צוריק אָנגעהויבן צו

פאַרוואָרצלען ביי דער רעליגיעזער ווי ביי דער נישט־רעליגיעזער יידישער אינטעליגענץ.

ווען די יידן אונטערן צאַרישן רעזשים, אונטערדריקט פיזיש, עקאָנאָמיש און גייסטיק, איז געוואָרן פאַרמיאוסט דאָס דינען צו פרעמדע „געטער" און דערוואַרטן פון זיי ישועות און נחמות.

אַנטוישט און פאַרביטערט, קערן זיי זיך אום צוריק צו זיך אַליין, צום אייגענעם נאַציאָנאַלן „איך"; זוכענדיק דערלייזונג און טרייסט, אין די טיפענישן פון אייגענעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און נאַציאָנאַלע דערקענטעניש.

נאָך נישט דרייסט און אויסגעשליפן איז געווען ביי זיין אויפקום דער געדאַנק פון חבת ציון. נאָך נישט קיין גרויסע אויפגאַבן האָט ער זיך געשטעלט.

אָבער אַן אָנהויב איז דאָס געווען. און ער האָט צו־געגרייט דעם באָדן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם ציוניסטישן געדאַנק און האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר די שפּעטערדיקע געוואָגטערע אַוואַנגאַרדן.

אין אָט דער צייט, הייבט דער יונגער הערשבערג אָן זיין גייסטיקע און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

*

ווען ער איז שפּעטער געוואָרן געצוווּנגען צו ליקווי־דירן זיין פאַבריק, איז דאָס שרייבן געוואָרן זיין נייע ליידנשאַפט וואָס האָט באַהערשט זיין גאַנץ לעבן. און קיין זאַך אין דער וועלט, האָט אים שוין דערפון נישט געקענט אָפּרייסן.

ער האָט אָנגעהויבן דרייסט און מיט פאַרנעם. ער האָט זיך באַלד ביי זיינע ערשטע שרייבערישע טריט געש־טעלט גרויסע אויפגאַבן. אויפגאַבן נאַציאָנאַל־געזעלשאַפט־לעכע און קולטור־היסטאָריש־פאָרשערישע.

אַ מיטגליד פון אחד העם'ס אָרדן בני משה, האָט ער

זיך שפּעטער באַנומען אויך צו אַנדערע און צו זיך אַליין מיט דער זעלבער אָרדן־שטרענגקייט.

דערפון זיין באַנעמונג צו אַנדערע, בפרט זיין שטייפע האַלטונג לגבי יענע, וואָס האָבן אים אויסגעזען ווייניקער ווויסנדיק, ווייניקער גייסטיק ווי זייערע פאַרנומענע פּאָזיציעס.

דאָס שפּעטערדיקע דערווייטערן זיך פון כלל־אַרבעט און דאָס איזאָלירן זיך צו אַ ביחידיתדיקע גייסטיק־שעפעריש טעטיקייט, האָט נאָך אין אים די דאָזיקע איבערטריבענע לומדישע באַציונג צו אַנדערע, פאַרשטאַרקט.

לומדיש־משכיליש און כמעט פריי־פאַרשעריש אין זיינע אַרבעטן (נישט אָפּטרעטנדיק פון דער מסורה), האָט ער ווי פאַרמאָגט עפּעס פון אַ איבערטריבענעם פרומען גייסט, וואָס אַנערקענט גאָרנישט מחוץ דאָס ריינע פאַרגייסטיקטע אינעם לעבן.

איז ער דעריבער טיילמאָל אין זיין אָפּשאַצונג צו מענטשן און זאַכן, געווען איינזייטיק און צו מתנגדיש־טרוקן. און כאָטש אַליין פון אַ געוויסער געפיל־געזינונג (רעליגיעז־ציוניסטיש) האָט ער ווי נישט גורם געווען קיין אַנדערע געפיל־שיינקייטן אויסער דער אייגענער.

מעגלעך, צו דעם האָט גורם געווען די פאַרביטערונג און דאָס פילן זיך באַעוולט, פאַרן נישט קענען אַרויסגעבן זיינע קאַפּיטאַלע ווערק אויף וועלכע ער האָט אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט.

*

גלייך נאָך זיין צוריק קומען פון ארץ ישראל אין 1899, פאַרעפנטלעכט ער צוויי ביכער וועגן ישוב: „משפט הישוב החדש בארץ ישראל" (1901) און „בארץ המזרח" (1910), מיט אַ שאַרפע קריטיק קעגן די ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג פון באַראָן ראָטשילדס באאמטע און זייערע באַציונג צו די יידישע קאָלאָניסטן.

דאָס איז געווען אין יענער צייט אַ נייעס. זיינען טאַקע צוליב דער דאָזיקער קריטיק זיינע ביכער נישט גינסטיק געוואָרן אויפגענומען אין די קרייזן פון די חובבי ציון.

און פאַר זיין דאָזיקער געוואַגטקייט, האָט אים אויך די העברעישע פרעסע פאַרשוויגן, מיטן אויסנאַם פון אחד העמם „השלח". אָבער זיין אמת האָט הערשבערג געזאָגט.

באַהויכט מיטן זעלבן גייסט האָט ער אין 1913-14, אַרויסגעגעבן די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין ביאַליסטאָק, „ביאַליסטאָקער טאָגבלאַט".

ער האָט אויך קאָרעספּאָנדירט און געשריבן ערנסטע אַרבעטן אין כמעט אַלע דעמאָלטיקע העברעישע צייטונגען און צייט-שריפטן.

*

צו יידישער וויסענשאַפט איז הערשבערג געקומען, שרייבט וועגן אים י. האַלפּערין*), נישט פון דער ישיבה, נאָר פון דער פאַבריק.

זייענדיק די שוואַכע יסודות פון דער יידישער טעקסטיל אינדוסטרי, האָט ער געמיינט אַז ס'איז אין דעם שולדיק דער מאַנגל פון טעכנישע ידיעות ביי די יידישע פאַבריקאַנטן.

האָט ער אָנגעשריבן אַ פּראַקטישן הילפס-בוך אין העברעיש, וועגן די יסודות פון וועבעריי. נאָר צוליב דעם וואָס עס האָט אים געפעלט אַ העברעישע פאַך-טערמינאָלאָגיע, איז ער געגאַנגען זוכן די געהעריקע טערמינען אין משנה און תלמוד.

דאָ אָבער האָט ער זיך אָנגעשטויסן נישט נאָר אין איינצעלנע טערמינען, נאָר אין אַ שטאַרק אַנטוויקלטע מאַטעריעלע קולטור וואָס האָט אים פאַרכאַפּט.

---

*) י. האַלפּערין, „פנקס ביאַליסטאָק", באַנד 1, ניו-יאָרק, 1949.

פון דער דאָזיקער אַלטער יידישער קולטור-וועלט וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אין משנה און תלמוד, האָט ער זיך שוין נישט געקענט אָפּרייסן.

איז דערפון אַרויסגעקומען אַ פיר-בענדיק ווערק אין העברעיש: „דאָס יידישע קולטור-לעבן אין דער תקופה פון דער משנה און תלמוד".

אַרבעטענדיק אויפן דאָזיקן ווערק, האָט ער זיך אי-בערצייגט אַז די יידישע קולטור אין יענער צייט איז אויך אין אַ געוויסער מאָס געווען פאַרבונדן מיט די קולטורן פון די אַרומיקע פעלקער, און ס'איז ווידער אויסגעוואַקסן אַ גרויס ווערק אין זעקס טיילן: „די געשיכטע פון דער יידישער ראַסע און קולטור פון די עלטסטע צייטן ביז צום סוף פון דער תלמודישער תקופה".

ער האָט נאָך אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק וועגן דער יידישער און נישט-יידישער תנ"ך-וויסנשאַפט, און אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך פאַרמאָסטן אויף אַ ניי ווערק וועגן נבואה און נביאים ביי יידן.

פון די דאָזיקע קאָלאָסאַלע ווערק זיינען פאַר-עפנטלעכט געוואָרן נאָר איין טייל פון זיין „דאָס יידישע קולטור לעבן אין דער תקופה פון דער משנה און תלמוד" און קליינע פראַגמענטן פון אַנדערע טיילן און אַנדערע ווערק אין פאַרשידענע צייט-שריפטן ווי „השלח", „התקו-פה", „המאסף", „הקדם", „הדביר" און אַנדערע.

*

אין זיינע וויסענשאַפטלעכע אַרבעטן ווייזט זיך הערש-בערג אַרויס פאַר אַ פרייעם פאָרשער הגם האַלטנדיק זיך ביי דער אָנגענומענער מסורה.

זיין אַנאַליז איז אַ וויסענשאַפטלעכער, געשטיצט אויפן שכל הישר. אויך זיין פאָרשערישע מעטאָדע איז אַ פאַרגלייכלעך-לאָגישע — באַזירט אויף די געבראַכטע באַ-

ווייזן פון די אָריגינעל-יידישע מקורים, וועלכע ער פערלט אַזוי חריפותדיק אַרויס.

זיין „פנקס ביאַליסטאָק" איז טראָץ זיינע בלויזן מער ווי אַ פנקס, אַפילו מער ווי אַ לאָקאַלע מאָנאָגראַפיע.

ער גיט איבער אינעם דאָזיקן פנקס נישט בלויז די לאָקאַלע פאַקטן און געשעענישן, נאָר אויסער זייער אָרטיקע באַלייכטונג, גיט ער אויך אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער די דאָזיקע באַהאַנדלטע ענינים צוזאַמען מיט זייערע אויס־טייטשונגען וואָס שטייגן איבער די ראַמען פון דער דאָזיקער באַגרענעצטער אַרבעט.

מען זעט אויך דאָ, דעם חריפותדיקן פאָרשער און וויסנשאַפטלעכן למדן.

*

ער האָט געאַרבעט אויף זיינע ווערק ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ער האָט זיי געשריבן מיט אַ געוואַל־טיקער התמדה און איבערגעגעבנקייט, כאָטש די זאָרג איבערן גורל פון זיינע מאַנוסקריפטן האָבן אים פאַרביטערט דאָס לעבן.

ער האָט נישט געוווסט פון קיין מאַטעריעלן פאַרגעניגן און קיין אָפּרו. האָט זיך אין זיינע לעצטע יאָרן אויך נישט אויסגעלעבט געזעלשאַפטלעך.

נאָר ווי אויסגעטאָן פון דער וועלט איז ער געזעסן אין זיין בוידעם-שטיבל אויף געלדאָווע און האָט זיך מתיחד געווען מיט זיינע כתבים און געדאַנקען, געוואָרן מיט זיי איינס.

אַלע זיינע שריפטן זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אינעם גרויסן חורבן, פאַרבליבן איז נאָר די מאָנאָגראַפיע וועגן ביאַליסטאָק, וועלכע ער האָט באַצייטנס איבערגעשיקט קיין אַמעריקע.

יאָרן לאַנג האָט הערשבערג געאַרבעט אויף דער דאָזיקער מאָנאָגראַפיע. פאָרשענדיק די פּראָבלעמען פון

דער אַלטער יידישער געשיכטע, האָט ער אויך נישט אויפֿגעהערט צו פֿאָרשן די געשיכטע פֿון די יידן אין ביאַליסטאָק, ביז עס איז אויסגעוואַקסן דאָס מאָנומענטאַלע ווערק, וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק נאָך זיין טויט „פּנקס ביאַליסטאָק, גרונט־מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון די יידן אין ביאַליסטאָק" (49־1950).

ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", „אונדזער לעבן", „ביאַליסטאָקער אַלמאַנאַך" און אַנדערע יידישע צייטשריפֿטן, וווּ ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן וועגן ביבל־קריטיק, צייט־פֿראַגן און אַנדערע.

האָט איבערגעזעצט אויף העברעיש, פּראָפֿ. קיטלס „מדע כתבי הקדש" ווילנע, תר"ע און אישלבאַכערס „היהדות ומהות הנוצרי" ווילנע.

אַרויסגעפֿירט געוואָרן אין 1943 פֿון ביאַליסטאָק אין די גאַז־קאַמערן.

פ. קאַפּלאַן

אַ נידריקער, אַ פולער, מיט אַ גרויסן קאָפּ און צו גרויסן תלמיד־חכמדיקן שטערן אין אַ נישט גלייכער פּראָ־פּאָרציע צום קליינעם גוף. דער גראָער קאָפּ פאַרקעמט אַרויף, קינסטלעריש.

אַ דיקליכע נאָז און אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן מיט אַ פּאָר נייגעריקע קלוגע אויגן.

*

אַ שוחטס אַ זון, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די גאַנצע טראַדיציאָנעל־פאָלקסטימלעכע אַטמאָספערע פון אַ רעליגיעז־געלערנטער שטוב.

די דאָזיקע אַטמאָספערע איז אים בייגעשטאַנען אין אַלע זיינע גייסטיקע וואַנדערונגען. — און אַז ער איז אַריין אין דאָן אַזוי לאָקערנדיקן משכּילישן „פּרדס" — איז ער אַרוים אומבאַשעדיקט.

אָנגעהויבן ווי אַ לערער פון העברעיש און רוסיש, צעוואַקסט ער זיך שפּעטער ווי אַ געזונטער דעמב וואָס שלאָגט טיף זיינע וואָרצלען אין דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, ווי אַ זשורנאַליסט, פּובליציסט, ליטעראַטור־קריטיקער, איבערזעצער, איבערדיכטער און מוזיקאַלישער רעצענזענט.

אין זיין שרייבערישן בראשית אַ קעגנער פון יידיש, פאַרליבט ער זיך אָבער שפּעטער מיטן גאַנצן פלאַם פון זיין האַרץ און נשמה, מיט זיין גאַנצן שעפערישן אימפּעט אין לשון יידיש, ווען ער איבערצייגט זיך אין איר נאַציאָנאַל פאָלקסטימלעכער באַדייטונג און איר ווערט ווי אַן אויפ־האַלט־פאַקטאָר פאַר דער אומה.

פון דאַן אָן וועדמעט ער שוין לשון לשון יידיש אַלע זיינע כוחות, ווי ער האָט פריער געווידמעט אַלע זיינע כוחות דעם לשון־קודש־העברעיש. און עס הייבט זיך אָן קאַפּלאַנס קולטור־פּיאָנערישער פּעריאָד אין זיין לעבן.

גאָר באַזונדער האָט ער זיך געפונען אין זיין שעפע־רישער סטיכיע — ווען ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", ביים סוף פון 1918, וועמענס רעדאַקטאָרישע טעטיקייט ער האָט נישט איבער־געריסן ביזן אַריינקום פון די סאָוויעטן אין 1939.

פון די מיטגרינדער פון דער דעמאָלט אויפגעקומענער „פאָלקס־פּאַרטיי", איז ער דורך איר געוואָרן אַרויסגערוקט ווי דער רעדאַקטאָר פון דער ניי־אַנטשטאַנענער צייטונג, וווּ ער האָט אַרויסגעוויזן זיינע באַזונדערע באַגאַבונגען.

ער האָט אַליין אויסגעפילט אַ גרויסן טייל פון דער צייטונג. זיין לייט־אַרטיקל איז געווען איינפאַך און קלאָר. שטענדיק זאַכלעך־אַקטועל, אָן מינדסטן שפּור פון דער איינגעוואָרצלטער פּלפּוליסטיק.

די שפּראַך אַ פאָלקסטימלעך־פאַרשטענדלעכע, אָן אַקראָבאַטישע קונצן. אַזוי איז געווען ווען ער האָט באַרירט אַרטיקע ענינים אָדער אַלגעמיינע.

איז טאַקע „דאָס נייע לעבן", הגם אַ צייטונג אַ פּראָ־ווינציאָנעלע לויטן אָרט, אויסגעוואַקסן דורך דער פירונג פון פּ. קאַפּלאַן אין אַ צענטראַלע לויט איר ווירקונג און אָנזען.

נישט איין מאָל איז זי געוואָרן דערמאָנט, איבערגע־דרוקט. דאָס אַלץ איז געווען דער פאַרדינסט פון פעיקן רעדאַקטאָר.

אַ מענטש מיט אַ גרויסער יידישער ערודיציע, מיט טיפע קענטענישן פון דער רוסישער און העברעיש־יידישער ליטעראַטור. מיט אַ פיינעם איינגעבוירענעם מוזיקאַלישן

חוש, איז ער געווען פּראָדוקטיוו אויף פיל ליטעראַרישע געביטן.

אונטער פאַרשידענע נעמען האָט מען געקענט געפינען זיינע אַרטיקלען, פעליעטאָנען, נאָטיצן און רעצענזיעס. פּ. קאַפּלאַן, מ. פוקסמאַן, ב. ציון, ארגוס, חנן, אַבי ווער, אַ בטלן, ז. ווײַנשטיין א.א.וו.

אַליין אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט ער דאָך געמוזט האָבן אַ באַציונג צו אָט די אַלע פון אים באַרירטע ענינים מיט וועלכע ער האָט זיך טאָג־טעגלעך אָנגעשטויסן.

אַלס רעדאַקטאָר האָט ער זיי געמוזט אַרויסברײַנגען, אויסקלאָרן דורכן צאַפּלדיקן זשורנאַליסטישן וואָרט. און דאָס דאָזיקע איז געווען די סיבה פון זיין אייגענער צעש־פּאַלטנקייט, פון דער צעשפּאַלטנקייט פון יעדער פּערזענלעכ־קייט, פון שרייבער, קינסטלער און יעדן אַנדערן מענטש...

אַלס שריפטשטעלער האָט ער געהאַט אַ גענוג־אָנגע־זעענע אויטאָריטעט, בפרט אין זיינע לעצטע יאָרן. אַן איבערזעצער און איבערדיכטער פון קרילאָווס משלים און קאַראַלענקאָס „אָן אַ לשון”, ווו מען האָט געדאַרפט האָבן טיפע שפּראַך קענטעניסן און דיכטערישע באַגאַבונג, אַ באַגאַבונג פון אַרוים נעמען אײדעלע געוויקסן פון אַ פרעמדן גאָרטן און זיי אָן שאָדן פאַר זיך איבערפלאַנצן, איבער־טראָגן אין אַ צווייטן ייִדישן גאָרטן, מיט אַ באַזונדערן אייגענאַרטיקן שפּראַך־קלימאַט און זיי נאָך כמעט פאַרייִדי־שן, ווי זיי וואָלטן לכתחילה געווען ייִדיש־אייגענס.

נאָך שווערער איז געווען דאָס רעדאַגירן ראַבינדראַ־נאַט־טאַגאָרעס „גערטנער” וועמענס לידער זיינען נישט געפאָרעמט אין די שטרענגע פּאָעזיע־פאָרמען, נאָר אין פרייע ווייסע זאַצן.

און טראָץ דעם זיינען זיי טיפע, פאַרשיכורן זיי מיט זייער אייגנאַרטיקער שיינקייט, פאַרכישופן מיט זייער סודותדיקן פּאָעטישן אַראָמאַט און רייץ וואָס איז אייגענ־

טימלעך נאָר דעם גרויסן אינדישן דיכטער טאַגאָרע.

און אויסער דעם, קענען איבערגעבן די מיליע, דעם ספּעציפישן אינדישן שטייגער און קאָלאָריט, וואָס איז ביז דאַן אין דער יידישער ליטעראַטור דעם יידישן לייענער געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט, הוילע ווייטע עקזאָטיק.

און אַז מען גיט נאָך צו דעם צו די יאַפּאַנישע מעשה־לעך און גאָר באַזונדער די „ביבלישע געזאַנגען", זיינע תנ"ך איבערזעצונגען, הגם אין איין צייט מיט יהואָשעס, האָט אַזאַ שעפערישע אַרבעט אים געמוזט געבן אויטאָ־ריטעט, אַזוי איז פּ. קאַפּלאַן ווי א שריפטשטעלער האָט פאַרמאָגט געגוג אָנזען.

און דאָך האָט אָבער קאַפּלאַן ווי אַ רעדאַקטאָר פון די ביאַליסטאָקער צייטונגען, אויך אַרויסגערופן צו זיך פון אַ געווויסן טייל אַן אומצופרידנקייט.

זיינע פּובליציסטיש באַרירטע ענינים זיינען געווען פיין סטיליסטיש אויסגעטאַקט, מיט אַ גלייכער בעל־הבתי־שער לאָגיק וואָס איז געווען צוטריטלעך פאַר יעדן איינעם. אָן איבריקע מליצות און קאַרק־ברעכערישע פוסטע פאַרעם־טעכניק.

זיין געדאַנקען־ליניע האָט זיך געצויגן ווי אַ גלייכע ווירע ביזן סוף. נאָר דאָ ביים סאַמע סוף, האָט ער ווי אַ שפּרונג געטאָן אין אַ זייט. האָט קאַפּלאַן דער מענטש — „פאַראַטן" קאַפּלאַנען דעם רעדאַקטאָר.

וואָרעם אויך קאַפּלאַן דער מענטש, האָט געהאַט וואָס צו זאָגן. אַ פאָלקיסט, הגם אין די לעצטע יאָרן שוין נישט אַקטיוו, איז ער דאָך געווען אין זיין וועזן איבערגעגעבן צום פאָלקיסטיש־פאַרטייישן געדאַנק. און דער אויספיר האָט געמוזט זיין מיט אים אין הסכם.

די ביאַליסטאָקער יידישע באַפעלקערונג אָבער ווי די גאַנצע יידיש באַפעלקערונג אין פוילן, איז שוין דאַן געווען פאַרטייִיש צעשטעלט. — כמעט יעדער באַוווסטזיניקער

ייד, האָט שוין דאַן געהאַט זיין מאַרקע, זיין אייגענע פּאַרטיי.

און דער לייענער האָט נאַטירלעך געוואָלט, אַז זיין רעדאַקטאָר זאָל רעדן אין זיין נאָמען, מיט זיין דעם לייע־נערס מויל. אויב דער לייענער איז אַ שטיקל כבד־פּה, טאָ אויף דעם איז פאַראַן אַ רעדאַקטאָר וואָס זאָל אין דער צייטונג אַרויסברייינגען זיינע דעם לייענערס געפילן און געדאַנקען און מאַכן זיין דעם לייענערס אויספּיר.

און דאָ האָט גאָר דער רעדאַקטאָר פון דער אומפּאַר־טייישער צייטונג, זיין אייגענע מיינונג וואָס איז אידענטיש מיט דער מיינונג פון דער אָפּגעשטאָרבענער פאָלקס־פּאַרטיי.

אָט דאָס האָט ביי אַ טייל אַרויסגערופן אַ פּאַרדרוס, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט קאַפּלאַנען דעם ווערטפולן רעדאַקטאָר און שריפטשטעלער.

*

ווי אַ קעניג אויף זיין טראָן איז ער געזעסן אין זיין רעדאַקציע־צימער אויף „קילינסקעגא", שרייבענדיק טאָג־טעגלעך זיינע לייט־אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס און בילדלעך, מיט זיין שווערער וואַטערמאַן־פּעדער אַ מתנה פון אַמעריקע.

דאָ האָט ער אויפגענומען זיינע אינטערעסאַנטן. און זיינע אינטערעסאַנטן זיינען געווען פאַרשידענע. געזעל־שאַפטלעכע עסקנים וואָס זיינען געקומען באַהאַנדלען אַן ענין און דערביי אויסבעטן זיין רעדאַקטאָרישע הילף, — סתם מענטשן וואָס זיינען געקומען בעטן זיין הילף, הילף קעגן אַן אַכזריותדיקן בעל־הבית וואָס וויל אַרויסוואַרפן פון דער דירה, קעגן אַן אייגענעם טאַטן וואָס באַגייט זיך שלעכט מיטן אייגענעם זון, אָרימע לייט וואָס זיינען גע־קומען בעטן ער זאָל מיט זיין פּעדער ווירקן לטובת זייער האָלץ־אַקציע, און שרייבער־אָנפאַנגער, וואָס האָבן געב־

ראַכט אַ ליד, אַן אַרטיקל, אַ העפטל איבערצוקוקן און דערביי האָבן זיי נישט פאַרגעסן אַריינצוּוואַרפן אַ פּאָר ווערטער אַז מען זאָל זיי דרוקן.

ווייל האָט שוין „דאָס נייע לעבן" געדרוקט, האָט שוין פּ. קאַפּלאַן אויפן שרייבער אַרויפגעלייגט זיינע הענט.

און אַז קאַפּלאַן האָט געגעבן סמיכה, האָט ער זיך שוין פאַרן דאָזיקן שרייבער געזאָרגט ביזן סוף. ער האָט אים געשטיצט מאָראַליש און אָפטמאָל אויך מאַטעריעל.

ער פלעגט פאַר אַזאַ שרייבער נישט נאָר עפענען זיינע צייטונגס-שפּאַלטן, נאָר אויך אים געבן אויף גאַנצע חדשים אומזיסטע אַנאָנסן, כדי צו העלפן אים אין זיין ביכער-פאַרקויף.

*

זיינע ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען זיינען געווען באַ-לערנדיקע. נישט קיין בליץ-רעצענזיע זיינען זיי געווען ווי ביי די אַנדערע, פאַר וועמען ס'איז גענוג בלויז אַ דרוקמישן די בלעטלעך און שוין ווערט שאַבלאָנמעסיק געשריבן און געפּסקנט.

נאָר ער האָט די באַהאַנדלטע טעקסטן ערנסט געליי-ענט און שטודירט, איידער ער האָט זיך וועגן זיי אַרוים-געזאָגט.

אין זיינע מוזיקאַלישע אָפּהאַנדלונגען האָט ער אַרוים-געוויזן אַ גרויסע ערודיציע, פאַך-קענטעניש און פיינעם חוש פאַר מוזיק. זיין אויער האָט ווי דער דינסטער, סובטילסטער אַפּאַראַט, אויפגעכאַפּט יעדן קלאַנג און שטימע-וויברירונג.

איז זיין אַנאַליז געווען טרעפלעך, פון וועמען מען האָט געקענט אַ סך לערנען. און ער איז אויפן דאָזיקן געביט, אויפן געביט פון אָרגאַניזירן יידיש מוזיק און אַריינ-ברענגען דאָס בעסערע ליד און געזאַנג אין די יידישע געזעלטן געווען אַ „יחיד במינו".

אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער איז ער אויך געווען אין

זיינע לעצטע יאָרן געענוג ענערגיש, פול מיט לעבן. אַזוי האָט ער שוין די לעצטע יאָרן געגרינדעט די שטודיר־ביבליאָטעק ביי דער ביאַליסטאָקער קהלה, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַן ערנסטע גייסטיקע קוזשניע, פון וועמען עס האָבן געניאָסן פיל יונגע פאָרשער און מיט וועלכער ער האָט זיך צוזאַמען מיטן אומגעקומענעם יאשע באַכראַך, אינטערעסירט ביז די לעצטע טעג. האָט טאַקע די ידישע קהלה צוליב זיינע דאָזיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע פאַרדינסטן איר שפּעטער אָנגערופן אויף זיין נאָמען.

*

ווען די סאָוויעטן זיינען אַריין אין 1939 קיין ביאַליסטאָק, איז פּ. קאַפּלאַן געוואָרן דערוויטערט פון דער רעדאַקציע.

ער האָט זיך דאַן געפילט פאַרלוירן און פאַריינזאַמט. קאַפּלאַן וואָס איז געווינט געווען צו זיין דער טאָן־געבער און וואָרט־זאָגער, דער נערוו פון ביאַליסטאָקער גייסטיקן און קאָכעדיקן ידישן לעבן, איז אַצינד געוואָרן פאַרמשפּט צו פּאַסיוויטעט און שטומקייט, איבערצוריסן זיין נאָרמאַלע געזעלשאַפטלעכע און רעדאַקטאָרישע טעטיקייט.

האָט ער לאַנג נישט געקענט אויסהאַלטן און גלייך נאָך די ערשטע טעג, טרעפן מיר אים שוין אַרומדרייען זיך אין גאַס, שמועסנדיק מיט זיינע גוט־באַקאַנטע לייענער־אינטערעסאַנטן.

ער האָט ווי אַ מאָל געוואָלט „שפּילן" דעם רעדאַקטאָר. — געניסן פון דער הנאה — אויפצוכאַפּן ביים סאַמע פאָלק אַליין, זיינע שטימונגען און געדאַנקען. ער האָט אָבער דאַן געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק קאַפּלאַן.

ער האָט געמוזט הערן און שווייגן. פאַרנעמען — און נישט רעאַגירן אַפילו מיט אַ צאַפּל פון אויג. און ער האָט נאָך דאַן נישט געאַנט, אַז אויף זיין חלק ווי אויפן חלק פון די

ביאַליסטאָקער און די איבריקע יידן, גרייט זיך נאָך עפּעס ערגערס.

*

ווען די דייטשן פאַרנעמען צום צווייטן מאָל ביאַליס־טאָק (1941), איז פּ. קאַפּלאַן געווען אין געטאָ. אויך דאָ בעת הסכנה און אפשר דווקא דערפאַר ווייל ס׳איז „עת צרה היא ליעקב״, רוט ער נישט דער שוין זקן קאַפּלאַן.

ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון קולטור־אַמט. ער האָט געוואָלט ראַטעווען פאַר די ווייטערדיקע דורות דעם יידישן גייסטיקן פאַרמעג און דעם זכרון פון פאָלק.

ער האָט אין די דאָזיקע פאַר יידן שווערע טעג, פאַר־פאַסט צוויי פּנקסים: 1. ווענגן דער געטאָ־געשיכטע פון ביאַליסטאָקער יידנטום, 2. חורבן ביאַליסטאָק, וועלענדיק פאַרייביקן אויף דורות, דעם פּיין און טראַגישן אומקום פון ביאַליסטאָקער יידנטום.

(„דאָס נייע לעבן״, לאָדז־וואַרשע, 1947)

באריישא און סעגאלאָוויטש

שטריכן

די יידישע ליטעראַטור, ווי אַ ליטעראַטור פון אַ צעפּייניקט, ליידנד פאָלק, ליידט מער ווי אַלע אַנדערע ליטעראַטורן. זי ליידט פון יעדן קאַטאַקליזם וואָס דאָס פאָלק מאַכט אַדורך און זי ליידט נאָך באַזונדער פון איר נישט איינגעזעסנקייט.

דער טראַגישער אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן האָט אויך שיטערער געמאַכט די רייען פון די יידישע שרייבער און קינסטלער.

אַ סך פון די קאַריפייען פון דער יידישער ליטעראַטור זיינען אויף אַן אכזריותדיקן אופן אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע לייענערס פון די היטלער בעסטיעס.

און די לעבן געבליבענע זיינען נאָך אין דער מדרגה פון וואַגאַבונדן. נאָך זיינען זיי נישט סטאַביליזירט, נישט איינגעפונדעוועט, וואָס דאָס רופט זיך אָפּ אויף דעם ליטעראַרישן שאַפן ווי בכלל אויף יעדן שאַפן.

ווייל אַ שאַפן פון אַ טיפן ברייטן פאַרנעם, דאַרף האָבן פעסטקייט, אַ מעגלעכקייט צו אַ פרייע קאָנצענטראַציע פון געדאַנק און געפיל.

איז צו די דאָזיקע אומנאָרמאַלע אומגליקן, נאָך צוגעקומען דער „נאָרמאַלער״ אומגליק, דער טויט פון צוויי יידישע דיכטער און שרייבער.

*

אין איין וואָך האָט דער אכזריותדיקער טויט אַרויסגעריסן פון די אַזוי אויך שיטער־געוואָרענע רייען פון דער

יידישער ליטעראַטור און קולטור צווײ פון אירע זײַלן.

זײַנען זײ דאָך בײדע, באַריישאַ און סעגאַלאָוויטש, געווען אין זײער וועזן קודם כל דיכטער, ווילט זיך ביי דער געלעגענהייט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דיכטונג, כדי אָנ־צוּוואַרפן כאָטש אַ פּאָר שטריכן צו זייערע פּערזענלעכקייטן.

ס'איז נאָך ביז היינט נישטאָ קיין קלאָרע דעפיניציע וועגן דיכטונג. מען קען נישט אויף אַ קלאָרן פאָרמולירטן אופן וואָס זאָל זיין מאַסגעבענד פאַר אַלע ווי אַ פּסק הלכה, אָנצייכענען דעם כאַראַקטער און וועזן פון פּאָעזיע.

נאָך איז איר אָפּשאַצונג אַ סוביעקטיווע, געזעען בלויז דורך דער פּריזמע פון קריטיקער, פון זיין אייגענער אָפּ־שאַצונג און פּערזענלעכן געשמאַק־צוגאַנג.

אייניקע ווילן האָבן דעם ווערט פון אַ ליד אין איר געטאָקטן ריטמישן פערז. אַנדערע אַנטציקן זיך מיט איר בילדערישן כאַראַקטער.

אייניקע קוויקן זיך מיט דער שיינקייט פון איר פאָרם, אַנדערע מיט דער שיינקייט פון פאַרטיפטן געדאַנק. אוודאי איז לכל הדעות גוט, ווען פאָרעם און אינהאַלט לעבן צווישן זיך בשלום, ווען פאַרטיפטער געדאַנק איז אין האַרמאָניע מיטן פאַרטיפטן געפיל און זיי ביידע דערגיין צו אונז אין איין שלימות פון פאַרכישופטער פאָרעם־שיינקייט.

איך מיין אָבער, אַז צו די דאָזיקע אַלגעמיין־אַנערקענ־טע עלעמענטן, דאַרף נאָך צוקומען אַ גרונט־עיקר, וואָס איז ערשט דער סימן־מובהק פון אַן עכט ליד.

דאָס איז: אין מאָמענט פון שאַפן מוז דער דיכטער זיין איינס מיט זיין שאַפונג. דאָס ליד דאַרף זיין אַ טייל פון אים, זיין גאַנצער איך מוז אין דעם שטעקן.

עס טאָר נישט זיין קיין מחיצה צווישן יוצר און יצירה. דער דיכטער־מייסטער מוז זיך מיט אַלע זיינע חושים אין דעם אַריינלעבן, פון דער מדרגה: „כל עצמותי תאמרנו”.

אַנדערש איז עס טעכניק־אַקראָבאַטיק, פּרעכטיקע גראַמען־פלעכטעריי און נישט מער. ווען גאָט האָט געזאָגט „יהי אור" (ס'זאָל ווערן ליכטיק!), איז ער כביכול אַליין גע־ווען בלויז ליכט — אַנדערש וואָלט נישט געוואָרן ליכטיק.

דעם דאָזיקן סימן וואָלט מען געקענט אָנווענדן צו באָריישאָס דיכטונג. אַ טייל פון זיינע לידער זיינען פאַר־טיפטע תפילות, אַרויסגעצויגן פון די אייגענע פאַרטיפטע טיפענישן.

געפיל און געדאַנקען־פאַרטיפונג פלעכטן זיך דאָ צו־זאַמען אַרויסגעבראַכטע פון די תהומען פונעם אייגענעם איך. אין יעדן וואָרט שפירסטו דעם השתפכות הנפשדיקן בענקען און באַגערן צום אַל־איינעם. זעסט אַפילו ווי בחוש דעם פלאַם, וואָס ציט די יניקה פון אייביקן פלאַם:

„אַז מיין קליינע נשמה, דער ניצוץ פון דיר
בענקט און גאַרט צו זיין שורש".

אַזוי זינגט אין תפלהדיקן עקסטאַז אַ דיכטער, וועל־כער איז אין מאָמענט פון דיכטן צונויפגעגאָסן מיט זיין ליד, פילנדיק נאָר אים אַליין. אָדער נעמט אַ שורה:

ווען איך בענק נישט נאָך ליבשאַפט צו דיר,
איז ביי מיר ווי אַן אָנזאָג פון טויט.

זיין לעבן איז נאָר באַזיניקט אין בענקשאַפט צו אים. ער האָט קיין אַנדער רעאַליטעט נישט.

נאָר דיכטער פון אַזאַ פאַרנעם קענען ברענען אין אייגענעם שריפה־פלאַם פון בענקעניש און ליבשאַפט צום אור־מקור אַליין.

איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויף זיינע איבריקע אַרבעטן, פאָעמעס און דאָס גרויסע ווערק „דער גייער", ווייל איך האָב נאָר געוואָלט אָנוואַרפן כאָטש אַ שטריך.

מ'דאַרף אָבער צוגעבן, אַז מ. באָריישאָ איז געווען אַ וואַרעמער ייד, אויסער שרייבער איז ער אויך געווען אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער און האָט לעצטנס געהערט

צו די אַמעריקאַנער יידיש-אינטעלעקטועלע „בעלי תשובה״.

*

ז. סעגאַלאָוויטש איז אין זיין דיכטונג געווען פאַפּולער. געשריבן אין ריטמיש-געפאָרמטע פיר שורות און זיין טעמאַטיק איז געווען אַ לייכטערע.

ווי אַ פאַרב-קינסטלער האָט זיין פאַרינטערעסירונג-קרייז ארומגענומען אַלץ. מיט דער זעלבער לייכטקייט האָט ער געזונגען איבער בלומען, איבערביימער, ווי איבער אַ קינד. אַלץ האָט גערעגט און האָט פאַרינטערעסירט זיין דיכטערישע פאַנטאַזיע.

געווען אַ צייט, ווען ער איז געווען דער פּאָפּולערס-טער יידישער שרייבער אין פּוילן. זיינע ביכער זיינען אַממערסטן געלייענט געוואָרן.

זיינע ראָמאַנען ווי די „ווילדע צילקע״ און אַנדערע, זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן. וועלכער לייענער האָט עס דאַן נישט געקענט סעגאַלאָוויט-שן דעם דיכטער מיט דער ליולקע ?

ער האָט אויך אין די צוואַנציקער יאָרן באַזוכט כמעט גאַנץ פּוילן מיט זיינע ליטעראַרישע פאָרלעזונגען. ס׳איז דאַן געווען דער אויפשוווּנג פון דער יידישער ליטעראַטור, איר הויך-סעזאָן. און אין דעם דאַזיקן אויפשוווּנג האָט סעגאַלאָוויטש געהאַט זיין חלק.

איינס פון זיינע לעצטע ביכער איז „טלאָמאַצקע דרייצן פון פאַרברענטן נעכטן״. דער בוך איז אַ ווירדיקע מצבה פאַר די אַלע אומגעקומענע יידישע שרייבער און קינסטלער.

ער איז אַ צושטייער פאַר דער צוקונפטיקער יידישער קולטור-געשיכטע, בפרט פאַר דער קולטור-געשיכטע פון די יידן אין פּוילן.

אין דעם בוך לעבט סעגאַלאָוויטש אויף געשטאַלטן און עפּיזאָדן פון אַ צוויי צענדליק יאָר יידיש לעבן אין

פוילן. עס איז אָבער אויך אַ סעגאַלאָוויטש־בוך אין ענגסטן זין פונעם וואָרט.

דאָ דערקענט מען דעם גאַנצן סעגאַלאָוויטש. דעם האַסער פון דער ייִדישער אַסימילאַציע, „שמענדריקיזם" (זיין נאָמען). דעם האַסער פון אַלץ וואָס צעטיילט, צעררייסט אינעם ייִדישן לעבן.

דעם פיינט־האָבער פון אַריינגעטראָגענעם פּאָליטישן גרילץ אין זיין ליטעראַרישן פּאַלאַץ. און מען פילט אויך דעם דיכטער.

מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט, פּיעטעט־געפיל מאָלט ער שרייבערישע כאַראַקטערן און פּען־מענטשן, וועלכע געהערן שוין צום פאַרברענטן נעכטן, וואָס זיינען צוזאַמען מיט זיין באַליבטער „בודע" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש.

אַפילו אין זיין אָנגרייפן אייניקע כאַראַקטערן פילט מען אַרויס זיין ליבע און איבערגעגעבנקייט פאַרן ייִדישן פאָלק און זיין ליטעראַטור.

ער בייזערט זיך נישט סתם, אוודאַי נישט צוליב עגאָ־איסטישע אינטערעסן, נאָר צוליבן פאַרשוועכן זיין „בודע", זיין ליטעראַרישן היכל, אָדער צוליבן אַרויסווייזן אַ גאווה־דיקייט צו די איבריקע, און אָנרירן דעם אויטאָריטעט פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אינעם פאַנטעאָן פון זיין טלאָמאַצקע דרייצן האָט יעדער זיין אָרט. נישטאָ ביי אים קיין יחסנים, זיין פאַרנאַס איז נישט פאַרפּאַנצערט.

פאַרקערט, אויפגעפּראַלטע זיינען די טירן צו אים. ער ליידט אָבער נישט קיין „מחללי הקודש" — ווער זיי זאָלן נישט זיין. ער פאָדערט אחריות פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ טייל פונעם פאָלק.

אַטאַקירט ער טאַקע אַ שרייבערישן גדול פאַר זיין קריכן צו די גויים... ער גיט אַוועק די ערשטע שטול פון פאַרנאַס צום בייזן טאַלאַנטירטן דיכטער.

ער וויל ס'זאָל הערשן שלום און האַרמאָניע אין זיין „בודע".

די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן נאַציאָנאַל געפּיל־פּולער. האָט געלעבט פון פּערציקסטן יאָר אין ארץ־ישראל. קומענדיק צו גאַסט קיין אַמעריקע, איז ער אין ניו־יאָרק געשטאָרבן אין בענקעניש און נאָגעניש נאָך זיינע פּוילישע יידן.

אַ באַליסטאָקער, האָט ער פאַרמאָגט די ביאַליסטאָקער פאָלקסטימלעכקייט און רירעוודיקייט. זיין לעבנס־וועג איז אָבער נישט געווען באַצירט מיט קיין רויזן און האָט גע־לעבט אַן איינזאַם לעבן.

ווי אַ סך נאָכן היטלער־קאַטאַקליזם, האָט ער זיך נאָך ענגער צונויפגעבונדן מיטן פאָלק. זיין איינזאַמקייט האָט ער אינגאַנצן פאַרטרונקען אין די אינטערעסן פון פאָלק און זיין ליטעראַטור.

צוויי אבדות אין איין וואָך. און ווער וועט זיי פאַר־בייטן ?

(„ציוניסטישע שטימע", פּאַריז, אַפּריל, 1950)

י. אפּאַטאָשו „דער לעצטער אויפשטאַנד"

בוך איינס: ר' עקיבא

אַפּאַטאָשו, איז אַ געניטער באַקאַנטער שריפטשטעלער און דערציילער. ער האָט שוין אויף זיין שריפטשטעלערישער קאַנטע, אַ געניטער ביסל אָפּשפּאָרונגען לאָקירט אינעם אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור. וואָלט אַפּאַטאָשו מער נישט אָנגעשריבן ווי זיין מאָנומענטאַל ווערק „אין די פּוילישע וועלדער", וואָלט אויך זיין אָרט אינעם יידיש-ליטעראַרישן פּאַרנאַס געווען געזיכערט. בפרט, ווען צווישן „די פּוילישע וועלדער" און „ר' עקיבא", איז „פאָלג מיך אַ גאַנג".

אַפּאַטאָשו, איז אָבער נישט בלויז אַ שריפטשטעלער וואָס ווערט פאַרכאַפּט פון אַן ארוסגעבראַכטע שורה, אָדער אַ קינסטלער, וואָס פאַרכליניעט זיך מיטן ביסל שיינקייט סתם אַזוי אין דער וועלט אריין, ווי די זון טוט זיך אַ שפּיל מיטן פאַרגיי און אויפשיין יעדן אָוונט און פרימאָרגן, נאָר ער איז אויך אַ יידישער געדאַנקען-שטעלער, — פאַר וועמען ליטעראַטור אַליין איז אַ נאַציאָנאַלע שליחות.

משה האָט זיין שליחות מקבל געווען פון סיני און זי איבערגעגעבן צו די אַנשי כנסת הגדולה. און אַפּאַטאָשו האָט געוואָלט די המשכדיקייט-שליחות, ווייטער ציען.

די דאָזיקע אידעע, האָט אַפּאַטאָשון געדינט פאַרן ריכט-שנור אין זיין לעצטן בוך „דער לעצטער אויפשטאַנד". די געשיכטלעכע פאַבולע, צו די אמתע רעאַליטעט, איז ביי אַפּאַטאָשון נישט מער ווי: „כחומר ביד היוצר"; ווי דאָס ליים אויסצוקנעטן פון דעם זיינע אייגענע אידעען און זיי צו געשטאַלטן.

די דערציילונגען זיינען דאָס געפעס דורך וועלכן דער שריפשטעלער פירט אַדורך זיינע געדאַנקען וועגן וועלט־פאָלק, המשך און נצח ישראל. זיי זיינען די מיטלען מיט וועלכע ער באַנוצט זיך פאַרן נאַציאָנאַלן היה הוה ויהיה, — (דימענסיעס פון אייביקייט) ווי ר׳ עקיבא באַנוצט זיך מיטן אָפגעפרעמדטן יידישן קאַפּיטאַן טעאָדאָטוס (נוסח אָפּאַטאָשו) פאַרן באַפרייונגס אויפשטאַנד, כדי צו ראַטעווען דאָס פאָלק און די יידישקייט, ווי די פאַרעם פונעם פאָלקס זיין. — דערפאַר טאַקע, צוליב דער גרויסער תאווה פון אָפּאַטאָשון צו פאָרמען אידעען, זעט אונדז אוים אָפטמאָל זיין דערציילערישע פאַרעם, ווי אַ באַשרייבענדיקע דערציילונג. דאַכט זיך אונדז, ווי די דערציילערישע געדאַנקלעכקייט, — נעמט די אויבערהאַנט איבערן געשילדערטן, געמאָלטן. אין דער אמתן אָבער, זיינען אינעם בוך פאַראַן גענוג מאָלערישע ערטער וואָס קענען אונדז פאַרכאַפּן. ווי למשל : „ס׳פערד אָנגעזאָטלט, איז געשטאַנען אויף דריי פיס, מיטן פערטן האָט עס געשליידערט שטיינדלעך.

דער קלוגער קאָפּ — דאָ פאַריסן, דאָ אַראָפּגעלאָזט — האָט זיך געוויגט הין און צוריק. דאָס האָט דער אָגער געוואָלט אויסשפייען דעם אייזערנעם פאַרשוימטן מושטיק, וואָס איז געלעגן ביי אים אונטער דער צונג. טאָבי האָט אים פעסטער אָנעם געטאָן פאַרן צוים. ס׳אייזנדל אין מויל האָט פאַרקוועטשט די פיסק־ווינקלען. דער נישט־גוטער האָט זיך צעשפּילט ביים אָגער צווישן די אויגן. ס׳פערד האָט זיך אַ רים געטאָן אויף די פאָדערשטע פיס און מיט די אונטערשטע גענומען שיסן אין דער לופטן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די טויבן, וואָס האָבן זיך געמיטלעך שפּאַצירט איבערן הויף, זיינען פון שרעק זיך צעפלויגן". (זייט 23).

אָפּאַטאָשום שטייגער פון מאָלן, איז נאָר אַ ביסל אַ קורץ־אָטעמדיקער. ער האָט נישט קיין צייט צי פאַרנעמען זיך מיט אָלע דעטיילן פון בילד. פאַר אים איז גענוג צו

געבן אַ פּאָר שטאַרקע שטריכן. און זאָל זיך אויך דער לייענער מטריח זיין, אַריינלעבן זיך אינעם געשילדערטן, ווערן דערמיט איינס, כדי ווי אַ מיטשאַפער מיטן מייסטער, — עס אַליין ווי אַ פאַרענדיקט בילד אויספילן און אויפנע־מען.

*

ס'איז די צייט פאַרן אויפשטאַנד, איייניקע צענדליק יאָר נאָכן צווייטן חורבן. אין רוים הערשט אַדרינוס קיסר. ארץ־ישראל איז אינעם טאָפלטן קלעם פון רשעותדיקן אַדרינוס וואָס זאָגט צו און טוט דאָס פאַרקערטע, און אונ־טער דעם פּראָקוראַטאָר טורנוס־רופוס, אַ געוואָרענער מין, (יידישער קריסט). די יידן ליידן אי פון די אויסערלעכע שונאים, אי פון די אייגענע, די מינים. טראָץ דעם וואָס די יידן זיינען גיך געקומען צו זיך נאָכן חורבן, קענען זיי אָבער נישט שלום מאַכן מיטן גורל פון פאַרוויסטן ירושלים, זייער קרוין פון קאָפּ. אין געהיים ווערט אָבער געוועבט אינטרי־געס, נישט נאָר צו פאַרוואַנדלען ירושלים אין אַ געצנדי־נערישע שטאָט, נאָר בכלל אָפּצווישן דאָס פּנים פון יידענ־טום. אונטער די קלעפּ פון די גזירות קעגן זייער יידישקייט, ווי אויך, קעגן זייער מאַטעריעלן מצב, ווערן די יידן נאָך מער צערייצט און גרייטן זיך צום אויפשטאַנד קעגן רוים.

*

דאָס בוך פירט אונדז אַריין אין דער שטוב פון שמעון בר־כבוסה וואָס אין יריחו. יהושע, אַ געבילדעטער זון פון רייכן בר־כבוסה און ר' עקיבאס אַ תלמיד, איז פאַרליבט אין ר' עקיבאס איינציקער טאָכטער צפּרה. יהושעס מוטער נעמי, וויל נישט דעם שידוך. זי ציט איר יחוס פון הלל הנשיא און העט, העט, פון סאַמע דוד המלך. דער עיקר ציט איר אָבער צו מלכות. זי רייסט זיך משדך צו זיין מיטן אַסימילירטן רייכן לוליאַנוס, פּנחס בן לוי פון קסריה,

אַדרינוסעס אַ מקורב, כדי זיין נאָענט צו מלכות און באַקו־מען פאַר איר זון אַ שטעלע ביי רוים.

איינצייטיק וויל זי איר טאָכטער מרים פאַרבינדן מיטן אינטעליגענטן פּאַפּיאַס, דעם זעלבן לוליאַנוסעס אַ זון.

יהושע און פּאַפּיאַס, ביידע תלמידים און פאַרערער פון ר' עקיבאַן, זיינען איינצייטיק די סעקרעטאַרן פון עקילס הגר, אַ גרויסער רוימישער מיוחס און דער שטאָט־טאַטע פון יריחו. זיי העלפן אים איבערזעצן דעם תנ"ך אויף גריכיש. דער פעסטער ווילן אָבער פון יהושע צו נעמען צפּרהן און דאָס אַריינמישן זיך לטובת אים פון איינפלוס־רייכן עקילס, וואָס שטרעבט אַליין צו דערהייבן יהושע פאַר אַ מקורב למלכות, — ברעכט די עקשנות פון נעמי. יהושע רייסט איבער מיט טעריפעראַן לוליאַנוסעס עלטסטע טאָכטער און פריערדיקע נעמים באַגערטע — און האָט התנוה מיט זיין געליבטער צפּרה. לוליאַנוס, אַדרינוסעס אַ בעל־טובה, און צוליב דעם פון אים אַ פּראָטעזשירטער, רייסט איבער מיטן אייגענעם זון פּאַפּיאַס און די איבריקע פּאַטריאָטן און פאָרט אַריבער קיין רוים.

ר' עקיבא גרייט צו דאָס פאָלק און שמעונען פון דאָרף כוזבא וואָס אין בית־לחם־יהודה (?), אַצינד קאַפּיטאַן טע־אַדאָטוס פון רוימישן לעגיאָן אין קאַרטאַגאַ, צו זיין ראָל ווי דער פירער פון אויפשטאַנד. דער גרעסטער טייל פון פאָלק, די עמי־הארצים און די בני־ישיבה מיט אַ טייל תנאים, זיינען מיט ר' עקיבאַן פאַרן אויפשטאַנד. ר' עקיבאַס אויטאָ־ריטעט ווערט נאָך געשטאַרקט צוליבן אָפּשרייען די נייע ארנוניה־גזירה מיט דער הילף פון יהושען און עקילסן. אויף צפּרהס חתונה ווערט אַרומגערעדט דער אויפשטאַנד. דאָ ווערט אַרויסגעפירט ר' יוחנן בן תורתה וועלכער זאָגט צו ר' עקיבאַן: עקיבא! גראָז וועט וואַקסן אויף דיינע באַקן און משיח וועט נאָך נישט קומען. (ירושלמי).

די צענטראַלע פיגור פונעם בוך, איז ר׳ עקיבא אַליין. אַרום אים דרייען זיך ווי סאַטעליטן אַרום דער זון, אַלע איבריקע. אַפילו קאַפּיטאַן טעאַדאָטוס דער שפּעטערדיקער בר־כוכבא, איז דאָ אַ נעבן־פיגור. ער שווימט ערשט שפּעטער אַרויס ביים סאַמע סוף פונעם בוך. באַווייזט טאַקע אַפּאַטאָשו ר׳ עקיבאַן אין זיין גאַנצער גרויס, ווי דער פאָטער און די נשמה פונעם אויפשטאַנד.

דאָס בוך שליסט זיך מיט דער רייזע פון ר׳ עקיבאַן קיין קאַרטאַגאַ, צוצוגרייטן מענטשן, געווער און שפּייז און דער עיקר: אים אַליין בר־כוכבאַן (טעאַדאָטוס) צו זיין ראַל און אים אַנטפּלעקן ווי דעם משיח און גואל. אינעם בוך זיינען פאַראַנען ערלעכע סצענעס וווּ מיר באַקענען זיך מיטן לעבן און שטייגער פון יענער צייט, ערב אויפשטאַנד. אַפּאַטאָשו ווי אַ קינסטלער און למדן, ווייזט אונדז נישט נאָר שטיקער צאַפּלדיקע געשיכטע, נאָר ער פירט אונדז אַריין אין לפני־ולפנים פון דער יידישער נשמה און אויפנעם. ער גיט אונדז זיין פירוש און דער עיקר זיינע אייגענע מיינונגען איבער די דערשיינונגען פון דעמאָלטיקן לעבן. דאָס בוך דינט אים ווי אַ קאַנווע אַדורכצופירן זיינע געדאַנקען. אַזוי למשל שטיצט ער די מיינונג, אַז בר־כוכבא שטאַמט פון דאָרף כוזבא אין יהודה. נאָר צוליבן נישט געלונגענעם נאָמען כוזבא — וואָס שמעקט מיט כזב (פאַלש), האָט ר׳ עקיבא אויף אים געדרשנט: דרך כוכב מיעקב — (ס׳איז אַרויס אַ שטערן פון יעקבן) און אים גערופן בר־כוכבא. ענלעכעס, ברייננגט ער אַרויס, אַז די אָנהענגערס פון אויפשטאַנד האָבן ר׳ יוחנן בן תורתה גערופן אָקסן־זון (פון וואָרט־שפּיל בן תורתה), צוליב זיין קעגנערשאַפט צום אויפשטאַנד.

אין קאַפּיטל „יידן — אַ וועלט־פאָלק״ (זייט 64) זאָגט אַפּאַטאָשו: „ס׳מעכטיקע רוים איז אומרוהיק. דאַרפן יידן גיין אין דער וועלט אַריין מיט גאָטס וואָרט, איר אַנטקעגן

טראָגן מלכות־ש־די, און דאָס טוען מיר און וועלן עס ווייטער טאָן".

*

אָבער הגם נישט מיט אַלץ מוז מען מסכים זיין מיטן מחבר, איז אָבער אָפּאַטאָשוס ליטעראַריש־געשיכטלעכער קרעדאָ, זיין גרונט־אידעע פונעם נאַציאָנאַלן היה הוה ויהיה; — דער ווינקל־שטיין פון אונדזער אייגענעם ווילן און געדאַנק.

ה. בערגנערס „אַ שטאָט אין פּוילן"

הערץ בערגנער האָט יחום ברודער, ער איז דעם דיכ־טער מלך ראַוויטשעס אַ ברודער. ער האָט אָבער אויך יחום עצמו, און דאָס איז דער עיקר, ווען מיר אים דערפּאַר טאַקע דעם יחום ברודער מיט פאַרגעניגן צורעכענען.

ווייל אָן אייגענעם ווערט, זאָגט דער יחום אבות גאָרנישט. ער איז פאַרקערט, גאָר אַן איבריקע לאַסט.

הערץ בערגנער האָט שוין אַרויסגעגעבן אייניקע פּראָ־זע־ביכער, צווישן זיי דעם ערשטן ראָמאַן „צווישן הימל און וואַסער", וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גוטע קריטיק אויך אין דער נישט־יידישער פּרעסע אין אויסטראַליע.

*

„אַ שטאָט אין פּוילן" איז די שטאָט „טיטשוב" אין גאַליציע. טיטשוב איז אייגענטלעך אַ משל און הגם אַן אויסגעטראַכטער נאָמען, קען מען דעם דאָזיקן נאָמען פאַר־בייטן אויף יעדן אַנדערן אין גאַליציע.

און נישט נאָר אין גאַליציע, נאָר אַפילו אויף יעדע אַנדערע שטאָט אין פּוילן.

מען דאַרף נאָר אַראָפּנעמען דעם גאַליציאַנער „קאַפּע־לוש" און אים פאַרבייטן אויף קאָנגרעס־פּוילישן דענקע־היטעלע. די מיליע, דער לעבנס־שטייגער און די גייסטיקע פּנימיות פון דער יידישקייט זיינען אינעם פּעריאָד פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות געווען איינע און די זעלבע.

אַזוי־אַרום ווערט פאַר אונדז דער שפּיגל פון טיטשוב, מיט אַלע זיינע שאַטירונגען — ניואַנסן און פאַרבן, נישט נאָר דער שפּיגל פונעם יידישן לעבן אין פּוילן, נאָר פון גאַנץ מזרח־אייראָפּע פאַר יענער צייט.

און אינעם דאָזיקן שפּיגל פון נאָנטער פאַרגאַנגענהייט וואָס איז שוין נישטאָ, ווערט נאָך בולטער די לעצטע טראַגעדיע אונדזערע. בכן ווירקט זיך אויס דאָס דאָזיקע בוך אויך ווי אַן אומדירעקטער צושטייער צו דער קינסטלערישער חורבן ליטעראַטור.

*

אויף העכער פינף הונדערט זייטן גיט אונדז דער מחבר אַן עפּישע קינסטלערישע באַשרייבונג פון אַ גאַנצער שטאָט, וואָס האָט געלעבט איר אייגנאַרטיק יידיש לעבן.

אַ שטאָט אַן איינגעפונדעוועטע, טיף פאַרוואָרצלטע אין אַמאָליקן פּאַטריאַרכאַלן יידיש־רעליגיעזן שטייגער, וועמענס הויפּשטאָם איז ר' ליבוש ר' חיימלס, מיט זיין פאַרצווייגטער משפחה — די „בני לייבוש" און די „צוועלף שבטים".

הגם טיטשוב האָט נאָך פאַרשידענע טיפּן, וואָס ווערן אַרויסגעפירט אינעם בוך, ווערט כמעט אַלץ קאָנצענטרירט אַרום דער דאָזיקער „בני־לייבוש"־משפחה, מיט די זין, טעכטער, אייניקלעך און קרובים.

אַפילו דער „לאָמער איגנאַץ", דער דאָזיקער נעגאַטיווסטער טיפּ פון אַלע יידישע טיפּן, איז אויך, הגם אַ קאַליע געוואָרענער אויסגעקרומטער צווייג, אַן אָפּשטאַמיקער פון די בני־לייבושעס אַ זיידע.

ער אַליין — ר' לייבוש, — איז אַ ניצוץ פון געמיראַוועך, הגם ער איז אַ זעלבסטשטענדיקע געשטאַלט. אין זיינע מעשים שטרעבט ער — אויב נישט נאָך „העכער".

אַליין אַ נישט־געקרוינטער רבֿ, איז ער תמימותדיק אין זיין גלויבן, עניוותדיק אין זיינע מעשים, באַנטשעשווייגעריש מיט זיינע אייגענע לעבנס־פאַרלאַנגען.

פאַר זיך דאַרף ער גאָרנישט, אַלץ פאַרן כלל ישראל, אַפילו פאַר כלל עולם. ערלעך אָפּגעהיטן, ווייל ער נישט זיין

קיין רב, כדי נישט צו לעבן פון דער תורה און קענען שטענדיק זיין אין שאַטן.

אַפילו סרוליען דעם „רויטן" יונגאַטש, וואָס ווינט מיט זיין חברטע אָן חופה וקידושין און וואָס מאַכט אָן צרות אין שטאָט, הייסט ער אַריינלאָזן אין שולכל, כדי זיך צו באַהאַלטן אין סאַמע שטורעמדיקן טאָג פונעם יריד.

אויך יעקב יוסף, דער ווילדער קענער, וואָס ירשנט דעם פאָטערס אייגנשאַפטן, איז אַ תמימותדיקע געשטאַלט.

ער, דער שאַרפער חסיד, ווען די צוועלף שבטים קוקן אין די אויגן אַריין, קען נישט אויסהאַלטן דעם דרוק פון די דאָגמאַטישע פענטעס.

ער קומט צום באַן זיך געזעגענען מיט ברוכן דעם ציוניסטישן פירער פון שטאָט, ווי אויך מיט זיין אייגענער טאָכטער צלאַבע, ווען זיי פאָרן אַוועק קיין ארץ ישראל.

זייטיק, שאַרנדיק זיך, אָבער ער קומט. און אַפילו ר' יחיאל, וואָס האָט פיינט די „יונגאַטשעס" בתכלית השנאה, בפרט דעם רויטן בונטאָווישטשיק אַנשל בעקער און זיין אייגענעם קוזין דעם בונטאַרן סראָל, שטעלט זיך איין בשעת הסכנה ווען עס פאַלן אַריין צו אים אין קאָוויאַרניע די זשאַנדאַרן מיטן מסור איגנאַץ, און באַהאַלט אין די הויזן אַ פעקל טריפה ליטעראַטור.

*

דער פאַטריאַרכאַלער לעבנס-שטייגער פון די בני- לייבוש, ווי אַ פאַרגאַנצטע רעליגיעזע יידישקייט, קרישלט זיך נאָך ביים לעבן פון אַלטן ר' לייבוש.

דער ערשטער פורץ גדר איז יאָשע בער, דעם עלטסטן פון די בני-לייבושעס אַ זון. הגם נאָך גאַנץ אין זיין יידיש-קייט, אָפּגעהיטן אין אַלע תרי"ג מצוות, שלינגט ער אָבער מיט אַ ווילדער נייגעריקייט יעדן טריף פסול.

ער איז דער ערשטער פון די בני-לייבוש, וואָס נעמט

אויף דעם ציוניזם מיטן גאַנצן פלאַקער פון זיין התלהבות־דיקער נשמה.

ער איז דער, וואָס גייט אַרויס אין גאַס און שרייט ווי אַ באַנומענער: אַ, געוואַלט יידן, ראַטעוועט זיך, פאָרט קיין ארץ ישראל! און ער פאָרט טאַקע אַוועק.

נישט בלויז דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם ברעכט זיך, (און עס העלפט אַפילו נישט די „משכנתה", וואָס די בני־לייבוש וואַרפן אַריין דעם קאַליע געוואָרענעם יאָשע־בער), נאָר אויך דער איינגעפונדעוועטער עקאָנאָמישער שטייגער. ס'איז די צייט פון „גראַבסקעס עגלה".

שילדערט אונדז טאַקע דער מחבר ר' עזריאל מערזל און זיין מאַטעריעלע געפאַלנקייט, וואָס ווערט אויך די סיבה פון דער ליבע־אינטריגע, וועלכע שפּילט זיך אָפּ מיט עטעלען — איינע פון די הויפּט־פיגורן אין ראָמאַן.

דער מחבר וויל אונדז ווייזן דאָס גאַנצע געזעלשאַפט־לעכע לעבן פון אַ שטאָט אין פוילן. ער פירט אונדז דעריבער אַרויס ראובן פלאַנט און צאַלקע דעם שניידער — די בונדי־שע קעמפער — ווי אויך אַנשל בעקער און סרוליען, די קעמ־פער פאַר דער וועלט־דערלייזונג אינעם סאָוויעטישן נוסח.

דאָס איינציק פּאָזיטיווע ביי די בונדיסטן איז זייער אַרבעט פאַר יידיש, ווי דאָס איינציק פאָזיטיווע פון די קאָמוניסטן איז: דאָס אַריינזעצן די אַרויסגעוואָרפענע אלמנה צוריק אין איר דירה אויף דער נאַכט. (דווקא ליבע־ראַלער הומאַניזם).

דערפאַר אָבער קומט בולט אַרויס דער אומגליקלעכער פאַנאַטיזם פון ראובן פלאַנט, וועלכער שטערט יעדן געדאַנק פון פאַרלאָזן טיטשוב אין יענע שווערע אָנקומענדיקע צייטן, — דאָס זעלבע טוען די סאָוויעטישע אָנהענגער, פון וועמען די שטאָט שטייט אויס געברענטע צרות.

זיי זיינען אָבער ערלעך מיט זיך, מיט זייערע אייגענע

איבערצייגונגען (לויטן מחבר), פון וועלכע זיי פאַלן אגב, אַליין אַ קרבן.

אויפן פאַן פונעם יידישן לעבן באַקענען מיר זיך אויך מיט די שטאַטישע קריסטן, די „מיעשטשאַנעס", וואָס שיכורן זיך אָן לכבוד דאָס שמדן זיך פון שפּיצל איגנאַץ, אויסלאָזנדיק זייער שמחה צום געטרייען שמש פון ר' לייבושן, איטשעלע ראַבס און צו סתם יידישע הייזער און קראָמען.

מיר זעען אויך דעם בירגערמייסטער מיט זיין יידישן שותף ר' זלמן מייסטער, דעם נישט־סימפּאַטישן איינרייסער — און דעם „פּאַזנאַנטשיק", די יאַנאַווע, און די כראַביעס.

שיין איז געמאָלן די „פּיאַקערס", די פריילעכע קבצנים און די חדר־ייִנגלעך מיט זייערע קונדסישע שטיק.

*

„אַ שטאָט אין פּוילן" האָט אויך אַן איידעלען הומאָר, וואָס שפּריצט ווי פון זיך אַליין אַרויס פון די שילדערונגען. דער דערציילערישער סטיל איז אַ לייכטער. די שפּראַך אויסער אייניקע אויסנאַמען, וואָס וואָלטן געקענט אָן שאָדן פאַרן בוך אויסגעמיטן ווערן, איז אַ פּאָפּולערע.

די אַריינגעפלאָכטענע העברעישע רעדנסאַרטן גיבן צו דעם סטיל אַ באַזונדערן חן. דאַקעגן איז פעלערהאַפט צו באַנוצן אַזעלכע אויסדרוקן ווי : „עקזיצירן" א.א.וו. וואָס קלינגען שלעכט אין יידישן אויער אַפילו אויב זיי זיינען לאָקאַליזמען.

אויך איז דאַכט זיך, איבעריק די איבערחזרונגען ביים מאָלן די טיפּן־כאַראַקטערן.

אין אַלגעמיין אָבער איז „אַ שטאָט אין פּוילן" אַ ווערטפולער צושטייער פאַר דער יידישער פּראָזע, און דער יידישער ליטעראַטור איז זיכער צוגעקומען אַ גוטער פּראָזאיקער, כן ירבו.

דאָס בוך ענדיקט זיך בכי טוב. עס ווערט געלייזט

אין זייט פון דער אינטריגע, וואָס בילדעט דעם דראַמאַטי־שן ליבע־קנויל פונעם ראָמאַן און וועמענס העלדן זיינען: ר׳ אשר גביר פון די „בני־לייבוש", געשדכנטער מחותן ר׳ עזריאל מערזל, שדכן, קלמן פּאַסעסאַר, דער חתן דאָוו־טשע ר׳ אשרס זון און די הויפּט־העלדין עטעלע.

דאָוושען מאַכט מען חתונה מיטן רייכן שניט־קרע־מערס טאָכטער, און עטעלע זוכט נאָך אַרום איר באַשערטן. זי זוכט אים ביי זיך אַליין...

דערווייל אָבער האָבן מיר פאַר זיך דאָס זאַפּטיקע בילד פון אַ יידישער רייכער טראַדיציאָנעלער חתונה מיט אַלע פאַרבן אין איר גאַנצער שיינקייט.

(„ציוניסטישע שטימע", פּאַריז, 2/15, 1951)

רבי מאיר און ברוריה

היסטאָרישער ראָמאַן פון שלמה ראָזענבערג, אַרויסגעגע־
בן דורכן שאולזאָן־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1950.

רבי מאיר און ברוריה איז דאָס צווייטע בוך פון אַ טרילאָגיע, וואָס דער מחבר האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן. דאָס דריטע בוך „בר כוכבא" דאַרף נאָך דערשיינען.

אינעם דאָזיקן בוך, וואָס ציילט ביי פינף הונדערט זייטן, האָט זיך דער מחבר פאַרנומען אונדז צו דערציילן ווי עס דערקלערט אין אַריינפיר זיין פאַרלעגער שאולזאָן, פון אַ תקופה פון בערך צוויי הונדערט יאָר זינט דעם חורבן בית שני.

די דאָזיקע תקופה איז איינע פון די פאַרביקסטע און טראַגיש־העראָישסטע אין דער יידישער געשיכטע.

זי נעמט אַריין אַ צייט־אָפּשניט, וואָס האָט געאָטעמט מיטן הייסן אָטעם פון קאַמף פאַר דער אייגענער פּאָליטי־שער סוווערעניטעט און מענטשן־ווירדע.

זי איז אויך אַן „על פרשת דרכים'דיקע", — ווייל אין די דאָזיקע צוויי הונדערט יאָר האָט דער יידישער גייסט געמאַכט זיין אייגענעם חשבון הנפש.

אָדער איינגיין אויף פשרות מיט רוים און מיט דער דעמאָלטיקער געצענדינערישער וועלט, אָדער נאָך מער זיך אָפּשליסן אין די אייגענע ד' אמות, פאַרשטאַרקנדיק די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע עקשנות.

אויסגעקליבן האָט ער דאָס צווייטע. וואָרעם דווקא די שווערע נסיונות, וואָס דער יידישער גייסט איז אויסגע־שטאַנען דורכן פיזישן און גייסטיקן געראַנגל מיט רוים,

האָבן אים נאָך מער פאַרהאַרטעוועט און פאַרעקשנט אינעם אייגענעם נאַציאָנאַלן מהות.

אין דער דאָזיקער תקופה איז אויך פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד פון בר כוכבא קעגן רוים, מיט וועמענס שיל־דערונגען דער מחבר הייבט אָן זיין ראָמאַן.

שילדערן אַ תקופה וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אַזאַ רייכן דראַמאַטישן שטאָף איז נישט אַזוי גרינג. דער היסטאָריש־דערציילערישער „וועג" פון אַזאַ צייט־אָפּשניט איז אַ „גליט־שיקער" און זייער דעליקאַטער.

מען דאַרף גוט מאַניפּולירן סיי מיטן דערציילערישן שטאָף, סיי מיטן סיפּור־המעשה, מען זאָל נישט געשטרויכלט ווערן.

*

אינעם בוך ווערן אַרויסגעפירט אַ רײ באַקאַנטע תנאים און היסטאָריש־רייצנדיקע געשטאַלטן, ווי: רבי עקיבא, רבי חנינא בן תרדיון, רבי שמעון בן יוחאי, רבי יוסי בן חלפתא א. א., ווי אויך די רייצנדיקע תלמוד־געשטאַלט אלישע בן אבויה (אחר) און בר כוכבא אַליין.

די צענטראַלע פיגורן פון ראָמאַן, דער אַקס פון דער גאַנצער סיפּור־המעשה זיינען רבי מאיר, דעם תנא רבי עקיבאס תלמיד און די טאָכטער פון רבי חנינא בן תרדיון (פון די ערשטע הרוגי מלכות), אַ מיטצייטלער פון רבי עקיבא, ברוריה. און אָט אַרום זיי וועבט זיך דאָס גאַנצע געוועב פון דער מעשה.

פירט אונדז טאַקע דער מחבר גלייך פון אָנהייב אַריין אין הויז פון רבי חנינא בן תרדיון, דעם ראש פון בית מדרש אין גליל־שטעטל סיכנין, כדי אונדז צו באַקענען מיט דער הויפּט־העלדין, די געלערנטע ברוריה, וואָס פאַרליבט זיך אין רבי עקיבאס בעסטן תלמיד מאיר, דעם שפּעטערדיקן רבי מאיר, איר מאַן.

דער גרונט־קערן פון דער סיפּור־המעשה איז ווי אין

יעדן ראָמאַן, די ליבע־אינטריגע. מאיר, אַ יונגער, פעיקער תלמיד, וואָס לערנט מיט התמדה אין דריי בתי מדרשים, ליבט זיך אין דער שיינער, יונגער תמר.

אויך תמר, אַן איינזאַמע און פאַרשטויסענע פון דער יידישער סביבה, איז אין אים שטערבלעך פאַרליבט. קומענ־דיק אָבער אין קאָנטאַקט מיט זיין צווייטן רבין, רבי חנינא בן תרדיון, באַקענט ער זיך מיט זיין טאָכטער, דער קלוגער ברוריה, וועלכע האָט שוין לאַנג פון אים געטרוימט.

מאיר, הגם ער ליבט מער תמרן ווי ברוריהן, האָט ער פונדעסטוועגן חתונה מיט ברוריהן צוליב איר געלערנט־קייט, ווי אויך צוליבן יחוס — פון רבי חנינא בן תרדיון.

נאָכן דערמאָרדן ר׳ חנינאן דורך די רוימער, נעמט רבי מאיר איבער דעם „כתר של תורה" און ווערט אויף ר׳ חנינאס אָרט דער ראש פון בית מדרש אין סיכנין.

אין בית המדרש אַנטוויקלט ער זיינע געדאַנקען, צווישן וועלכע איינער איז וועגן פרויען, ער האַלט: „נשים דעתן קלה עליהן" ... פרויען זיינען לייכטזיניק.

און צוליבן עקשנותדיקן האַלטן זיך ביים דאָזיקן געדאַנק, ווערט ער געשטרויכלט אין דער היץ פון דער דעבאַטע. ווען זיין בעסטער תלמיד נחוניה פרעגט אים, צי אויך ברוריה איז לייכטזיניק, פאַלט ער אַריין אין זיין אייגענעם פלאָנטער און ענטפערט: „אויך ברוריה איז לייכטזיניק" !

*

קייקלענדיק זיך ווייטער אין דער אייגענער נעץ, באַפעלט ער מעשה שטן, אַז נחוניה אַליין זאָל גיין איר אויספּרוּוון, איר זיין אייגענער פרוי.

ליבנדיק אַליין אויך די שיינע ברוריה, פירט ער אויס זיין רבינס באַפעל. ברוריה ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כוחות, זי שטייט אויס אַ שווערן נסיון, — זי גייט אָבער

אַרוים פונעם דאָזיקן נסיון אַ ריינע, זי זינדיקט נישט מיט נחוניהן.

אויסגעמאַטערט אָבער פון די דאָזיקע שווערע ראַנג־לענישן מיט זיך אַליין, געשענדעט און צעפייניקט פון דער באַליידיקנדיקער עובדה, וואָס איר אייגענער היים־געליב־טער מאַן רבי מאיר האָט איר פאַרורזאַכט, — נעמט זי זיך אַפּ דאָס לעבן.

אויך נחוניה צעפייניקט פון אומגעשטילטער ליבע און פון שולד־געפיל לגבי דעם קרבן, — וואַרפט זיך אין כנרת.

און רבי מאיר, איר מאַן, אַליין אַ דערשלאָגענער פון רעזולטאַט פון זיין אייגענער נישט־באַרעכנטקייט, נעמט אויף זיך דעם עונש פון גלות, ער גייט אַוועק אַ לעבנס־רעזיגנירטער אויף אייביק קיין בבל, און שטאַרבט אויף פרעמדער ערד.

*

עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע: צי מעג אַ יידישער קינסטלער זיך אַלץ דערלויבן, בפרט אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן?

צי איז די קונסט אַזוי פריי, אַז ס'איז נישט פאַראַן פאַר איר קיין גרענעץ?

די געשטאַלט פון רבי מאירן, ווי פון אַנדערע אַזעלכע געשטאַלטן, רופן אַרוים צו זיך ביים פאָלק, פאַרערונג און פיעטעט. יעדנפאַלס דאַרפן זיי כאָטש ווי געדאַנקען־טרע־גער, ביי אונדז אַרויסרופן אַ געוויסן רעספּעקט און דרך ארץ.

פרעגט זיך, צי מעג מען צוליב קינסטלערישער תאווה פאַרבלאָסן אַזאַ געשטאַלט ווי רבי מאיר, שילדערנדיק אים ווי דער, וואָס שיקט זיין תלמיד אויספּרווון זיין אייגענע פרוי, דערפירענדיק זי דורך דעם צו אַ פאַרצווייפלטן זעל־בסטמאָרד, אַפילו ווען מען געפינט אויף דעם אַ געוויסן מקור־אָנווונק אָדער אָנשפּאַר?

און הגם אין ליטעראַריש־קינסטלערישן רעאַליזם איז נישט פֿאַראַן קיין קדושה — ווייל שוין דאָס בלויזע שיל־דערן אויף אַ רעאַלן פֿלאַך די פּערזענלעכע מאָמענטן פֿון אַ מענטשלעך לעבן, ווי גרויס דאָס זאָל נישט זיין, נעמט שוין אַוועק פֿון אים יעדן שיין פֿון הייליקייט, איז אָבער דער קינסטלער אַליין פֿריי אין זיין אויסוואַל — ער מוז נישט דווקא אַרויסברייינגען אַזעלכע מאמענטן, וואָס זאָלן די פֿאַרערטע געשטאַלט אַראָפּרייסן, אָדער איר איינגאַנצן פֿאַרבלאַסן.

אין אַלגעמיין אָבער פֿאַרמאָגט דאָס בוך אַ גוטן דער־ציילערישן שטאָף און איז רייך אין היסטאָריש־באַלערנדיקע מאַטעריאַלן.

דער מחבר פֿאַרמאָגט אַ גוטן לשון און אַ לייכטע האַנט. — זיין סטיל איז אַ פֿאָלקסטימלעכער און צוגענג־לעכער. ער פֿאַרמאָגט אויך די מיטלען צו פֿאַרינטריגירן און האַלטן אין שפּאַנונג דעם לייענער.

און דאָס בוך איז לויט מיין מיינונג, אויסער דעם דאָזיקן טעמאַטישן פֿעלער, אַ גוט פּראָזע־ווערק און שלמה ראָזענבערג קען לויט זיינע קוואַליטעטן אונדז נאָך שענקען אַ סך גוטע פּראָזע־ביכער.

(„ציוניסטישע שטימע”, פּאַריז, ערב פּסח, 1952)

שלום אַש ווי אַ יידישער שרייבער

ס'איז איבריק צו זאָגן אַז שלום אַש איז אַ גרויסער שרייבער און קינסטלער. ער האָט אויף זיין קאָנטע אַ ריי וואָגיקע ווערק וואָס וועלן טראָץ דעם שפּעטערדיקן, דעם אַנדערן אַש, בלייבן אין גאָלד-אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

אויב דער שרייבער פאַר זיך אַליין איז אַ רשות היחיד, ער איז אַ פּריוואַט-מענטש ווי יעדער אַנדערער, איז אָבער דאָס געשריבענע וואָרט, דאָס וואָס דער שרייבער פאַרעפנטלעכט, אַ רשות הרבים.

דאָס קינסטלערישע פונעם וואָרט-קינסטלער, ווי דאָס געדאַנקלעכע און מעדיטירטע פונעם דענקער, איז אַ פאַרמעג וואָס געהער צו דער גאַנצער געזעלשאַפט אויף אַלע צייטן.

און ווי דער שרייבער זאָל אין פאָרויס נישט באַוואָרענען די רעכט אויף זיינע ווערק, קען ער אָבער נישט באַוואָרענען אַז דאָס נישט-טאַלאַנטירטע און שעדלעכע פון זיי, זאָל נאָכן פאַרעפנטלעכן קענען ווערן צוריקגעצויגן.

דער מענטש קען נאָר חרטה האָבן אויף זיינע פעלערן, ער קען אָבער דעם פעלער אַליין שוין נישט צוריק נעמען.

*

און פונקט ווי די יידישע ווערק פונעם ערשטן אַש, אַזוי וועלן אויך די ווערק פון דעם שפּעטערדיקן, דעם אַנדערן אַש, וואָס האָט זיך געפּרוווט אויסדרייען מיטן רוקן צו זיין פאָלק, צום באַדויערן בלייבן אין עמעצנס אַ שאַנקאַמער. אָבער נישט אין אונדזערן.

מחמת זיי געהערן שוין לכל הפחות צו אַן אַנדער

קאַטעגאָריע און ספערע. צו אַ ספערע, וואָס איז אין סביבה און שטייגער, אין מיליע און אַטמאָספערע, נישט יידיש.

און נישט נאָר זיינען טיילן פון זיי נישט יידיש, נאָר בפירוש, און דאָס נישט בלויז אינעם רעליגיעזן, נאָר אויך אינעם נאַציאָנאַל־פאָלקישן זין, יידיש־פאַרלייקנדיק.

און מעג אין געוויסע ערטער זייער נישט־יידישקייט ווערן פאַרדעקט מיט אַ פייגענבלאַט פון הומאַניזם, איז דאָס אַ בפירושע אויגן־פאַרבלענדעניש.

אַ פאַרבלענדעניש, וואָס ווערט אַדורכגעפירט אַ דאַנק אַש׳ס ראַפינירטע קינסטלערישע מיטלען. און דאָס איז גאָר זיין כוח. דער כוח פון קרעפטיקן מאָלן און שילדערן.

שילדערן אַזוי, אַזוי מאַניפולירן מיט די פאַרבן, אַז די סאַמע גרונט־קאָלירן זאָלן זיין אי ווי צוזאַמענגעמישט אי ווי באַזונדער.

און דער זייטיקער צוקוקער אָדער נישט ראַפינירטער לייענער זאָל מיינען, אַז אַש׳ס דאָזיקע היפערן „על שני הסעיפים״ (טאַנצן אויף צוויי שוועלן), איז נאָרמאַל און אומשולדיק.

און אין דער אמתן האָט אַפילו אויך הומאַניזם אַ גרענעץ. ווייל הומאַניזם, וואָס פירט צו נאַציאָנאַלער פאַרטיליקונג, מעג דאָס אַפילו גורם זיין צו אַ בלוטלאָזער פאַרטיליקונג, איז פונקט אַזאַ פאַרברעך ווי די פאַרטיליקונג פונעם יחיד.

*

אַש דער קינסטלער איז גאָרנישט אַזוי שטאַרק אינעם אַרכיטעקטאָנישן געבוי פונעם ווערק. נישט אין דער קאָנסטרוקציע איז זיין מייסטערשאַפט, נאָר אין דעם גרויסן חשק, אין דער פאַרגאַפטער תאווה צום דערציילן און שילדערן.

נאָר על פי טעות ווייזט אויס, האָט אַש פאַר זיין

באַשטימונג אינעם לעבן אויסגעקליבן ליטעראַטור און נישט מאַלעריי. און נישט איין מאָל נעמט אַש און צעברעכט בידים דעם אייגענעם מיט אַזוי פיל מי אויפגעשטעלטן בנין, צוליב אַ קאַרנײַזל, אַ שטיקעלע אָרנאַמענטיק, אָדער אַזוי עפּעס אַ שיינע פאַנטאַזיע.

אויך אין דער שפּראַך, אינעם קינסטלערישן וואָרט, איז ער גאָרנישט אַזוי אָפּגעהיט און במילא נישט שטענדיק מייסטעריש. זיין פּראָזע, דווקא די פּרעמדע די נישט־יידישע, איז פול מיט פּובליציסטישע רעדנס־אַרטן.

און דאָס איז נאַטירלעך. ווייל דאָס איבערגעבן אַ נישט־איינגעלעבטן, דעם יידישן גייסט און געמיט פּרעמדן לעבן און שטייגער, מוז פירן צו געקינצלטקייט, ווי די נישט ערנסטקייט אין סוזשעט און טעמאַטיק, פירט צו אידעיִשער לויזקייט און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווייל מיטן בלויזן פאַרכליניען זיך מיט דער שיינקייט, מיט בלויזער עסטעטיק, קען מען נישט שרייבן קיין ווערק. אָן אַ אידעע איז אויך קיין שיינקייט נישט פאַראַן.

אויך אינעם געמאָלטן דאַרף מען גלויבן. אויך דער פּרייסטער מאָלער מוז גלויבן אין דער פאָרעם־שיינקייט פון זיין געמאָלטן בילד, ווי אינעם סוזשעט פונעם געמאָלטן אָביעקט.

אָבער אונדז גייט דאָ נישט אין דער קינסטלערישער אויסגעהאַלטנקייט פון אַש'ס נאַציאָנאַל־פאַרלייקנדיקע ווערק, ווי אין זיין אייגענער יידישער.

מיר פּרעטענדירן גאָרנישט אויף אַן אויסשעפּנדיקע קריטישע אָפּשאַצונג פון זיינע לעצטע ווערק, ווי מיר לייקענען נישט טראָץ זיינע קינסטלערישע בלויזן, אין זיין טאַלאַנט און מייסטערשאַפט, וואָס באַשטייט דער עיקר אין זיין פליסיקן דערציילן און קרעפטיקן מאָלן.

דער ציל פון אונדזער באַהאַנדלונג איז שלום אַש נישט ווי אַ סתם קינסטלער, נאָר ווי אַ יידישער שרייבער.

אונדז אינטערעסירן זיינע לעצטע ווערק ווי ווייט זיי זיינען יידיש, אָדער נישט־יידיש. ווען מיר זיי אַנאַליזירן דער עיקר לויט זייער אידעיש־טעמאַטישן אינהאַלט.

אונדזער שטאַנדפּונקט איז און קיין אַנדערער קען גאָר נישט זיין, אַז אויך אַ קינסטלער, אַ יידישער קינסטלער, האָט אַ גרענעץ. אויך ער איז אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער געטרייִשאַפט נישט מער יחסן ווי יעדער אַנדערער.

פאַרקערט, דווקא דער יידישער שרייבער, מוז זיין באַלאָדן מיט מער נאַציאָנאַלער אחריות און זאָרג פאַרן פאָלק.

ער דאַרף זיין דעם פאָלקס ווירדיקסטער שליח ציבור. אַנדערש האָט ער נישט קיין רעכט אויפן דאָזיקן נאָמען.

און קיין יידישע ליטעראַטור מחוץ דעם פאָלק איז נישט בנמצא, ווי ס'איז נישט בנמצא קיין נאַציאָנאַלער גייסט אויסער דעם פאָלק.

עס קען זיין אַ ליטעראַטור אין יידיש, ווי עס קען זיין אַ ליטעראַטור אין יעדער אַנדער שפּראַך. אָבער ס'קען נישט זיין קיין יידישע ליטעראַטור, קיין פאָלקס־ליטעראַטור מחוץ דעם פאָלק.

און מען קען נישט אין איין צייט אָנגיין פאַר אַ יידישן שרייבער און אין דער זעלבער צייט פּרעדיקן, אָדער קינסטלעריש אַדורכפירן די אידעע פון אונטערגאַנג, פון נאַציאָנאַלער צו קאָסמאָפּאָליטישער פאַרשמעלצונג.

*

שוין אין איינעם פון אַש'ס פּרעכטיקסטע ווערק, אינעם „תהילים־ייד", ווייזט זיך שוין אַרויס זיין נייגונג צום קריסטלעכן מעדיטירן.

די דאָזיקע טענדענץ זיינע, איז אמת דאָרט נאָך נישט אַזוי בולט. זי איז אָבער אַן אָנזאָג פאַרן שפּעטערדיקן אַש, פאַר דעם אַש וואָס האָט אונדז אָנגעהויבן ליפערן פולע

הויפנס מיט קריסטלעכע „מיסטעריעס״, ווי אמתע פאַר־קומענישן.

און רעדענדיק פון זיינע קריסטוס־ראָמאַנען דאַרף מען זאָגן, אַז עס איז אַ טעות צו האַלטן דעם „מאַן פון נצרת״ (1943) פאַרן ערגסטן שלעכטס. (די איבעריקע האָב איך אַליין — נישט געלייענט).

אַוודאַי איז בלויז די צייט ווען דאָס דאָזיקע בוך איז געוואָרן געשריבן, ווי אויך דאָס בלויזע אומקריטישע פאַר־קינסטלערישן שטיקער עוואַנגעליעס ווי „געטלעכע״ אַנט־פלעקונגען און אמתע געשעענישן, נישט מסוגל צו פאַרעכע־נען עס צו שלום אַש׳ס שרייבערישע מעשים טובים.

דער אופן אָבער פון אַש׳ס באַשרייבן די פאַרלויפע־נישן, איז נישט אַנטי־יידיש. פאַרקערט, דאָ אָדער דאָרט באַמיט ער זיך צו רעכטפערטיקן, צו פאַרטיידיקן די פאַר־געשטעלטע יידישע האַנדלונגען (יהודה איש קריות א.א.וו.).

דער איינציקער אויסנאַם איז דאָרט די קריטיק לגבי דעם בית המקדש (צווייטן). איז וואָס שייך דער דאָזיקער קריטיק, קענען מיר צו אים קיין טענות נישט האָבן. אונדזערע קדמונים האָבן אים אויפן דאָזיקן געביט שוין לאַנג מקדים געווען.

ס׳איז גענוג אויפצומישן די משנה „יומא״ (פרק א׳), וו עס ווערט דערציילט וועגן כהן גדול, אַז מען האָט אים אין יום כפור ביינאַכט געמוזט פאַרהערן צי ער קען די מאָרגנדיקע יום־כפורדיקע עבודה.

... „מען זאָגט אים, זאָג נאָר אַליין, אפשר האָסטו גאָרנישט געלערנט אָדער אפשר האָסטו שוין פאַרגעסן די דינים פון דער מאָרגנדיקער עבודה״ (דאָרטן).

און רש״י פרוווט דאָס פאַרענטפערן, ווייל אין דער צייט פונעם צווייטן בית המקדש האָט מען אָדער געמאַכט אַ כהן גדול פאַר געלד, אָדער צוליב פּאָליטיק, רוים האָט באַשטימט דעם כהן גדול.

אגב, וועגן זעלבן צווייטן בית המקדש ברייננגט די משנה הילני המלכה׳ס זאָג (אַ דיאַבעּנישע קעניגין), „לוקוס, לוקוס (אויף גריכיש וואָלף), עד מתי את מכלה את ממון של ישראל". וואָלף, וואָלף, ווי לאַנג וועסטו מאַכן אַ תל פון יידיש געלד (געמיינט, דאָס אוים ברייננגען יידיש געלד פאַרן מזבח).

אויב די משנה אַליין ברייננגט דעם דאָזיקן זאָג, איז עס אויב נישט ווי אַ פולע הסכמה, איז עס יעדענפאַלס ווי אַ שאַרפער קריטישער אַרויסזאָג.

און הילני המלכה איז געווען אַ געטרייע יידין אַ „גרת צדק", וועלכע האָט פאַרן זעלבן בית המקדש געגעבן גרויסע ביישטייערונגען.

אָבער מיר דאַרפן גאָרנישט אָנקומען צו די קריסטום־ראָמאַנען, כדי צו דערזען דעם אַנדערן אַש. דעם אַש, וואָס נוצט אוים זיין שרייבערישן טאַלאַנט, קינסטלעריש צו פרע־דיקן נאַציאָנאַלן אומקום, דעם פאָלקס אונטערגאַנג.

ס׳איז פאַר אונדז גענוג אַ בליק צו טאָן אין זיינע שוין „יידישע" ביכער, ווי: אין „ברענענדיקן דאָרן" און אין „איסט־ריווער", כדי זיך אין דעם צו איבערצייגן.

*

„דער ברענענדיקער דאָרן", וועמענס אָריגינעלער מאָ־טיוו „הסנה בוער באש ואיננו אוכל", איז זיכער אַ נאַציאָ־נאַל געמיינטער און קיומדיקער און וועמענס גאַנצן דערציי־לערישן אינהאַלט אַש ווידמעט אַזוי מייסטעריש דעם טראַגיש־פאַרשניטענעם דריטל פאָלק, אַפילו דעם דאָזיקן מיט שוידער און פיין אָנגעזאַפּטן בוך, איז אַש מטמא מיט זיינע עוואַנגעלישע אויסטראַכטענישן.

אויסער אייניקע בריוו געווידמעט זיין זון און די רויטע אַרמיי מיט וועלכע ער שטערט די קינסטלערישע קאָנסט־רוקציע און טעמאַטישע גאַנצקייט פונעם בוך, געפינט ער נאָך פאַר נויטיק צו געבן צווישן די איבעריקע פסיכאָלאָגיש־

אויסגעהאַלטענע דערציילונגען (אגב, אייניקע שעדעווערס), אַ שטיק ווויסטע פאַנטאַזיע וואָס נישט נאָר זי איז נישט אינעם יידישן גייסט, נאָר זי אַנטשפּרעכט אַפילו נישט די עלעמענטאַרסטע פּסיכאָלאָגישע כּללים.

אין זיין דאָזיקער „קאַשטשעלנע" מעשה, באַווייזט זיך ער אַליין ישו הנוצרי, וואָס ראַטעוועט אין דער לעצטער מינוט אַן עדה יידן פון אונטער די אייזנס און העק פון די פּאָליאַקן, אונטערגעהעצטע דורכן בלוטיקן דייטש.

הערט, אונטער דער ווירקונג פון דער אַראָפּגייענדי־קער קריסטוס־פיגור, ווערן פּלוצלונג די קריסטוס־גלויביקע־מערדער פול מיט רחמים, אַוועקוואַרפנדיק אין דער לעצטער רגע זייערע מאָרד־מכשירים.

טוט דאָ אַש צוויי זאַכן. ער נעמט און פירט אַריין אינעם בוך אַ שטיק קריסטלעך־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע, און ער פאַרפירט ווי אַ שרייבער מיט די דאָזיקע בבא־מעשות דעם לייענער. ווייל אַ נאַיווער לייענער קען אין אַ צייט אַרום אָננעמען די דאָזיקע מעשה פאַר אַן אמת.

פאַרשטייט זיך נישט די מעשה וועגן געקרייציקטנס אַראָפּגיין פונעם צלם, נאָר די געשיכטע מיטן אויפגעוועקטן מאַסן־רחמנות פון די פּאָליאַקן וועלכע אָנשטאָט צו מאָרדן, פאַלן זיי גאָר אויף זערע פּנימער אין תשובה און חרטה.

אָט אַזוי שיט אונדז נאָך אַש זאַלץ אויף די ווונדן, שענדענדיק אַליין די מצבה וועלכע ער וואָלט מיט ריינע קינסטלערישע מיטלען געקענט אויפשטעלן פאַרן אויסגע־מאָרדעטן דריטל פאָלק.

וואָרעם דער „ברענענדיקער דאָרן" וואָלט מיט זיינע שטאַרק־קינסטלערישע דערציילונגען, נאָר אָן די וואַרשע־ווער גזשיבאָוו־מעשה, אין דער ווירקלעכקייט אַזאַ הערלעכע מצבה געקענט זיין.

*

אויב אין „ברענענדיקן דאָרן" פירט אַש אַריין צוליב

זיין יודעאַ־קריסטלעכע מאַניע, אַ פֿאַרפֿירערישע, נישט פּסיכאָלאָגיש־אמתע דערציילונג, איז דערפֿאַר זיין יידיש־אַמעריקאַנער ראָמאַן „איסט־ריווער", איין שטיק פֿאַרפֿיר־עניש און נאַציאָנאַלע פֿאַרלייקענונג.

טראָץ געוויסע וואָלאַרן אינעם בוך, ווי: די ברייט־פֿונאַנדערגעוויקלטע לייוונטן פֿון אַ נאָך נישט אויסגעפּאַר־מירטע סביבה, די פֿאַרכאַפּענדיקע פֿאַרביקייט פֿון אַ פֿאַרשידענאַרטיק יידיש לעבן, ווי אויך, דאָס געשילדערטע לעבן ביי דער זייט פֿון דער קריסטלעך־עמיגראַנטישער סביבה (באַזונדער די אירלענדישע), איז אָבער אין דער אמתן, דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ טפֿל, אַ קינסטלערישער צוגאָב און אַ מיטל פֿאַר אַש'ס נאַציאָנאַל־פֿאַרלייקנדיקע אידעען.

אַלץ ווערט דאָ צוגעפֿירט און איז בכוונה געצילט צום יידיש־קריסטלעכן אויסמיש, צום קריסטלעכן רעליגיעזן און קולטורעלן פֿאַרשמעלץ. צו אַ יידיש־נאַציאָנאַלן ניהיליזם.

אַש דערציילט נישט און שילדערט סתם אַ סיטואַציע, אַ צושטאַנד אינעם יידיש־אַמעריקאַנער לעבן מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות. ער מאָלט אַפֿילו נישט ווי אַ נייטראַ־לער מאָלער, וועלכער מאָלט געטריי זיין סוזשעט.

נאָר ער מישט זיך בפֿירוש אַריין אינעם דאָזיקן יידישן לעבן. און אַריינמישן מישט ער זיך אַריין נישט לטובֿת די אייגענע, נישט לטובֿת דעם יידישן גייסט און קולטור, אין וועמענס נאָמען ער וויל דווקא רעדן און שרייבן, נאָר לטובֿת דעם פֿרעמדן אַנדערן צד.

און אויב אינעם „ברענענדיקן דאָרן" באַגייט ער אַ קינסטלעכע פֿעלשונג, אַ פּסיכאָלאָגישע נישט־אויסגעהאַלטנ־קייט, באַגייט ער דאָ אינעם „איסט־ריווער" נישט נאָר אַ עלעמענטאַרע פֿעלשונג, נאָר אַ פּשוטע רעליגיעזע און נאַ־ציאָנאַלע פֿאַרלייקענונג.

אַז משה־וואָלף דאַווידאָווסקיס יונגער זון פֿאַרליבט

זיך אין אַ קריסטין און דאָס דווקא אין אַ אַנטיסעמיטישן אירלענדערס טאָכטער, און אַז שפּעטער רייסט אַפילו דער דאָזיקער הפקר־זון מיט איר איבער צוליבן אָפּשמדן טראָץ דעם בשותפותדיקן אָפּמאַך דאָס קינד, — איז דווקא דער פרומער יידישער טאַטע משה וואָלף, דער, וואָס נעמט אַריין די גוישקע שנור צו זיך אין שטוב.

און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, זעצט דער זעלבער פרומער משה וואָלף אַוועק פּריוויטיק צונאַכטס זיין גוישקע שנור מיטן אייניקל ביי זיין שבתדיקן טיש, אַכטונג געבענדיק אַז דאָס אייניקל זאָל ביים זעלבן טיש זאָגן זיין „פּאַטשערש" (געבעט), צום פאָטער, זון און הייליקן גייסט, כדת פּאַול וקירכע (לויט די קירכלעכע געבאָטן).

*

דאָס איז נישט דער איינציקער פאַל אינעם בוך ווי אַש טרעט אַריבער די ריין־ליטעראַרישע און נאַציאָנאַלע גרענעצן.

דער גאַנצער בוך האָט נישט ווייניק אַזעלכע ענלעכע שטעלן. נאָר מיר ווילן מיטן דאָזיקן אויבנדערמאָנטן בייש־פּיל, שליסן דעם קלימאַקס פונעם אַנדערן אַש.

שלום אַש האָט זיך גענוג פאַרדינט געמאַכט פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. ער האָט צווישן אַנדערע זיי באַרייכערט מיט אַזעלכע ליטעראַרישע און נאַציאָנאַל־היסטאָרישע ווערק, ווי: „דאָס שטעטל", „ר' שלמה נגיד", „קידוש השם", „די כישוף־מאַכערין פון קאַס־טיליען" און אחרון, אחרון, „דער תהלים־ייד".

דער צווייטער אַש אָבער, דער אַש פון „ברענענדיקן דאָרן", „איסט־ריווער" און די קריסטוס־ראָמאַנען, האָט פאַרשעמט דעם ערשטן, דעם גוט פאַרדינטן.

ניו־יורק, 8/10, 1956

ביכער פון יעקב כהן:

דריי יאָר אין פוילישן מיליטער (מעמואַרן).
ביאַליסטאָק, 1930.

אין און אַרום ציוניזם, (עסייען און אָפּהאַנדלונגען).
ביאַליסטאָק, 1932.

פון אייגענעם גאָרטן (אַפאָריזמען און לידער).
פּאַריז, 1949.

אויף די וועגן פון יידישן קיום (עסייען).
פּאַריז, 1950.

לאַבירינטן פון געדאַנק (אַפאָריזמען און שפּריכווערטער).
פּאַריז, 1951.

פאָלק, גייסט און לאַנד (עסייען).
פּאַריז, 1952.

צו אַ ניי לעבן (דערציילונגען)
פּאַריז, 1953.

לעבן און טראַכטן
ניו־יאָרק, 1957.

פאַרפאַלן־געוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

פון זיך (לידער און פּראָזע).
ביאַליסטאָק.

מיט די כוואַלעס פון לעבן (ראָמאַן)
ביאַליסטאָק.

ערשטע פרוכטן (לידער)
ביאַליסטאָק.

גרייט צום דרוק:

„דער גורל פונעם ייד" (ראָמאַן)